STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11309

MIT DER BOBES OYGN

Israel Dines Kolker

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל דינעס קאָלקער

מיט דער באָבעס אויגן

ישראל דינעס קאָלקער

מיט דער באָבעס אויגן

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישראל

תל־אביב ✶ 1989 ✶ תשמ״ט

Israel Dines Kolker

MIT DER BOBES OIGN

©

פאַרלאַג י. ל. פרץ, רחוב ברנר 14, תל־אביב
I. L. Peretz Publishing House
14 Brener Str., Tel-Aviv, Israel

Printed in Israel, 1989 ,נדפס בישראל תשמ״ט

נסדר ונדפס בדפוס ״שמגר 1986״, ת״א טל. 828704



אַזוי בין איך געוואָרן אַ שרייבער ביי ייִדן *

אַנשטאָט אַ הקדמה

...איך בין געבוירן אין בעסאַראַביע אין דער שטאָט סאָראָקאָ. נאָר מיין אמתע היימשטאָט איז דאָס שטעטעלע יעדינעץ. ייִדיש האָב איך קיין מאָל נישט געלערנט. ייִדיש קען אַ ייִדיש ייִנגל פון זיין מאַמען.

די ערשטע פּרווון צו שרייבן האָב איך געמאַכט אין עלטער פון אַ יאָר צוועלף. מיר האָבן אַפילו אַרויסגעגעבן אַ שריפטלעכע העברעיִשע צייטונג די גרייס פון איין בויגן פּאַפּיר. די צייטונג האָט געהייסן „התחייה" און האָט זיך געשריבן מיט דער האַנט אין צוויי עקזעמפּלאַרן.

דריי ייִנגלעך זענען מיר געווען, וואָס האָבן זיך געקליבן ווערן שריי־בערס: דער טאַלאַנטפולסטער פון אונדז, דער לידער־שרייבער דוד קאָליס, איז אומגעבראַכט געוואָרן פון די רומענער זומער 1941, אויפן וועג קיין טראַנסניסטריע. מיט אים, מיט דודלען ז"ל, האָבן מיר אַרויסגעגעבן אַריבער דרייסיק נומערן פון אונדזער צייטונג „התחייה". ער האָט געשריבן די לידער און איך די פּראָזע. פרעגט מיך נישט וואָס און וועגן וואָס מיר האָבן געשריבן. איך געדענק נישט.

איך וויל דאָ דערמאָנען אונדזער ערשטן יעדינעצער „מעצענאַט". ער האָט, במחילה, געלקחנט ביי זיין טאַטן אין קלייט פאַר אונדזערט וועגן טינט, פּענעס און פּאַפּיר. גערופן האָט מען דעם „מעצענאַט" שלום סערעברע־ניק, שלום כּספּן. אין ישראל האָט ער געביטן זיין פאַמיליע אויף כּספּי. ער איז חלילה נישט געווען און נישט געוואָרן קיין גנב. אַ לאַנגע צייט איז ער געווען סגן ראש־העיר אין הרצליה. היינט צו טאָג — אַ בכּבודיקער פּענסיאָ־נער.

עס איז צייט צו דערמאָנען דעם דריטן שרייבער פון אונדזער דריילינג, דעם חבר פון מיינע יונגע יאָרן, יאָסעלע שיץ. היינט — ליטעראַטור־פאָרשער, זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר פון די „נייע צייטונג" — יוסף מגן.

אין יענע אַמאָליקע יאָרן האָט יוסף מגן געשריבן לירישע לידער. מיט אים אין איינעם האָבן מיר אין עלטער פון אַ יאָר פופצן אַרויסגעגעבן אין שטעטל אונדזער ערשטן און לעצטן העקטאָגראַפירטן זשורנאַל אויף 16 זייטן, אונטערן נאָמען „פונקען". דער זשורנאַל, געשריבן מיט דער האַנט און

---

* פונעם וואָרט ביים באַקומען די ליטעראַטור־פּרעמיע א"ב פון דער פּאַלקסזינגערין שׂרה גאָרבי, פאַר זיין בוך "געציילטע טעג".

געדרוקט אויף אַ שאַפּיראָגראַף אין דרייסיק עקזעמפּלאַרן האָט זיך גוט פֿאַרקויפֿט. מבֿינים האָבן אים געלויבט. דער שער־בלאַט פֿונעם זשורנאַל, וואָס איך האָב געצייכנט, קען מען זען אין דעם יזכּור־בוך „יד ליעדינעץ״, רעדאַגירט דורך י. מגן.

אין יאָר 1928, נאָך יאָרן לערנען אין גימנאַזיע, קום איך אָן אין טשערנאָ־וויצער העבּרעיִשן לערער־סעמינאַר. נאָר אין מיטן צווייטן קורס בין איך געצוווּנגען, איבער אַ שווערער לונגען־אָנצינדונג, איבעררייסן מײַן לערנען.

אין גיכן פֿאַרכאַפּן מיך לינגוויסטישע שטרעבונגען און איך באַשליס: דאָס וויכטיקסטע פֿאַר מיר איז נישט שרײַבן דערציילונגען, נאָר אומבאַ־דינגט און באַלד פֿאַרנעמען זיך מיט איבערמאַכן די וועלט. דאָס איז שפּעטער געווען די סיבה וואָס מײַן ערשטער קריטיקער, וואָס האָט קאָנפֿיסקירט אַלע מײַנע שריפֿטן, און מיך מיט זיי אין איינעם, איז געווען די רומענישע געהיים־פּאָליציי, די „סיגוראַנצאַ״.

אין יאָר 1940 אַרבעט איך ווי לערער אין דער ניי־אויפֿגעעפֿנטער אין שטעטל ייִדישער זיבן־יאָריקער שול. די צאָל שילערס דערגרייכט כּמעט 700, ווײַל אַלע העבּרעיִשע שולן האָט די ראַטן־מאַכט פֿאַרווערט און פֿאַרמאַכט.

אין דעם זעלבן יאָר האָב איך חתונה געהאַט און אַרײַנגעטרעטן מיט איין פּוס אין קישענעווער הינטעראויגיקן פּעדאַגאָגישן מאָלדאַווישן אינס־טיטוט. מיט איין פּוס, ווײַל ווען ס׳איז געקומען די צײַט צו פֿאָרן אויף זומער־סעסיע, האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה. און פֿון אַ סטודענט בין איך געוואָרן אַ סאָלדאַט.

דאָס שטעטל יעדינעץ ליגט נישט ווײַט פֿון דער גרענעץ. מײַן פֿרוי האָט קוים באַוויזן זיך צו עוואַקויִרן און אַלע מײַנע אָנגעשריבענע נאָוועלעס זענען געגאַנגען לאיבוד. שפּעטער האָט מען אונדז, בעסאַראַבער סאָלדאַטן, אַראָפּגענומען פֿונעם פֿראָנט און אָפּגעשיקט אין הינטערלאַנד. אַ מאָבילי־זירטער אין אַן אַרבעטס־באַטאַליאָן האָב איך אין משך פֿון אָנדערהאַלבן יאָר געהאָרעוועט אונטער דער ערד, ביים בויען קוילן־גראָבנס אין דער טייגע, מיזרחדיק פֿון סווערדלאָווסק.

ווען כ׳האָב זיך דערוווּסט פֿון מײַן פֿרוי און געוואָרט אויף פֿאַראייניקונג מיט איר, ווערט זי מאָביליזירט און אָפּגעשיקט ווי איבערזעצערין אויפֿן רומענישן פֿראָנט. מיט דער האָפֿענונג זיך צו באַגעגענען מיט מײַן פֿרוי, האָב איך מיך אָפּגעזאָגט פֿון מײַן שאַכטיאָרישער בראַנירונג און אויך אָנגעקומען ווי איבערזעצער אין דער אַרמיי.

אנשטאָט אַ הקדמה

מיט מיין פרוי האָב איך זיך באַגעגנט ערשט זומער 1945 אין בוקאַרעשט. אין גיכן פאַרלאָזט אונדזער מיליטער־טייל רומעניע און נאָך אַ צייט באַזעצן מיר זיך אין לוואָוו, ווו עס ווערט געבוירן אונדזער זון.

נאָך דער דעמאָביליזאַציע אַרבעט איך אַ פּאָר יאָר ווי מעטאַל־טאָקער אויף איינער פון די לוואָווער פאַבריקן. און נאָכן פאַרענדיקן 2־יאָריקע אָוונטקורסן ווער איך אַן עלטערער בוכהאַלטער אויף איינער פון די לוואָווער פאַבריקן.

מיין פּאָליטישע אויסניכטערונג איז געגאַנגען לאַנג און שווער. אַ לאַנגע צייט האָב איך בכלל נישט געשריבן. איך מיין אַז שרייבן מעג מען נאָר ווען מען גלייבט אין עפּעס. און מען האָט וואָס צו זאָגן דעם לייענער.

מיטן דערשיינען פון די ערשטע נומערן „סאָוועטיש היימלאַנד" קער איך מיך אום צו דער פּען. אָבער מיינע פּרוּוון אָפּצודרוקן עפּעס אין „סאָוועטיש היימלאַנד" זענען דורכגעפאַלן. די רעצענזענטן האָבן אַפילו געלויבט מיינע נאָוועלעס, נאָר דרוקן זיי האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט. דער מאָטיוו — מיינע העלדן זענען פאַר זיי „נישט גענוג פּאָזיטיוו". זיי האָבן מיר געראָטן שרייבן וועגן די העלדן פון מי און פינפיאָר־פּלאַן. אזוי שרייבן ווי זיי האָבן געפאָדערט האָב איך ביי מיר פועלן נישט געקענט.

אין יאָר 1980 זענען מיר עולה קיין ישראל. דאָ, אין לאַנד, האָב איך אָפּגעדרוקט נישט מער ווי איין לענגערע דערציילונג, אין פינף פאַרזעצונגען, אין דער „יידישע צייטונג" אונטער דעם נאָמען „פּאַראַפּסיכאָלאָגיע אָדער בעל־מופת פון יעדעליוווקע". און אויך נאָר אַ דאַנק מיין חבר יוסף מגן. דער חשובער בחור הזעצער האָט דערביי אין ערשטן נומער פאַרביטן מיין פּסעוודאָנים י. דינעס אויף י. נידעס.

איך האָב געפּרוּווט איין מאָל און אַ צווייט מאָל זיך ווענדן אין דער פרעסטיזשפולער „די גאָלדענע קייט", אָבער אָן הצלחה.

וואָס זשע איז מיר געבליבן צו טון? האָב איך אָנגעזאַמלט עטלעכע דערציילונגען אויף אַ בוך, און אַ דאַנק דעם פּר' שלמה שווייצער, וואָס האָט מיין בוך אָפּגעשאַצט, עס אָנגענומען צום דרוק.

ווי איר זעט, מיינע טייערע צוהערערס, איז דאָס מיין ערשט געדרוקט ווערק. איך בין, דאַכט זיך, דער עלטסטער אָנפאַנגער ביי אונדז אין לאַנד.

נאָר נישקשה, איך בין נאָך יונג. ביז די הונדערט מיט צוואַנציק איז נאָך ווייט. עס שרייבט זיך מיר. און איך וועל מיך פלייסן־אָניאָגן דאָס דורכגעלאָזטע.

י. ד. קאָלקער

מיט דער באָבעס אויגן

1
די באָבע פריידע פאָרט קיין ישראל

חיים האָט אויף איר וואָרטן ניט געקענט. אונטער חיימען האָט געברענט די ערד. דאָרט ווו ער האָט פריער געאַרבעט האָט מען זיך גענומען גריבלען אין די געשעפטן. ווי נאָר ער האָט באַקומען די וויזע איז ער גלייך אָפּגעפאָרן.

פון איר האָט מען נאָך לאַנג געצאַפּט דאָס בלוט. זי איז נאָך גוט פאַרשוואַרצט און פאַרפינצטערט געוואָרן ביז זי האָט זוכה געווען אַרויס־רייסן אירע דאָקומענטן. פאַרן רעשט פון דעם געלט, פאַר די זעקס חדשים פענסיע וואָס זי האָט באַקומען, האָט זי דורך „באַקענטע" געקויפט אַ קלאַוויר און אַ טעפּעך, אויף עפּעס האָט מען דאָך דאָס געלט געמוזט אויסגעבן. שלום האָט טאַקע געשריבן: מאַמעניו, עס פעלט אונדז סיידן פויגלמילך. נאָר אַ קלאַוויר קען מען פאַרקויפן. און אַן איבעריקער גראָשן שאַדט ניט.

ביי דעם אַרבעטער וואָס האָט איר צונויפגעקלאַפּט די קעסטלעך האָט געטריקנט אין האַלדז. די טרעגערס וואָס האָבן די קעסטלעך אָפּגעפירט אויף דער קאָנטראָל־סטאַנציע האָבן אויך געוואָלט אויסטרינקען. צו דעם איז זי שוין געוווינט. נאָר ווען דער חזיר פון דער קאָנטראָל־סטאַנציע האָט זיך צוגעטשעפּעט צו דעם קלאַוויר, איז איר געוואָרן ביטער.

ער וויל וויסן, צוליב וואָס פירט זי אַ קלאַוויר. זי קען דאָך ניט שפּילן. ער וועט קיין קלאַווירן אויף ספּעקולאַציע ניט דורכלאָזן! זי דערקלערט אים, אַז זי האָט אייניקלעך אין ישראל. וויל ער ניט הערן, ער וויל גאָר מיט איר ניט רעדן און טו אים עפּעס!

שוין העט פאַר נאַכט, האָט איר איינער פון די טרעגערס אַ ווונק געטאָן.

— גייט, מומעניו! גייט באַקומט אייערע פּאַפּירן. די קעסטלעך אייערע האָט מען שוין פאַרקלאַפּט. מען פירט זיי שוין צום וואַגאָן.

פרעגט זיך: צוליב וואָס האָט מען זי אומזיסט געמוטשעט? די אמתע מוטשעניש האָט ערשט געוואַרט אויף איר ביי אַריבערפאָרן די גרענעץ. פון פאַר טאָג אָן זיצט זי אויף די רענצלעך. ס'איז שוין פאַר נאַכט. ס'איז שוין ביי נאַכט! מען וואַרט. אַזוי פיל. נאָר וואָס — זי איז דאָ ניט אַליין, און צרת־רבים — חצי נחמה. סוף־סוף קומט אָן איר ריי. מען נעמט זיך צו אירע רענצלעך. מען טאַפּט איבער יעדע שמאַטע. מען האָט אַלץ איבער־געדרייט און אָנגעוואָרפן: זי פירט ניט קיין נייע פּאַטאָ־אַפּאַראַטן, זי האָט ניט קיין קרישטאָלענע וואַזעס, זי האָט ניט צוגעטשעפּעט צום מאַנטל קיין נייעם זילבערפוקס ווי אַ קאַלנער. זי פירט ניט קיין גאָלד. זי האָט ניט קיין ברילי‌אַנטן. מען האָט ביי איר גאָרניט קאָנפיסקירט. נאָר יאָגן יאָגט מען זי. כאַפּ די רענצלעך און לויף צום וואַגאָן! ביי דעם וואַגאָן איז אַ שטופעניש. אין וואַגאָן פאַלט זי אַריין אָן אָפּגעקאָכטע. דאָס איינציקע וואָס זי וויל, איז שלאָפן. לאָזט מען זי ניט; די פּאַסאַזשירן פּאָקעווען איבער די טשעמאָדאַנען; די קיעווער דאַמע מיט איר באַברילטן יורש, די קאַראָסטע־נער ייִדענע מיט דער טראַגעדיקער שנור, דער מינסקער ציינדאָקטער מיט זיין פאַרזעסענער שוועסטער, מען קריגט זיך שטילערהייט, צווישן די ציין.

עס טאָגט. עס יאָגן פאַרביי פאַרנעפּלטע פעלדער, וואַלדיקע בערג, זשומענדיקע בריקן. עס שווינדלען ריינינקע ייִשובים — שווער צו זאָגן: שטעטלעך אָדער דערפער. ווען זי כאַפּט זיך אויף איז מען שוין אָנגע־קומען. מען דאַרף זיך איבערזעצן אין עסטרייכישן וואַגאָן.

פאַרן איבערפירן די רענצלעך פאָדערן די טשעכישע טרעגערס מען זאָל זיי באַצאָלן. „קיין רוסיש געלט נעמען זיי ניט", גיט זיי עצות די קיעווער דאַמע:

— גיט זיי אַ פּערטעלע „מאַסקאָווסקע". איר פירט ניט קיין בראָנפן?! וואָס זשע דען פירט איר?

מען פאָרט שוין. פון ניט דערשלאָפן גייט איר אַ לייכטער ציטער

איבערן לייב. ביי דער וואַגאָנטיר — אַן עסטרייכישע וואַך. און איבערן וואַגאָן שפּאַנט פּאַמעלעך אַן אויסגעפּוצטער יונגער־מאַן. ער פרעגט אויס יעדער איינעם ווי ער הייסט, פון וואַנען ער קומט און וווהין ער קלייבט זיך פאָרן.

די קיעווער דאַמע פאָרט קיין אַמעריקע. זי האָט אַ שוועסטער אין לאָס־אַנזשעלעס. די ייִדענע מיט דער טראַגעדיקער שנור פאָרט קיין ברוקלין. דער ציינדאָקטער — קיין טאָראָנטאָ. נאָך איין פּאָרל פאָרט קיין קאַנאַדע. אין דער אָפּטיילונג, חוץ איר, פאָרט נאָר אַ קאָלאָראַשער פאַמיליע קיין ישראל. דער סודותפולער יונגער־מאַן פרעגט זי:

— חיים שטייף איז אייערער אַ קרוב?

— חיים — זאָגט זי — איז מיין ייִנגערער זון. ער איז דאָ ניט לאַנג דורכגעפאָרן.

— די פרוי זיינע הייסט סאַבינאַ? זיי האָבן אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַכט?

— איר קענט זיי? איר האָט זיי געזען? — פרעגט זי אין איין אָטעם.

נאָר דער יונגער־מאַן ענטפערט ניט. ער שפּאַנט ווייטער. אַ פאַרגלי־ווערט שמייכעלע גייט ניט אַראָפּ פון זיינע ליפּן.

מען איז שוין אָנגעקומען. מען שטייט ווי אַ טשערעדע גרויע שאָף אויף דעם ציכטיקן ווינער וואָקזאַל.

דער יונגער־מאַן האָט אָפּגעקליבן אַ קליינע גרופּע מענטשן און פירט זיי אָפּ אין אַ זייט. צו דעם צווייטן האָט ער אַ וויזן געטון אויף איר מיט די אויגן: „די אַלטע — זאָגט ער אויף עברית — נעם דו, איך נעם זי ניט”.

זי האָט ניט באַוויזן צו פאַרשטיין וואָס יענער מיינט, ווי ער איז פאַרשוווּנדן מיט זיין גרופּע.

דאָס געפּעק הייסט מען זיי אָפּטראָגן אין באַגאַזש־צימער. יעדער זאָל נעמען מיט זיך ניט מער ווי איין טשעמאָדאַן. אַן אָפּגעריבענער אויטאָבוס ברענגט זיי צו אַן אָפּגעבליאַקעוועטן האָטעלעכל. אַ פליישיקער, צעפלאָ־

סענער דייטש שרייבט זיי אַריין אין אַ בוך און גיט יעדן אַ שליסל צו אַ צימערל.

איבער עפּעס אַ פּלאָנטער, אַ מיספאַרשטייעניש, האָט מען זי געלאָזט צווישן די וואָס קלייבן זיך פאָרן קיין אַמעריקע. דאָס צימערל — אַ פינצטער לעכל. עס שמעקט מיט שימל. דאָס אייזערנע בעטל דערמאָנט אַ טורמע־קאַמער. אויב זי וועט זיך לאָזן שפּייען אין דער קאַשע, איז זי אַ פאַרלוירענער מענטש! קערט זי זיך אום צו דעם רויטן דייטש און לאָזט אויס צו אים איר פאַרביטערט האַרץ. ער הערט איר גימנאַזיע־דייטש און שמייכלט.

— אויב דער מאַדאַם געפעלט ניט דאָס צימער, וועט ער עס איר פאַרבייטן. דעם אַדרעס פון דער סוכנות האָט ער ניט. פאַר נאַכט וועלן אַהער קומען פאַרשטייערס פון דער סוכנות. זאָל די „גנעדיגע פראַו" זיך ניט נערווירן, מאָרגן אין דער פרי, אין „היאַס" וועט זי זיך קענען קלאָגן וויפל זי וויל און אויף וועמען זי וויל. ער איז ניט מער ווי אַן אָנגעשטעל־טער דאָ אין האָטעל.

ווי נאָר ער פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, טוט זי זיך אַ וואָרף אין די קליידער אויף דעם נייעם בעטל, ציט אויף זיך אַרויף ביידע דעקן. עס וואַרפט איר ווי אין קדחות.

די חברה־לייט פון דער באַן זיינען געקומען פאַר נאַכט. נאָר נאָך אידער זי האָט אויפגעמאַכט דאָס מויל, האָבן זיי זיך אויף איר אַרויפגע־וואָרפן.

דער באַבען אירער זאָל זי דערציילן אַז זי ווייסט ניט וווהין דער זון אירער איז געפאָרן! מיט אונדזערע, מיט ישראל־וויזעס פאָרן זיי דער רוח ווייסט וווהין, און די אַלטע מאַמעס שיקן זיי קיין ישראל. גיב זיי פּענסיע, באַזאָרג זיי מיט קוואַרטירן, הייל זיי, צאַצקע זיך מיט זיי! פאַרט איך צו אייער זון, צו אייער חיימען, איר וועט אים נאָך אָניאָגן. ער מוז נאָך זיין אין איטאַליע.

— פון וואַנען ווייסן מיר, אַז איר האָט אַ זון מיט אייניקלעך אין רעננה? אפשר איז ער שוין אויך אַנטלאָפן קיין אַמעריקע?! איר וועט זיך קלאָגן ביים קאָנסול? אַדרבא, פּרוּווט! טוט וואָס איר ווילט. פאַרט

ווהין איר קענט! קיין ישראל נעמען מיר אייך ניט און וועלן אייך ניט נעמען!..

איז זי קוים דערקראָכן צום בעטל און אַזוי לאַנג געראָוועט ביז זי איז איינגעשלאָפן. און אויף מאָרגן? אויף מאָרגן האָט זי זיך אויפגעכאַפּט טויט הונגעריק. אומזיסט האָט זי געזוכט כאָטש אַ ברעקל פון די מיט־געבראַכטע פּלעצלעך. זעט אויס, פּאַר צרות האָט זי זיי נאָך נעכטן אויפגעגעסן.

די ווייבער, די נייע שכנות, האָבן זי מיטגענומען אין „היאָס". דאָרטן, האָבן זיי געזאָגט, זיצט אַ פאָרשטייער פונעם סוכנות. אַן ערנסטער מענטש, ניט ווי די יונגע סמאַרקאַטשעס.

דער פאָרשטייער — אַ סאָלידער מענטש פון אַ יאָר פופציק — האָט זי שמייכלענדיק אויסגעהערט. ער האָט, זעט אויס, שוין געוווסט פון איר געשיכטע. אויף איר שטאַמלענדיקן עברית האָט ער געענטפערט אויף יידיש:

— נעמט אייך אַן מיט געדולד, גברת, עס וועט דויערן אַ פּאָר טעג און אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג. דאָ וועלן מיר אייך ניט לאָזן. און זייט ניט בייז אויף די בחורים, זיי זיינען יונג, היציק און זייער פאַרביטערט. טוט אַ קוק אין קאָרידאָר, וועט איר אַליין זען ווהין יידן פאָרן מיט אונדזערע וויזעס.

אַרויסגעגאַנגען איז זי מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. פון דעסטוועגן, די פיר הונדערט שילינג, דעם אַוואַנס וואָס דער „היאָס" גיט די עמיגראַנטן, האָט זי גענומען. לעבן דאַרף מען דאָך. די פּאָר אויסגעביטענע דאָלאַרן וועט זי האַלטן אויף אַ נויט. שפּאַצירט זי דערווייל איבער די ווינער גאַסן. גאַפט אויף די פולע מאַגאַזינען מיט כּל־טוב. פּאָרט, ניט מער ווי אַ ווייבע־רישע נשמה.

ס'איז איר שוין קלאָר צוליב וואָס די מענטשן האָבן ביי נאַכט איבער־געפּאַקעוועט זייערע טשעמאָדאַנעס. דאָס האָבן זיי אָפּגעקליבן וואָס צו פאַרקויפן אין ווין: מאָסקווער בראָנפן, סאָוועטישן קאַוויאַר, אַרמענישן קאָניאַק. די געסלעך אַרום דעם האָטעל ווימלען מיט אויפקויפערס, ספּעקו־ליאַנטן.

אויפֿן דריטן טאָג האָט מען געשיקט נאָך איר אַ טאַקסי און אָפּגעפֿירט זי אין „שלאָס". אין טאַקסי האָט זי זיך צעלייגט ווי אַ פּריצה וואָס פּאַרט צו איר טאָטן אין ווייַנגאָרטן, ערשט איצט האָט זי זיך דערמאָנט אַז אין ווין מוז דאָך זיין דער דונאַי און זי האָט אים אַפֿילו ניט געזען.

אין שלאָס האָט מען איר דערלאַנגט אַ מלכותדיק מיטאָג, אויפֿגעזעצט מיט די עולים און אָפּגעפֿירט צום עראָדראָם. באַשערט געווען אומזיסטע צרות.

2
זי פֿליט העכער פֿון די וואָלקנס

איינער אַ העפֿלעכער יונגער־מאַן האָט איר אָפּגעטרעטן זיין פּלאַץ ביים פֿענצטערל. זעט זי: די וועלט הייבט זיך אָן דרייען און ווערט וואָס אַ מאָל דריוונער. די הויכע מויערן דערמאָנען קליינע קעסטעלעך, די מאַשינען אויף די וועגן — קריכנדיקע זשוקלעך, די נאָר וואָס גרינע וועלדער זיינען טונקל־גרוי. ווייסע מילכשטיקער קריכן איינער אין אַנדערן. עס קאָכט אונטער איר אַ געדיכטע ווייסע קאַשע. הייסט עס, זי פֿליט שוין העכער פֿון די וואָלקנס. עס הוידעט זי האַלב־שלאָף און האַלב־פֿאַנטאַזיע.

...די גאַנצע משפּחה איז געקומען זי באַגעגענען: שלום, די שנור, די אייניקלעך — שימעלע — אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, חיים מיט סאַבינען, און ס'איז איר וויל, און ס'איז איר גוט. מיט אַ מאָל כאַפּט מען זי אָן און מען שלעפּט זי צוריק. ס'איז דער זעלבער, דער בחור מיטן שמייכעלע. ער שלעפּט זי קיין אַמעריקע. „קיין אַמעריקע! קיין אַמעריקע!" — שרייט מען צו איר פֿון אַלע זייטן, און זי כאַפּט זיך אויף. מען הייסט צושפּיליען די גאַרטלען. דער עראָפּלאַן לאָזט זיך שוין אַראָפּ. באַלד וועלן אירע פֿיס באַטרעטן די הייליקע ערד. מענטשן וועלן זיך אַ וואָרף טון קושן די שטיינער און איר ליגן אין קאָפּ דער זון מיט די אייניקלעך.

דער עראָפּלאַן שטייט שוין. זי זיצט ווי אויף שפּילקעס. מען האָט זיך אַ לאָז געטון צום אַרויסגאַנג. מען זוכט דעם באַגאַזש. זי האָט קיין צייט

ניט זיך אַרומצוקוקן, ווי זי איז שוין ערגעץ אויף אַ צווייטן עטאַזש און עס הייבט זיך אָן אַ וואַרטעניש.

ביי לאַנגע טישן זיצן אַלערליי אָנגעשטעלטע. זיי פרעגן אויס און פאַרשרייבן. זיי גיבן דיך איבער פון האַנט צו האַנט. און עס ציט זיך און עס געדויערט, ביז זי באַקומט אַ בלייך־בלוי ביכעלע. ניט קיין פּאַספּאָרט נאָר אַ תעודת־עולה. און זי נעמט אין די הענט די ערשטע פיר הונדערט שקלים — ישראל־געלט. און ווידער דאַרף מען וואַרטן. אין גיכן וועט מען איר באַשטימען דעם פּלאַץ ווו זי וועט דערווייל וווינען.

דער יונגער־מאַן וואָס פאַרטיילט די וווינפּלעצער איז שטרענג. עס איז ביי אים: אַ רענדל — אַ וואָרט. ער ווייזט איר אַ פּינטעלע אויף דער לאַנדקאַרטע:

— דאָ וועט איר וווינען. אין כּפר־גבירול, אין די קאַראַוואַנען.

מיט קאַראַוואַנען רייט מען אויף קעמלעך אין דער מידבר. כּפר איז דער טייטש אַ דאָרף. עס מעג אַפילו טראָגן דעם הויכן נאָמען גבירול. יעדער וואָרט איז פאַרשטענדלעך נאָר אַלע אין איינעם — ניט.

ווענדט זי זיך צו דעם יונגן־מאַן אויף איר גלות־עברית. זי האָט שוין באַמערקט: צו די וואָס רעדן עברית באַציט מען זיך וואַרעמער.

— דאָרט — זאָגט זי — אונטן אין זאַל וואַרטן אויף מיר דער זון מיט דער גאַנצער משפּחה. איידער איך וועל באַשליסן ווו צו וווינען, דערלויבט מיר אַראָפּגיין אויף אַ פּאָר מינוט צום זון און זיך מיט אים באַראַטן. דערלויבט ער.

די ערשטע דערזעט זי די שנור. ביידע אייניקלעך, דאָס פּאָרעלע, באַטראַכטן די נייע באָבע. עס קומט צו לויפן אַ פאַרסאָפּעטער שלום.

— מאַמע! מאַמעניו! — ער נעמט זי אַרום, רוקט זי אָפּ פון זיך, באַטראַכט זי און נעמט זי נאָך אַ מאָל קושן.

— ווו זשע איז שימעלע?

— שימעלע איז אין חיפה. ער גיט אָפּ דעם לעצטן עקזאַמען. ער האָט שוין חתונה געהאַט. אין גיכן וועט ער שוין זיין אַ טאַטע. ווי נאָר ער וועט זיך באַפרייען וועט ער קומען מיט דעם יונגן ווייבל. זיי האָבן אַן אייגענע מאַשין.

— חיים ?

— וועגן חיימען וועט מען שמועסן אַ צווייט מאָל.

כפר־גבירול איז לעבן רחובות. ניט ווייט פון אַשדוד. שימעלע אַרבעט אין אַשדוד און וועט אין גיכן דאָרט וווינען. זאָל דערווייל זיין כפר־גבירול.

דער בכור אירער, אַזוי ווי ער איז געווען אַ רויטער, אַזוי איז ער פאַרבליבן, נאָר עס וואַקסט אים שוין אַ היפּש בייכל. דער הולך זיינער: אָפּגעבליאַקעטע „ברעזענטענע" הויזן, אַ צעכראַסטעטע העמדל, פון אויבן עפּעס אַ גרוי קוצעווייטיקל, אויף די באָרוועסע פיס — אויסגעריבענע סאַנדאַלן. אַזוי טוט זיך אָן אַ ייִד אַ בעל־הבית, ווען ער קומט באַגעגענען די מאַמען ? די שנור — הוילע הויט און ביינער. דאָס קליידל — ביז די קני, די אויגן אונטערגעשמירט, די געכאַליעטע לאַנגע נעגל — בלוט רויט. מלא־חן איז נאָר דאָס פּאָרעלע, די מיידעלעך. זיי פרעגן ביי דער מאַמען: די נייע סבתא האָט ניט קיין שאָקאָלאַד ?

— נישקשה — זאָגט שלום — די נאַשעריינס וועלן צוואַרטן. זיי איז שוין צייט צו שלאָפן. איך וואָלט דיך, מאַמע, גענומען צו אונדז, נאָר מען טאָר ניט. ווי באַלד די פונעם משרד וועלן דערשמעקן אַז די משפּחה אינטערעסירט זיך מיט דיר, וועט מען שוין קיין טרינק וואַסער ביי זיי ניט אויסבעטן אין אַ רעגנדיקן טאָג. זאָלן זיי דיך אָפּפירן אויפן נייעם וווינאָרט. שלאָף דיך אויס און מאָרגן וועלן מיר זיך אומבאַדינגט זען.

— און דאָס, שוויגער, איז פאַר אייך, אויף דערווייל, עס זאָל אייך ניט איבערקלעמען דאָס האַרץ — זאָגט אַדעלאַ און דערלאַנגט איר אַ היפּשן פּאַקעט.

קערט זי זיך אום צו דעם פקיד און זאָגט אים: — „כ׳בין מסכים". הייסט ער איר וואַרטן. וואַרט זי.

ביי איינעם אַ זייטיקן טישל זיצט אַ ייִד מיט באָרד און פאות. יעדן עולה גיט ער אַ מתנה: אַ טלית, תּפילין און אַ סידור. בעט זי ביי אים אַ תּנכל. קיין תּנך האָט ער ניט. גיט ער איר אַ סידור. זיצט זי און מישט דעם סידור און די אויגן אירע קלעפּן זיך.

אין וועג לאָזט מען זיך ערשט אַרום צוועלף. עס פאָרט מיט איר אַ

פּאָרל עלטערע מענטשן פון הינטער קעשענעוו. עס שווימען פאַרביי הייזער, פעלדער, סעדער. דער וועג איז ניט קיין לאַנגער. מען בלייבט שטיין פאַר אַ גרופּע פילשטאָקיקע געביידעס. „נישקשה פון אַ דערפל!" — טראַכט זי. נאָר עס ווייזט זיך אַרויס: דער שאָפער האָט אַ טעות געהאַט. די קאַראַוואַנען זיינען זיי שוין איבערגעפאָרן. קערט מען זיך אום. דער פאַרשלאָפענער דעזשורנע פאָרט מיט זיי איבער אַ ברייטער אינערלעכער אַלעע. פון ביידע זייטן, טיפער אין גאָרטן, אויף שטיינערנע פיס, שטייען אַלץ איינע, אַזוי ווי פון בלעך, שטיבלעך. דאָס זיינען, הייסט עס, די קאַראַוואַנען. זי פירט ער אָפּ אין אַכצעטן קאַראַוואַן. דער קאַראַוואַן איז פאַר אַ פּאָרל, נאָר זי וועט דערווייל וווינען איינע אַליין.

אַ צימערל. ביי דער וואַנט אַ דיוואַן, אַ טיש מיט בענקלעך. אַ פּיצעלע קיכל מיט אַ גאַזפּליטע און אַן אייזקאַסטן. לינקס — דער טואַלעט, טיפער — אַ שלאָפצימער. צוויי בעטן, פרישע בעטציג און וואַרעמע דעקן.

דער שאָפער האָט אַריינגעטראָגן די טשעמאָדאַנען און איז אַוועקגעפאָרן. דער דעזשורנע שלאָפט אויף די פיס שטייענדיק. מאָרגן, זאָגט ער, וועט זי באַקומען אַ ביסל קיכגעשיר. ער ווייזט איר ווי זיך צו באַנוצן מיט דעם קאָנדיציאָנער, דעם מזגן, וואָס מען האָט דאָ ניט לאַנג צוריק אַריינגעשטעלט. און ווינטשט איר אַ גוטע נאַכט. זי פאַרשליסט נאָך אים די טיר. זי איז שוין דאָ! זי איז שוין אָנגעקומען! זי איז שוין אין ארץ־ישראל!

3

זי שטייט אויף און אַנטדעקט נייע זאַכן

אויפגעכאַפּט האָט זי זיך מיטן זונאויפגאַנג. אויפגעזעצט זיך און דערמאָנט זיך ווו זי איז.

וואָס זשע זיצט זי?!..

האָט זי אויפגעשלאָסן די טיר און אַרויס אויף דעם קליינעם גאַניקל.

איבער איר קאָפּ שאָקלען מיט די רייכע פעדערן־קרוינען אַ ראָטע הויכע, שטאָלטנע טייטל־פּאַלמעס. די לאַנגע ריי אַלץ איינע בלעכענע שטיבלעך שלאָפן שטייענדיק אויף זייערע שטיינערנע פּיס. זעט אויס, זיי חלומען שווערע חלומות, ווייל פון דעם בייגאַכטיקן שווייס זיינען זיי פּיטש־נאַס. ווייט, אויף יענער זייט פון די געדיכטע גערטנער קריכט באַרג־אַרויף אַ פאַרפלאַמטע, פריש געבאַקענע זון. זי כאַפּט אַ קוק אויף אירע באָרוועסע פיס. עס פעלט איר ניט מער ווי עפּעס אַ שכן זאָל אויפמאַכן די טיר און דערזען זי אין הוילן נאַכטהעמד.

אַזוי הייבט זיך אָן איר ערשטער טאָג אין לאַנד. זי רוימט און ווישט. פּאַקט אויס און צעלייגט די געבראַכטע בעבעכעס. שפּעטער, ווען אויף די ציכטיקע סטעזשקעלעך באַווייזן זיך מענטשן, שליסט זי די ערשטע קענטשאַפטן, ענטפערט אויף אַנצאָליקע פראַגעס, הערט אויס אַ טוץ פרעמדע געשיכטעס. דאָ, אין די קאַראַוואַנען, וווינען נאָר עלטערע מענטשן. די יונגע, די וואָס לערנען אינטענסיוו עברית, וווינען העכער, אין די פּילשטאָ־קיקע געביידעס. דאָרט איז דאָ אַ גוטער אולפּן.

ביי אַ קליינטשיקן תּימנער האָט זי געקויפט פריש ברויט. זיין פּנים — סאַמע באָרד. עס העלפט אים אין מיסחר אַ שוואַרץ־חנעוודיקע טראַגע־דיקע טאַכטער. אין דרויסן קוויטשעט און שפּילט זיך אַ כאַפּטע קליינוואַרג: קוטשעראַווע קעפּעלעך, פריילעך פינקלענדיקע שוואַרצע אייגעלעך. קויפט זי אַ שקאַרמיצל וואָלוועלע קאָנפעטלעך און טיילט זיי איין. די קאָנפעט־לעך גריזשען זיי, נאָר אַ גלעט טון לאָזט מען זיך ניט. ווי נאָר די קאָנפעט־לעך האָבן זיך געענדיקט, איז די פרעמדע סבתּא זיי נימאס געוואָרן. מען צעלויפט זיך. אַ טייל פון זיי האָט זיך אָפּגעשטעלט פון ווייטן. גרייט יעדע מינוט — ווייטער לויפן. זיי שטעקן איר אַרויס קליינע רויטע צינגעלעך, קרימען זיך, לאַכן און שרייען — ווּס, ווּס! דעם באַטייט פון דעם ווייסט זי נאָך ניט.

נחום איז געקומען פאַר נאַכט. פאַרפאָרן מיט זיין נייער מאַשין ביז צו אירע פענצטער. ער האָט מיטגעבראַכט דאָס פּאָרעלע: תמר און אַביבה. אונטערשיידן קען זי זיי דערווייל נאָר לויט די פאַרשיידענע באַנטן וואָס די שנור האָט איינגעפלאָכטן אין זייערע ליכטיקע הערעלעך. זיי האָבן שוין

אַרומגעניוכעט דעם קאַראַוואַן, געפּרוווט דרייען די קרענטלעך פון דער גאַזפּליטע, געהוידעט זיך אויף דעם גאַניקל, געשפּרונגען פון די טרעפּלעך. איצט זיצן זיי ביידע ביי דער באָבען אויף די קני. דעם רוסישן שאָקאָלאַד האָבן זיי צעשמירט ניט נאָר איבער די פאַרפּלאָמטע בעקעלעך, נאָר אויך אויף דער באָבעס נאָז און שטערן. ווייל זיי האָבן די נייע באָבע ליב און קושן זי פון ביידע זייטן און שטופּן איינע די אַנדערע. יעדע פון זיי וויל די גאַנצע באָבע פאַר זיך.

אַ מאַשין האָט נחום — אַ פּראַכט! די געשעפטן זיינע? — דאַנקען גאָט. ער האָט אַן אייגענעם מוסך, אַ גאַראַזש ווו מען פאַרריכט און מען וואַשט מאַשינען. ניט לאַנג איז ער געוואָרן אַ שותּף צו אַ בענזין־סטאַנציע. עס אַרבעטן ביי אים פינף מענטשן און אַלע האָבן, דאַנקען גאָט, שיינע פּרנסה.

שימעלע? שימעלע איז אַן אינזשעניר־כעמיע און לערנט ווייטער. היינט איז מיטוואָך. פרייטיק וועט ער קומען און וועט זי נעמען צו זיי אויף שבת, קיין רעננה. דערווייל האָט איר אַדעלאַ געשיקט אַ פולן קויש מיט אַל דאָס גוטס: וויינטרויבן און באַנאַנעס, לימענעס און מאַראַנצן און טייטלען, פרישן קעז און טיי און קאַווע און צוקער, סאַרדינען און וורשט און אַ געבראָטענע הון, און אַ טאָרט. זי האָט געבעטן די שוויגער זאָל איר מוחל זיין: דער טאָרט איז אַ געקויפטער נאָר ער איז זייער באַטעמט. וועלן זיי טאָקע טרינקען טיי מיט טאָרט.

— זע נאָר, מאַמע, ווי די „מוידן" האָבן זיך צוגעכאַפּט צום זיסן. מען קען מיינען, זיי האָבן קיין טאָרט נאָך קיין מאָל ניט געזען! און ווי איז ביי דיר, מאַמע, מיטן געזונט? איך האָב שיער ניט פאַרגעסן: דאָ איז פאַר דיר, מאַמע, אַ ביסל געלט אויף דערווייליקע הוצאות. פרייטיק וועט דיר שימעלע ברענגען אונדזער שוואַרץ־ווייסן טעלעוויזאָר. זינט מיר האָבן געקויפט אַ צבעוני, שטייט דער שוואַרץ־ווייסער און קיינער נוצט אים ניט.

איצט איז שוין צייט צו פאָרן. ער נעמט דאָס גאָלדענע פאַרעלע, די באָבע האָט זיי שוין אַרומגעוואַשן און אָנגעקושט די פוכקע בעקעלעך. די מאַשין, די פריצע, רירט שטילערהייט און לאָזט איבער נאָך זיך ניט מער ווי אַ לייכטן טשאַד פון בענזין.

די זון איז שוין פאַרגאַנגען. די שכנים זיצן יעדער אין זיין נאָרע. דאָס נאַקעטע לעמפל שיינט איר אין די אויגן. זיצט זי און ווישט אַ טרער נאָך אַ טרער.

4
אַ שבת מיט דער משפחה

שימעלע איז געקומען פּרייטיק פאַר מיטאָג. ער איז *שמייכלענדיק* געבליבן *שטיין* ביי דער טיר, אַ לאַנגפּיסיקער, אַ ברייטפּלייציקער, אַ לעבעדיקע קאַפּיע פון איר מאירן פון יענע ווייטע פאַרמלחמהדיקע יאָרן. די הענט האָבן איר געציטערט אַרומנעמענדיק אים. ער האָט געבראַכט דעם טעלעוויזאָר.

— כ׳לעבן, באַבושקאַ — האָט ער געזאָגט — ביסט די זעלבע ווי געווען! אויף קיין האָר זיך ניט געענדערט! פּרווו נאָר ניט, ווי אַ מאָל, מיר אָנרייסן די אויערן... אין יענעם אַ מאָל האָט זי אים ניט נאָר געצויגן ביי די אויערן, נאָר טאַקע, במחילה, ניט איין מאָל גוט אָנגעשמיסן. דער טאַטע זיינער האָט זיין בן־יחיד קיין מאָל מיט קיין פינגער ניט אָנגערירט.

— ווו זשע איז דיין ווייבל, *שימעלע*?!

— זי איז געבליבן אין רעננה. סאָניע הייסט זי און אַ סאָניע, אַ פּעפּערין איז זי. צוליב וואָס שלעפּן זי אַהער ווען אין אַ קאָרגער שעה װעלן מיר זיין דאָרט. דער ברייטער אַספאַלטוועג אַנטלויפט מיט אַ מורא־דיקער *שנעלקייט*. די מאַשין קאַטשעט זיך ווי אויף אַ גלאַטן טיש. עס פליען *ישובים*, פעלדער, וואָס ווייטער אַלץ מער מאַשינען. מען פאַרפאָרט אין אַ גאַס פון סאַמע פּריצישע הויפן און מען בלייבט שטיין ביי אַ רייכער ווילע. שלום אַליין מאַכט אויף דעם טויער. אַדעלאַ וואַרט אויף זיי ביי די טרעפּ. הינטער איר אַ *שטאַלטנע* מיידל מיט אַ ייִנגליש געשוירענעם קאָפּ. עס קוקן אויף איר בלויע, לויטערע אויגן. וואַרעמע, ווייכע ליפּן באַרירן איר די באַק. דאָס איז סאָניע, *שימעלעס* ווייב.

אין סאַלאָן וואַרט אויף זיי דער מיטאָג. פון איצט און ווייטער האַלט

זי אין איין פאַרזוכן, עסן און טרינקען. דעם מיטאָג, זאָגט שימעלע, האָט די מאַמע אַליין געקאָכט, זי, מיט אירע פינף קאָכביכער.

געענדיקט דאָס פרעסן, פירט מען זי און מען ווייזט איר אַלע פינף צימערן. מען דערציילט איר וויפל עס קאָסטן די בילדער אויף די ווענט, דער גרויסער טעפּעך אין סאַלאָן, די עבענאָווע סטאַטועטקעס, די קרישטאָ־לענע וואַזעס, דער יאַפּאַנישער סערוויז, די אַמעריקאַנער קיך, דער ריזיקער אייזקאַסטן, די וואַשמאַשין. מען ווייזט איר שימעלעס צימער און דעם צימער פון די „מוידן״ און דעם באַרג פון זייערע שפּילעכער, שלומס קאַבי־נעט מיט די פאַרמאַכטע, פולע ביכער־שאַפעס, די קאָלעקציע קוקלעס וואָס איז היינט זייער אין דער מאָדע, אוןביידע וואַנע־צימערן און די טעראַסע...

עס זיינען געקומען די מחותנים, אַדעלאַס עלטערן, און עס גייט אַ נייע סעריע קושעניש. שפּעטער קומען סאָניעס עלטערן: ער איז אַ פּראָפעסאָר אין בר־אילן און זי — אַ געוועזענע גננת. מיט צוויי מאַשינען זיינען געקומען געסט פון תּל־אָביב. און עס הייבט זיך אָן די שבת־צונאַכ־טיקע סעודה. אַ נייע פרעסעניש: געפילטע פיש, געבראָטענע הינדעלעך, סאַלאַטן, קאָמפּאָטן, אייזקרעם און קאַווע.

פון די לחיימס דרייט זיך איר דער קאָפּ. זי איז טאַקע דער גלאַוונער גאַסט, נאָר קיין באַזונדערן אינטערעס רופט זי ביי קיינעם ניט אַרויס. פאַרט, ניט מער ווי אַן אַלטע ייִדענע. ווען גייט אָן וואָס זי טראַכט? די מענער זיינען איבערגעגאַנגען צו שלומען אין קאַבינעט. די פרויען האָבן זיך געזעצט שפּילן אין קאָרטן. די „מוידן״ שלאָפן שוין. פּרוּווט זי קוקן טעלעוויזאָר. נאָר זי פאַרשטייט ניט וואָס מען זאָגט און וואָס מען ווייזט. שימעלע מיט סאָניען זיצן אויף דער וועראַנדע. שימעלע אַרבעט אין אַשדוד. זיי האָבן ניט לאַנג געקויפט דאָרטן אַ דירה אויף אויסצוצאָלן. דערווייל, ביז סאָניע וועט איבערקומען בשלום, וווינט זי ביי די עלטערן אין קרית־ביאַליק.

— מירן פאַר דיר, סבתא, קריגן אַ קוואַרטיר אין אַשדוד. מירן ווינען בשכנות און עס וועט זיין אָל־רייט!

די געסט זיינען שוין אַהיים געפאָרן. בלייבט די פראַגע. ווו לייגט מען שלאָפן די מאַמע ?

— כ׳האָב אים שוין לאַנג געזאָגט, קלאָגט זיך אַדעלאַ, היינטיקע צייטן זיינען פינף צימערן אויך ניט גענוג. עס קומען געסט, איז ניטאָ ווו זיי צו לייגן שלאָפן.

ווי לאַנג איז עס דען, טראַכט די באָבע ביי זיך, ווען אַדעלאַ האָט געוווינט אין אַ צימער פון אַכצן קוואַדראַט-מעטער מיט אַ בשותּפותדיקער קיך ?

— מאַמע — זאָגט שימעלע — זאָל די סבתא שלאָפן אין מיין צימער און איך מיט סאָניען וועלן מיר זיך אויסבעטן אַ געלעגער אין סאַלאָן אויפן טעפעך.

— אין סאַלאָן ? ! ווער שלאָפט אין אַ סאַלאָן ? ס׳איז דיר ניט דיין קיבוץ, שימעלע !

מעשה שהיה : נאָכן ענדיקן דעם תיכון איז שימעלע אַנטלאָפן פון דער היים. ס׳האָט געהאַלטן דערביי ער זאָל ווערן אַ קיבוצניק. די מאַמע וועט עס אים קיין מאָל ניט מוחל זיין.

וועט שלום שלאָפן ביי זיך אין קאַבינעט. און די מאַמע אויף זיין בעט אין שלאָפצימער.

באָדט זי זיך אויס אין דער הימלפאַרב-וואַנע און נורעט זיך איין אין אַ ווינקל פון דעם גוואַלדאָוונעם בעט. זי איז אַזוי מיד אַז זי געדענקט ניט ווען זי איז איינגעשלאָפן.

אין דער פרי פאָרט מען מיטביידע מאַשינען צום ים. די לופט איז פריש. דער ים שטיפט, פליעסקעט זי זיך מיט דעם קליינוואַרג. פאַרן ים האָט זי פון תמיד אַן דרך־ארץ. עס שרעקן זי זיינע פאַרהוילענע טיפענישן.

שימעלע איז אַוועקגעשווומען ווייט. קוקט זי אים נאָך און באַרויִקט זיך ערשט ווען ער קערט זיך אום.

אין דער היים — אַ נייע סדרה עסן. וועדליק ווי אַדעלאַ, קיין עין־הרע, קייט, איז שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי זי האַלט זיך אַזוי שלאַנק.

מען לאַכט און מען דערציילט איר : — די געפילטע פיש, מאַמעניו,

וואָס דו האָסט נעכטן אַזוי געלויבט, זיינען געקויפטע, פּאַרטיקע, פון קאָנסערוון־שאַכטלעך.

שימעלע דאַרף מאָרגן אין דער פרי זיך אומקערן קיין חיפה. שלום מוז פאָרן קיין תל־אָביב, בעט זי מען זאָל זי נאָך היינט אויף דער נאַכט אָפּפירן אין די קאַראַוואַנען. זי איז שוין ניט קיין יונג מיידעלע. דעם גאַנצן וועג צוריק דרימלט זי אין מאַשין.

שימעלע האָט מיטגעבראַכט פון זיין צימער אַ טישלעמפּל, סע זאָל דער סבתא זיין באַקוועם צו לייענען און זי זאָל ניט דאַרפן אַראָפּגיין פאַרלעשן דאָס ליכט.

שימעלע איז אַהיים געפאָרן און זי ליגט שוין אין בעט. אַ ווייכע רויִקייט צעגייט זיך איבער אַלע אירע גלידער.

5

זי אַקלימאַטיזירט זיך און קלייבט אויס אַ נייע כנסת

אַ פאַרנומענער מענטש ווייסט ניט ווו זיין צייט קומט אַהין. ס'איז ניט לייכט צו זיין אַן איבערזעצערין, אַן עצה־געבערין און אַ שתּדלנטע פאַר עלטערע עולים וואָס קענען ניט קיין וואָרט עברית. מיט שולמית דער פּקידה פון דער סוכנות, וואָס פאַרשפּעטיקט צו קומען, פאַרגעסט צו ברענגען און געדענקט ניט וואָס זי האָט צוגעזאָגט, האָט זי זיך שוין ניט איין מאָל צעקריגט און איבערגעבעטן. ס'איז צום וווּנדערן, ווי ווייניק מען דאַרף אַ מאָל כדי צופרידנשטעלן מענטשן: אַ ביסעלע גוטער ווילן אויף אויסהערן און פאַרשטיין אַ פרעמדע נויט.

די קראַנקן־שוועסטער פונעם מעדיצין־פונקט לאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן. פון רחובות קומט זי מיט איר אייגענער מאַשין. זי רייכערט ווי אַן אַלטער פאַראָוואָז. און מאַכט גליקלעך יעדן וועמען זי באַוויליקט צו ענטפערן אַ וואָרט. די ווייבער זאָגן: זי איז אַן אַנטיסעמיטקע. אַן אַשכּנזישע איז ביי איר ערגער פון אַ שפּין. אַ סברה אַז אויך מיט די עלטערע ספרדישע באַגייט זי זיך אויך ניט בעסער.

וואַרטנדיק אויף דער קראַנקן־שוועסטער האָט זי זיך באַקענט מיט אַ ותּיק, אַן עולה פון איטאַליע. ער וווינט לעבן מעדפּונקט. שוין צען יאָר ווי ער בויט און קען אַלץ ניט דערבויען די שטוב זיינע. אַלע מאָל קומען צו קינדער. זיי רעדן מער מיט די הענט ווי מיט דעם מויל. נאָר זי פאַרשטייט אים.

— קוק! — טענהט ער — זע וואָס פאַר אַ ווילעס די מאַראָקאַנער סוחרים האָבן זיך אויפגעשטעלט. פון אייך, די אַשכּנזים, איז שוין אָפּגעֿרעדט: אייערע יונגע, וואָס לערנען אין אולפּן, האָבן נאָך דעם פלאַץ ניט אַנגעוואָרעמט און שוין איז די חניה פול מיט זייערע מאַשינען. אייך, די אַלטע, האָט מען אין יעדן קאַראַוואַן אַריינגעשטעלט אַ מזגן. פאַר ליכט, וואַסער און גאַז צאָלט איר גראָשנס. אייזקעלטערס, גאַזפּליטעס, וואַשמאַשינען קריגט איר פאַר האַלב־אומזיסט. איר האָט דעם גן־עדן דאָ אויף דער וועלט.

וואָס זאָל זי אים דערויף ענטפערן?

צוויי מאָל איז זי שוין געווען אין רחובות. זי האָט אָפּגעזוכט דאָרט דעם משרד־הפּנים און איינגעגעבן אויף אַ תּעודת־זהות. אויב זי איז שוין יאָ אַ גלייכבאַרעכטיקטע בירגערין, ביי זיך אין לאַנד, וויל זי טאַקע האָבן דערויף אַ געזעצלעכן דאָקומענט. אויף וויפל זי געדענקט איז רחובות איינע פון די ערשטע יידישע דערפער־קאָלאָניעס. יידן זיינען דאָ אַ מאָל גוט פאַרשוואַרצט געוואָרן: געפלאַנצט פּרדסים, געפיבערט, געהאָרעוועט ביי טאָג און ניט געשלאָפן ביי נאַכט, געהאַלטן שמירה. שטייט זי איצט אין רחובות, דאָרט וווּ מען האָט אַ מאָל געגראָבן דעם ערשטן ברונעם. די פּרדסים האָבן זיך אָפּגערוקט. מיטן אויג ניט צו זען. אַרום זשומעט אַ שטאָט מיט גרויסע מאַגאַזינען און קליינינקע קלייטעלעך, אַ שטאָט מיט אַדוואָקאַטן, ציינדאָקטוירים און בענק. צו וואָס דאַרף מען דאָ אין לאַנד אַזוי פיל בענק?

פאַר נאַכט קומען זיך ביי איר צונויף שכנות. זי שליסט איין דעם טעלעוויזאָר. מען קנאַקט קערלעך, מען גריזשעט פלעצעלעך. זייער האָפענונג איז אויף איר. זי זאָל זיי פאַרטייטשן וואָס מען זאָגט. וואָס זשע זאָל זי טון, אויב זי אַליין פאַרשטייט ניט אַלץ. שלום האָט איר געבראַכט צוויי

ווערטערביכער פון שימעלעס ביבליאָטעק. פּרוווט זי דערמאָנען זיך דאָס וואָס זי האָט אַ מאָל געלערנט.

ביי דעם משרד האָט זי אַנטדעקט אַ קליינע ביבליאָטעק פון רוסישע ביכער. האָט זי אין איין אָטעם איבערגעלייענט „אַרכיפּעלאַג גולאַג" און די „קרעבס־פּאַלאַטע". זי האָט דאָך פון גאָרניט געוווּסט! נאָר צו וואָס נאַרן זיך אַליין? „איין טאָג פון איוואַן דעניסאָוויטש" האָט זי געלייענט נאָך דאָרט אין רוסלאַנד. הייסט עס אַז געוווּסט האָט זי יאָ. נאָר צום האַרצן איז עס איר ניט דערגאַנגען.

אין לאַנד טוט זיך אויף טיש און אויף בענק: מען גרייט זיך צו די וואַלן אין כנסת. פון די הויפּט־פּאַרטייען ווייסט זי שוין: ליכוד, מערך און מפד"ל. די איבעריקע געדענקט זי ניט. זי האָט שוין באַקומען די תעודת־זהות און אַ צעטל אויף אַנטייל נעמען אין די וואַלן.

— מאַמעניו! לאָז דיך אָפּ פון פּאָליטיק — בעט זיך ביי איר שלום. אַלע זיינען זיי גנבים: גאָטס גנבים, גלאַט גנבים און גנבים מיט סאָציאַליזם.

פון זינט דער ליכוד איז ביי דער מאַכט, גייען ביי אים די געשעפטן בעסער. קיינער — זאָגט ער — קוקט מיר ניט אין קאָפּ אַריין. צו די געשעפטן זיינע, פאַרשטייט זי, דאַרף ער מען מען זאָל אים וואָס ווייניקער קוקן אין קעשענע. וואָס האָט דאָס צו טון מיטן קאָפּ?.. פון אַלע רעדל־פירערס געפעלט איר מער בעגין. אַ פּיסקעלע ווי אויף שרייפלעך! נאָר אַז מען טראַכט זיך אַריין אין דעם וואָס ער זאָגט... די קיבוצים געפעלן אים ניט, ער וויל גאַנץ ארץ־ישראל. וואָס וועט ער טון מיט די אַראַבער? אַלע רעדן דאָ וועגן די אַראַבער; זיי זיינען מערדערס, קוילערס, באַנדיטן, טעראָריסטן. זיי ווילן אונדז דערטרינקען אין ים!.. און זי האָט סך־הכל געזען ניט מער ווי צוויי לעבעדיקע אַראַבער. ווען ניט די ווייסע טיכלעך אויף זייערע קעפּ, וואָלט זי זיי געוווען אָנגענומען פאַר מאַראָקאַנער ייִדן.

אין מועדון צו זיי האָבן אָנגעהויבן קומען לעקטאָרן. מען טאַפּט דעם דופק. זיי ווילן וויסן פאַר וועמען וועלן די אַלטע לייט שטימען. די עולים פון רוסלאַנד בלאָזן אויף קאַלטן. פּרס איז טרייף ווייל ער שמעקט מיט

סאָציאַליזם. און דאָרט ווו סאָציאַליזם — איז קאָמוניזם. מיט קאָמוניזם זיינען זיי זאַט איבערן גאָרגל. וואָלטן זיי געשטימט פאַרן ליכּוד, זיינען אַלע „שוואַרצע" ליכּודניקעס. זי פּרוּווט רעדן מיט שימעלען, האָט ער קיין צייט ניט. זי האָט קוים פון אים אַרויסגעקריגן: דער ליכּוד וועט סוף־כּל־סוף דערפירן דאָס לאַנד צו נאָך איין מלחמה. דער מערך איז ווייט פון גאָלד. נאָר ער איז מער גענייגט צו שלום. פון צוויי שלעכטס קלייבט זי אויס דאָס וויניקער שלעכטע. זי וועט שטימען פאַר „אמת".

דער וואַלפּונקט איז ניט ווייט. מען קען לייכט צוגיין צו פוס נאָר די אַגיטאַטאָרן, דאָ רופט מען זיי אַקטיוויסטן, זיינען געקומען זי נעמען מיט מאַשינען.

ביי דער טיר איז אַ שטיקל שטופעניש. נאָר אינעווייניק איז פריי און די לופט איז פריש. אין דער וואַל־קאַבינע פאַרהאַלט זי זיך. זי דערמאָנט זיך ווי זי פלעגט אין רוסלאַנד אויפשטיין פאַר טאָג כּדי צו זיין פון די ערשטע ווילערס. די ערשטע האָבן געהאַט אַ שאַנס צו קריגן אין בופעט ביי דעם וואַלפּונקט אַ ביסל דעפיציטע פּראָדוקטן אויף מלוכה־פרייזן.

דער ווילער וואָס קומט נאָך איר האָט ניט קיין געדולד.

— גברת! — רופט ער — וואָס טוסטו דאָרטן? דו שלאָפסט?

ניין. זי שלאָפט ניט. זי טראַכט: צי האָט טאַקע איר שטים אַ ווערט אין דעם קליינינקן רעשיקן לענדל?

6

מזל־טוב! זי איז שוין אַן עלטער־באָבע, און אַן אומגעריכטע באַגעגעניש

דערלעבן אַן אוראייניקל איז טאַקע אַ גרויסע פרייד. נאָר וויפל זאָרגן האָט מען ביז מען דערלעבט די גוטע שעה? עס קריכן דיר אין קאָפּ אַלערליי געדאַנקען. דו שלאָפסט ניט ביי נאַכט. דו האַלטסט אין איין קלינגען: וואָס טוט סאָניעלע? ווי פילט זיך סאָניעלע? קוים דערלעבט די

גוטע שעה: מזל־טוב דיר, מאַמע! מזל־טוב דיר, באָבעניו! מזל־טוב דיר מיט אַ מיידעלע.

דעם מיידעלע האָט מען אַ נאָמען געגעבן חוהלע. זי האָט בלויע אייגעלעך, גראָבע ליפּעלעך און קוויטשעט ווי אַ בחור. חוה! חוהלע! צי וועט די עלטער־באָבע דערלעבן זען דיך אַ גרויסע? צי וועסטו זי געדענקען?

און סאָניעלע ווערט פון טאָג צו טאָג לויטערער און שענער. מען דאַרף זיך צוקוקן אויף צו באַנעמען איר באַשיידענע שיינקייט, די איידעלע האַרמאָניע פון אירע געזיכטשטריכן, די וואַרעמקייט פון איר קלוגן שמייכל.

אָפּגעיום־טובט די גרויסע שימחה אין רעננה און אַהיים געקומען, דאַרף מען אויך דאָ מאַכן אַ שימחה פאַר די שכנים און שכנות וואָס קומען זי באַגריסן. מיט זיך האָט זי געבראַכט אַ פולן קויש כל־טוב. דאָס וואָס עס בלייבט פון אַ גבירישן טיש קען קלעקן פאַר קבצנים אויף יום־טובן אַ גאַנצע וואָך. זי האָט צוגעקויפט דאָס און יענץ, אָפּגעבאַקן אַ היימישן טאָרט. אַ טאָרט פון טאָרטנלאַנד! געקויפט אַ פּאָר פלעשער ווייבערישן וויין און איינגעלאַדן די געסט.

האָט איינער פון די שכנים מיטגעבראַכט מיט זיך זיינעם אַ שכן. אַ הויכער, פעסטער זקן, ווייס דער קאָפּ, ווייס די לאַנגע, ווי שפּיזלעך, בדעמען, ווייס די האָר אויף זיינע אויסגעהאָרעוועטע הענט. אַ ייִד מיט אַ באַזונדערן שמייכל אַרום די דינע ליפּן. אַ ייִד וואָס דערמאָנט איר עמעצן און זי ווייסט ניט וועמען. זאָגט זי אים:

איר זענט מיר קענטלעך. נאָר ווער איר זענט קען איך זיך ניט דערמאָנען.

טוט דער ייִד אַ בליץ מיט די שאַרפע, טיף זיצנדיקע, לאַכנדיקע אויגן:

— פראַדל — זאָגט ער — מאירקע שטייפס ווייבל, אַברהם דעם שוחטס מויד, די וואָלאָדענער שיקסע, מעג האָבן אַ בעסערן זכרון! — האָט ער איר אויסגערעכנט איר גאַנצן ייִחוס.

ער, זעט זי, איז ענלעך אויף רבקהלע ברוידעס טאַטן. איז דאָך אָבער זלמן ברוידע נאָך אין יענע פאַרמלחמה־יאָרן געווען אַ זקן, אַ בן־שבעים מיט אַ סמיטשיק. ניט אַנדערש, דאָס איז רבקהלעס עלטערער ברודער מעכל ברוידע.

אַ קײלעכדיקע איז זי די װעלט און אַ קלײנע. זי דרײט זיך און צעשלײדערט אונדז אין װײטע װיסטע עקן און דאָך באַגעגנט מען זיך.

אין אײן און פערציקסטן יאָר, אַ פּאָר חדשים פאַר דער מלחמה, איז זלמן ברוידע, דעם טאַטנס חבר, ניפטר געװאָרן. די גרױסע ירושה־שטוב זײַנע מיט בײדע פליגלען האָט מען צו יענער צײַט שױן נאַציאָנאַליזירט. רבקהלען, װי אַ געװעזענע אונטערערדלערין, האָט מען אָפּגעשיקט אַרבעטן אין די גרענעץ־דערפער. דער ברודער אירער איז געבליבן אַלײן. די נײַע מאַכט האָט אים ניט געקענט. אַ סך פון די חברים האָבן זיך פון אים דער־װײטערט. האָט ער אָפּגעפירט דעם טאַטנס ספרים צו אַ קרוב אין דאָרף און האָט זיך מאָביליזירט אויף אַרבעט קײן טיף רוסלאַנד. נאָך לאַנגע װאָגלענישן האָט ער דאָרט חתונה געהאַט מיט אַן אוראַלער קאָזאַטשקע. געענדיקט אַ בױ־טעכניקום און געאַרבעט אַלס בױמײַסטער. די קאָזאַטשקע האָט אים געבוירן ניט מער װי אײן זון. ער האָט איר אויפגעשטעלט אַ שטוב, אַ רײַכע װירטשאַפט, אַ קו, שאָף, חזירים. דער אויסגעװאַקסענער זון האָט שױן געאַרבעט װי אַ טראַקטאָריסט אין קאָלכאָז װען דאָס פּאָרל האָט זיך געגט. ער האָט איר איבערגעלאָזט די שטוב, די רײַכע װירטשאַפט און דעם זון און האָט זיך אומגעקערט אַהײם. ניט געטראָפן ניט קײן שטעטל און ניט קײן הײם. די אײנציקע שװעסטער האָבן די רומענער דערשאָסן װי נאָר זײ האָבן זיך אומגעקערט. האָט ער אַ צײַט געלעבט אין טשערנאָ־װיץ. געטראָפן דאָרט זײַנע אַן אַמאָליקע ליבע — אַ קראַנקע אַלמנה — איז אין אַ יאָר אַרום געשטאָרבן פון אַ מאָגנקרעבס. האָט ער אָפּגעזוכט זײַן דאָרפישן קרוב אין ישראל. דער קרוב, אויך אַ ברוידע, האָט אים געשיקט אַן אַרויסרוף. װוינט ער שױן אַריבער אַ יאָר אין די קאַראַװאַנען. זײ האָבן זיך ביז הײַנט ניט באַגעגנט װײַל ער איז אַ לאַנגע צײַט געװען אין ראשון־לציון בײַ דעם קרוב.

פון יענעם אָװנט קומט מעכל ברוידע יעדן פאַרנאַכט. ער ברענגט איר ביכער צום לײענען. טרינקט מיט איר טײ און שװײַגט. קײן באַרע־דעװדיקער איז ער קײן מאָל ניט געװען.

7

זי פאַנטאַזירט און מען גיסט זי אָפּ מיט אַ קוואָרט קאַלטע וואַסער

דער טאָג פאַרגייט. אויף פּוכיקע פייער־באַזוימטע כמאַרעלעך גוססט די זון. אַ וואַרטנדיקע שטילקייט הערשט אַרום. ווי נאָר די זון וועט אויס־הויכן די נשמה, וועלן די הויכע טייטלביימער זיך צעשאָקלען, פּאַכן מיט די גרינע פעדערנקעפּ, תּהילים זאָגן, קלאָגן נאָך דער פאַרשווונדענער זון, נאָך דעם וואַרעמען טאָג, נאָך די אויסגעלעבטע יאָרן, נאָך דעם פאַרגאַנ־גענעם לעבן...

זיצט זי אויפן גאַניקל, קוקט אויף איר שווייגנדיקן גאַסט. זי וויל אים דערציילן וואָס עס ליגט איר אויף דער נשמה און ווייסט ניט ווי אַזוי.

שבת אין דער פרי איז צו איר פאַרפאָרן אויף דריי מאַשינען אַ פריילעכע קאָמפּאַניע: שימעלע מיט סאָניען מיט זייערע אַשדודער חברים זיינען געקומען נעמען זי מיט זיך אויף אַ שפּאַציר אין די בערג.

זיינען זיי געפאָרן פאַרביי יונגע קרן־קימת־וועלדער אַלץ העכער און העכער ביז מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף עפּעס אַ חניה אין וואַלד. זיי האָבן אויפגעשטעלט דאָס געבראַכטע געצעלט, איבערגעביסן, אָנגעשטעלט מוזיק. איבער עפּעס זיך געשפּאַרט, דערציילט און געלאַכט ווי יונגע געזונטע מענטשן לאַכן ווען ס'איז זיי פריילעך. און זי האָט גענומען דאָס וועגעלע מיט דער שלאָפנדיקער חוהלען און זיך געלאָזט טיפער אין וואַלד, ווייטער פון דער קאָמפּאַניע. די קליינע זאָל קאָנען רויִק שלאָפן און אויך איר זאָל אַרויס דער רעש פונעם קאָפּ.

דער באַרג־אַרויף האָט זיך געענדיקט און פאַר אירע אויגן האָט זיך צעעפנט אַ ווילדע שיינקייט. אַ שמאָלער, טיפער טאָל. דאָרט, ווייטער, ווו דער שמאָלער טאָל האָט זיך אויסגעברייטערט, אַ שמאָל בלישטשענדיק טייכל. דער אַנטקעגנדיקער טרעפּאַרטיקער באַרג־אַרויף — שטייניק און נאַקעט. נאָר העט, אויבן, האָבן געגרינט שיטערע קוסטעס. דאָרט, זעט אויס, האָבן אַראַבישע קינדער געפּאַשעט אַ קליינע סטאַדע שוואַרצע ציגן.

ס׳האָט געבלאָזן אַ פּריש, אַ מחיהדיק ווינטעלע. דאָס קינד איז געשלאָפן. האָט זי אָפּגעזוכט אַ שטיין און זיך אוועקגעזעצט אָפּרוען.

און דאָ האָט זי אים דערזען: ווייט, אונטן, דאָרט וווּ דאָס טייכל האָט זיך עטוואָס פאַרברייטערט, האָט ער געשפּאַנט, איר אייגענער, איר אַרכי־אורעלטער־זיידע! די שוואַרצע באָרד זיינע, אַ צווייזייטיקע, אַ ברייטע, אַ ביסעלע אַ פאַרדרעטע, פונקט ווי בײַ איר טאַטן דעם שוחט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּגעלאָזט פונעם אַקסל די קאַראָמיסלע מיטביידע קוישן ערד. ער האָט מיט דער האַנט אויסגעווישט דעם שווייס פונעם פּנים. דער לאַנגער, גרויער כאַלאַט זיינער האָט זיך צעכראַסטעט און זי האָט קלאָר געזען זיין ביינערדיקע אָפּגעברענטע ברוסט, אַפילו דעם גרויסן קנאָפּ אויף זיין האַלדז האָט זי געזען, פונקט ווי ביי איר טאַטן.

און דער שטייניקער באַרג־אַרויף האָט זיך, אין איר פאַנטאַזיע, צעגרינט, באַדעקט מיט וויינגערטנער, מיט שטיינערנע מחיצות.... צוויי נעכט און אַ גאַנצן טאָג האָט געגאָסן אַ שלאַקס רעגן. די וואַסערן האָבן צעמוליעט דאָס שטיינערנע אָנשפּאַר־ווענטל. ניט ביי דעם רייכן שכן, נאָר ביי איר אַרכי־אורעלטער־זיידן. דאָס וואַסער האָט אַראָפּגעטראָגן אין טאָל די רויטלעכע, די פּרוכטיקע ערד. נאַקעט זיינען געבליבן די וואָרצלען פון זיין וויינגאָרטן. אָן ערד וועלן זיי פאַרטריקנט ווערן! און אויס געדעטעניש, אויס וויינ־גאָרטן!

דאָס שוצווענטל האָט ער נאָך פאַר טאָג אויפגעשטעלט. איצט טראָגט ער באַרג־אַרויף די אָנגעגראַבענע ביים טייכל ערד. נאָך אַ וויש דעם שווייס און ער הייבט אויף די קאַראָמיסלע און שפּאַנט ווייטער. און זי, פריידע שטייף, זיין אוראוראייניקל זיצט דאָ אויף אַ שטיין און הערט דורך יאָר־טויזנטער ווי שווער ער אָטעמט. און זי קוקט אויף דער וועלט אַרום מיט זיינע אויגן און טראַכט מיט זיינע געדאַנקען: אָט זוכט ער מיטן בליק אויבן, אויפן באַרג ווו די מיידעלעך זיינע פיטערן זיינע דריי ציגן און צוויי שעפּסן. דער עלטערער זון זיינער דינט אין די קעניגלעכע שטאַלן. דער קלוגער קעניג שלמה פירט ניט קיין מלחמות. קיינער ראַבעוועט ניט. מען פאַרכאַפּט ניט קיין קנעכט. עס לעבט זיך שטיל. האָסט ברויט — עס! האָסט מאַסלינע־ביימער — קוועטש דיין בוימל, טרינק דיין ווין! אים איז

שווער ווייל ער איז געבליבן נאָר איין אַרבעטסמאַן אויף דער ווירטשאַפט. דעם ייִנגערן זון האָט ער געמוזט אָפּשיקן אין די ווייטע לבנון־בערג האַקןביימער. זעקס חדשים מוז ער דאָרט אָפּאַרבעטן. און ווערסט ניט זאָגן ביין. מען פאַרגרייט דאָרט געהילץ פאַר גאָטס גרויסן הויז אין ירושלים.

שווער איז דאָרט די אַרבעט. שווער און געפערלעך. וויפל זיינען שוין דאָרט אומגעקומען און וויפל האָבן זיך אומגעקערט קאַליקעס. גרויס איז דער האַר פון דער וועלט! נאָר ער איז אַ ביסל צו שטרענג. ער שטראָפט מיט אַ שווערער האַנט. צו וואָס האָט אים געטויגט אַזאַ שלאָקס רעגן? וואָס צו פיל, איז ניט גוט. מען זאָגט קרבנות העלפן. נאָר אויף אַ קרבן דאַרף מען אַ שאָף אָדער ווייניקסטנס אַ פּאָרל טויבן...

דאָס ערשטע מאָל, דאָ אין לאַנד, האָט זי זיך דערפילט ווי אַ טאָכטער פון יענע ווייטע דורות. דער ביטערער שווייס זייערער איז איר געוואָרן נאָענט, אייגן זיינען איר געוואָרן די שטיינערנע בערג. אייגן דאָס לאַנד פון איר אוראַלטן ייִדישן שטאַם!

אין איר פאַנטאַזיע האָט זי געזען דעם אוראַלטן עלטער־זיידן אירן, די אייניקלעך זיינע געבונדענע מיט שטריק, געטריבענע אין גלות־בבל. און די אייניקלעך זייערע, וואָס האָבן אויפגעשטעלט די חרובע ווענט פון ירושלים, און די אוראייניקלעך זייערע וואָס האָבן געלויערט אין די באַרג־היילן אויף די סירישע גריכן און די אייניקלעך זייערע וואָס זיינען געפאַלן אין קאַמף מיט די רוימישע לעגיאָנערן... ביז נעכטן איז זי דאָ אין לאַנד געווען אַ גאַסט. געקוקט און געדרייט מיט דער נאָז; דאָס געפעלט איר יאָ. און דאָס געפעלט איר ניט. — און זאָל ער אויפהערן שמייכלען. זי זעט דעם שמייכל אויף זיינע ליפּן!

ס'איז שוין טונקל. מעכל ברוידע, דער גאַסט אירער, האָט זיך אויפ־געשטעלט.

— אַך! — האָט ער אָפּגעזיפצט — אַ פּאָעטישער טאַלאַנט גייט אין דיר, פּראָדעלע, פאַרלוירן. האָסט זיך אָנגעלייענט מיט דובנאָווס געשיכטע און שוועבסט אין די הימלען.

אמת. זי לייענט דובנאָווס געשיכטע. ער אַליין האָט זי איר געבראַכט. נאָר וואָס האָט דאָס צו טון מיט דעם וואָס זי פילט?!..

8

משנה־מקום — משנה־מזל

אַ סוף צו די זאָרגן, צו די לויפעניש. דאַנקען גאָט! זי האָט שוין אַ דירה. זי וווינט שוין אין אַשדוד. שלום אַליין איז געפאָרן און געבראַכט איר דעם באַגאַזש. דער קלאַוויר איז שוין ביי די גינגאָלדענע „מוידן". דאָס שפּילעכל געפעלט זיי. ווען די מאַמע זעט ניט, ברענטשען זיי וויפל זייער האַרץ גלוסט. דעם טעפּעך האָט זי אויסגעשפּרייט אין איר קלייניקן צימער. ער קלעקט פון וואַנט צו וואַנט.

פון חיימען האָט זי שוין דעם דריטן בריוו. ער האָט שוין אויסגעפּרוווט דאָרט עטלעכע „דזשאָבס" נאָר פון קיין גליקן הערט מען דערווייל ניט. וועגן די צרות וואָס ער האָט פאַרשאַפט דער מאַמען, מיט זיין אַנטלויפן קיין אַמעריקע, דערמאָנט ער כלל ניט. און ווען ער זאָל שוין יאָ דער־מאָנען? און ווען ער זאָל אַפילו בעטן ביי איר מחילה? וואָס וואָלט זיך דערמיט געענדערט? זי איז דאָ און זיי דאָרטן. טאַניע לערנט אין אַ ישיבה־שול.

די צייט שטייט ניט. שימעלע אַרבעט אויף אַ גרויסער פאַבריק. וואָס זיי פּראָדוצירן דאָרט ווייסט זי ניט. נאָר פאַרדינען פאַרדינט ער גוט. פריער פלעגט ער קומען מיט דער מאַשין און נעמען זי צו זיך אויף גאַסט. היינט איז זי מער ביי די קינדער ווי אין דער היים. חוהלע, קיין עין־הרע, שטייט שוין פעסט אויף די פיסלעך.

עס קומען צו זיי אַ סך חברים, לעניגראַדער און מאָסקווער, ספרדים און אַמעריקאַנער חברה און סאַברעס. מען שפּאַרט זיך ביז הייזעריק ווערן. מען רייכערט אָן אַ פולן סאַלאָן. איר זאַך איז קודם־כל אַוועקנעמען חוהלען. נאָר ווען חוהלע שלאָפט, געפינט זי זיך אַ ווינקל. זיצט און הערט זייערע רייד. ניט אַלץ פאַרשטייט זי. אָפט רעדן זיי וועגן געשעענישן פון וועלכע זי האָט קיין אַנונג ניט. קומט זי אַהיים און פּרוווט מאַכן אַן אָרדענונג אין אירע געדאַנקען. קען זי ניט. וואַרט זי מעכל זאָל קומען. מעכל האָט באַקומען די דירה אין אַשדוד מיט צוויי חדשים פאַר איר. ער וווינט ווייטלעך,

נאָר קומט כּמעט יעדן טאָג. מעכל אַז ער זאָגט עפּעס, איז עס תּמיד אָריגינעל.

— אַ סך דאַרף מען האָבן אויף צוגעווינען זיך צו אַ מענטשן?

אין דעם צווישטאָקיקן בנין ווו זי ווינט זיינען די טרעפּ דרויסנדיקע. די שכנות פאַרגעדענקען יעדן איינעם וואָס הייבט זיך אויף איר באַלקאָן. ווייבער! זיי האָבן ניט וואָס צו טון, קוקן זיי: ער גייט שוין ווידער, דער הויכער, דער ווייסער זקן! זיי פּאָלגן נאָך ווי לאַנג ער זיצט ביי איר און ווי שפּעט ער גייט אַהיים. ס'איז ביי זיי קיין ספק ניט: דאָ הייבט זיך אָן אַ ראָמאַן, דאָ שפּילט זיך אַ ליבע. דאָ שניידט זיך אַ שידוך — קיין שום לייקענען העלפט ניט.

— אַ ראָמאַן? ביי איר? ביי דער עלטער־באָבען? ווילסט יאָ אָדער ניט, נאָר פאַרטראַכטן מוז מען זיך, און זי דערמאָנט זיך און זי זעט אירע פאַרגאַנגענע יאָרן:

...געלעבט האָט אַ ייִד אין אַ דאָרף ניט ווייט פונעם פּרוט. און געווען איז דער ייִד אַ שוחט. געוווינט אין אַ ליימענעם ירושה־שטיבל. געהאַט זיין אייגנס צוויי העקטאַר פעלד. אין די יונגע יאָרן האָט ער דאָס פעלד אַליין באַאַרבעט. נאָר אויף דער עלטער האָט ער דאָס פעלד פאַרדונגען אַ רייכן שכן, אַ גוי, און געצויגן דאָס ביסעלע חיונה פון דער שחיטה. יעדן דאָנערשטיק פלעגט ער אַרומגיין די נאָענטסטע דערפער און קוילען הינער, גענדז און קאַטשקעס פאַר די דאָרפס־ייִדן אויף שבת.

איז ביי דעם ייִדן, דעם שוחט, געוואַקסן אַ בת־זקונים, אַ ווילדע ציג. גערופן האָט מען זי פראַדל. זי האָט זיך געחברט מיט שיקסלעך, געקראָכן מיט זיי איבער פרעמדע פּלויטן, געריסן עפּל אין פרעמדע סעדער. וואָס האָט דער אַלטער טאַטע געקענט טון? ער האָט געקרעכצט. פון דעסט וועגן האָט ער די מויד צו פינף יאָר אָוועקגעזעצט צום סידור. די קליינע האָט געהאַט אַ מאַנצבילשן קאָפּ אויף די דאַרע אַקסעלעך. אין גיכן איז זי דער־גאַנגען צו חומש מיט רש"י. אויב דעם טאַטן איז געלונגען כאַפּן זי צווישן טאָג און נאַכט ווען מען זעט שוין ניט צו לערנען און ס'איז אַ שאָד אַזוי פריי אָנצינדן דעם לאָמפּ, פלעגט ער איר דערציילן מעשהלעך פון מדרש און

פון דער אַגדה. די „מויד" איז געזעסן מיט אַן אָפן מײַלעכל און געשלונגען יעדער וואָרט.

נאָר ליב געהאַט האָט זי ניט דעם טאַטן, דעם שוחט, נאָר די שטילע, די קראַנקע מאַמע. די מאַמע פלעגט זיך אָפט „פילן ניט גוט", האָט מען געוואַרט ביז עס וועט איבערגיין און אויב עס איז ניט איבערגעגאַנגען האָט איר דער דאָרף־פעלדשער געשטעלט פּיאַווקעס און עס האָט געהאָלפן. ביז איין מאָל, אין אַן ערב־פּסח, איז איר געוואָרן גאָר שלעכט. מען האָט זי אַפילו ביזן שטעטל ניט דערפירט. דער אַלטער טאַטע האָט זי איבערגעלעבט ניט מער ווי מיט פיר חדשים. איז די „מויד" פריידע־פּראַדל געבליבן אַ קיילעכדיקע יתומה צו קאַרגע עלף יאָר. דער רייכער עלטערער ברודער האָט די יתומה גענומען צו זיך. אים איז ניט אָנגעשטאַנען, זיין שוועסטערל זאָל בלייבן אַ „דאָרפשיקסע", האָט ער איר געדונגען אַ לערער און געגרייט זי אין גימנאַזיע. צו די ביכער האָט די „מויד" זיך צוגעכאַפּט. קלאָגן זיך אויפן ברודער האָט זי ניט געקענט. ער האָט געזאָרגט עס זאָל איר גאָרניט פעלן.

שפּיגלען זיך האָט זי אָנגעהויבן שוין פונעם צווייטן קלאַס. דער שפּיגל האָט איר געוויזן אַ דאַר מיידעלע, בלייכע ליפּעלעך, אָפּגעבליאַקעוועטע, לייכט געקנייטשטע, קאַשטאַנאָווע האָר. אַ מיידעלע מיט לאַנגע הענט און נאָך לענגערע פיס. פון יענעם שפּיגל געדענקט זי די ברוינע לעבעדיקע אויגן. אויגן וואָס קענען אַ וויין טון נאָר האָבן ליב בעסער צו שמייכלען. מיט דער צייט האָט זיך פון דער „מויד" אויסגעשיילט איינע פון די סימפּאַ־טישסטע מיידלעך אין שטעטל.

זי האָט שוין געהאַלטן ביים ענדיקן די גימנאַזיע, ווען אין שטעטל האָט זיך אומגעקערט מאירקע שטייף, מענדל דעם קאָוואַלס בכור. אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט. אַ בחור — הויך און ברייטפּלייציק, מיט אַ פול מויל מילך־ווייסע ציין. אַ גייענדיקער האַרצוייטיק פאַר בעל־הבתישע כלה־מיידלעך, אַ בחור מיט אַ זעלטענער, פאַר יענער צייט, פּראָפעסיע — אַ שאָפער־מעכאַניק.

נאָר פון הוילן טראַכטן פון אַט דעם מאירן האָבן ביי פּראַדלען געפּ־לאַמט די באַקן. דאָס מזל האָט איר צוגעשפּילט. זי איז אים געפעלן מער

פון אַלע שטעטלשע קראָסאָוויצעס. און אַזוי ווי ביי אים איז געווען: געטראַכט און געטון — האָט ער איין מאָל אין אַן אָוונט, אָפּפירנדיק זי אַהיים, פּשוט, זי אונטערגעהויבן, צוגעטראָגן זי צו זיינע פרישע ליפּן און געגומען קושן איר די אויגן, די אויערן־לעפּלעך, די ליפּן... דאָס פאַרחלשטע הערצעלע איז איר אַראָפּ אין די פּיאַטעס. זי האָט אַ בריקעווע געטון מיט די פיסלעך און אויפגעהערט. דאָס קושן זיך איז איר געפעלן.

ווי נאָר זי האָט געענדיקט די גימנאַזיע האָבן זיי באַשלאָסן חתונה האָבן. דעם ברודער איז דער שידוך ניט געפעלן. ווייל ווו קומט מענדל קאָוואַלס יורש צו אַברהם דעם שוחטס טאָכטער? האָבן זיי אים ניט געפרעגט און געשטעלט אַ שטילע חופּה.

מאירקע האָט געאַרבעט אויף אַ קליינער לאַסטמאַשין. געפירט און צוגעשטעלט אַלערליי סחורות פאַר די קרעמערס פון די אַרומיקע שטעטלעך. דער בעל־הבית זיינער האָט אים גוט געצאָלט. שלעכט איז געווען נאָר דאָס וואָס ער איז געווען מער צייט אין וועג ווי אין דער היים. און איר איז געווען גוט מיט אים. גוט ווי די וועלט! די טעג זיינען געפלויגן אין וואַרטעניש. די שבתים, די יום־טובים, די פרייע אויפדערנאַכטן — אין פרייד.

דעם ערשטן זון האָט זי אים געבוירן שפּילעוודיק. אַ בחור — אַ שיינדליק! מאירקע האָט געזאָגט: זאָל זיין שלום אויף דער וועלט! — האָבן זיי אים אַ נאָמען געגעבן שלום. מאירקע האָט אין זינען געהאַט די פּרנסה און זי האָט אין זינען געהאַט מאירקען. מיט פּאָליטיק האָבן זיי זיך ניט אינטערעסירט. עד־היום ווייסט זי ניט וואָס איז אין אים געווען שטאַר־קער, דער „לינקער" אָדער דער ציוניסט. ער האָט געצאָלט קרן־היסוד גלייך מיט אַלע חשובע בעלי־בתים, נאָר ער האָט קיין מאָל ניט פאַרגעסן אַריינ־טראָגן זיין חלק אין „מאָפּר".

צום קומען פון דער ראַטנמאַכט איז זי שוין געווען אַ מאַמע פון צוויי יינגעלעך. מאירקע האָט געאַרבעט אין „רייפּאָטרעבסאָיוז", טאָקע אויף דער זעלבער, נאַציאָנאַליזירטער מאַשין.

דעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה האָט מען אים מאָביליזירט. מער האָט זי אים ניט געזען. זי מיט די קינדער האָט עס פאַרטראָגן אַזש אויף

יענער זייט אוראַל. זי איז געוואָרן אַן אויפּראַמערין אין אַ פאַרוואָרפענער אַרבעטער־קיך. ווו נאָך האָט זי אין יענע שווערע צייטן געקענט קריגן אַן אַרבעט? זי זאָל קענען ווי סע ניט איז שפּייזן אירע פּיצלעך קינדער? זי האָט זיך אויסגעלערנט וואַשן קעסלען, האַקן האָלץ, שאָבן און שייערן טעפּ, האַקן געפרוירן קרויט, שיילן האַלב־געפרוירענע קאַרטאָפל. מיט דער צייט איז זי געוואָרן אַ קעכין. שפּעטער, ווען מאירקע האָט זי אָפּגעזוכט און איר אַרויסגעשיקט זיין אָפיצירישן אַטעסטאַט, האָט מען זי געמאַכט פאַר פאַרוואַלטערין פון דער זעלבער אויסגעוואָקסענער אַרבעטער־קיך. זי האָט אַליין ניט געוווּסט וויפל איניציאַטיוו, וואָס פאַר אַ קעכערישער טאַלאַנט עס איז אין איר פאַרבאָרגן. מאירקעס ציטעריקע, דרייעקיקע פעלדבריוו־לעך — זיי האָבן איר געשיינט אין דער פינצטער. זיי האָבן איר אַרויסגע־נומען די נשמה און אונטערגעהאַלטןביים לעבן! אָט קומען זיי און אָט פאַרשפּעטיקן זיי, און אָט קומען זיי כּלל ניט.

צוויי מאָל איז ער געווען לייכט פאַרוווּנדעט. עטלעכע מאָל געביטן די געטראָפענע מאַשין. סוף ווינטער 1944 האָט אַ שווערע מינע אויפגעריס' זיין „סטודעבעקער", צעטראָגן אויף שטיקלעך אים אין איינעם מיט זיין שאָפער. די אָפּגעברענטע רעשטלעך זייערע האָט מען באַגראָבן אין אַן אַלגעמיינעם קבר ערגעץ אין פּוילן. אַפילו דעם אָרדען זיינעם מיט די מעדאַלן האָט מען איר ניט אָפּגעשיקט. אַלץ איז אַוועק מיטן פייער.

דאָס האַרץ — אַ שטיין. אַפילו וויינען האָט זי ניט געקענט. זי האָט ניט געטאָרט שרעקן די קינדער. מען האָט געמוזט לעבן. זי האָט אַפילו ניט באַמערקט ווען זי איז גרוי געוואָרן. פון דער עוואַקואַציע האָט זי זיך אומגעקערט אין 1947. אירע און מאירקעס משפּחות זיינען אומגעקומען אין טראַנסניסטריע. אין בעסאַראַביע האָט געהערשט אַ הונגער. זי האָט דאָרט קיינעם מער ניט געהאַט. האָט עס זי פאַרטראָגן הינטער לוואָוו. פרידאַ אַבראַמאָוונאַ, האָט זי זיך געזאָגט, ביסט איינע אַליין. קיינער וועט דיר ניט העלפן און דו מוזסט שטעלן אויף די פיס צוויי זין.

אויך דאָ, אויף דעם נייעם פּלאַץ, האָט זי אָנגעפירט מיט אַן אַרבע־טער־קיך. שפּעטער האָבן די אָרטיקע מאַכטהאָבערס געמאַכט פון דער אַרבעטער־קיך אַ קליינעם רעסטאָראַן. זיי פלעגן גערן קומען צו פרידאַ

אַבראַמאָווונע — עסן אירע סיבירער פּעלמעניעס, איר אוקראַיִנישן באָרשט, די ייִדישע געפילטע פיש.

די זין זיינען געוואַקסן. זי האָט זיי ניט געבאַלעוועט. שלום האָט געענ־דיקט אַ טעכניקום און געוואָרן אַן אויטאָ־מעכאַניק, ווי דער טאַטע. חיימען איז געפעלן בוכהאַלטעריע. זיי האָבן אָפּגעדינט, חתונה געהאַט און פאַר־לאָזט דער מאַמעס שטוב. איז זי געבליבן אַליין מיט די פיר ווענט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט, און זי איז שוין אַן אַלטע ייִדענע.

די שווערסטע זיינען געווען די פּאָר יאָר נאָך דעם ווי די קינדער האָבן חתונה געהאַט. זי האָט זיך געפילט ווי אַ פיש אויף דער טריקעניש. גאָר־נישט איז איר ניט ליב געווען. ניט קיין קינאָ, ניט קיין טעאַטער, ניט קיין אָפּרוהויז, ניט קיין סאַנאַטאָריע. די אַרבעט איז איר נימאַס און מיאוס געוואָרן. זי האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען. די שניר האָבן זי נערווירט, האָט זי אויסגעלאָזט די אויפגעשרויפטע נערוון צו די זין. דאָקטוירים האָבן געזאָגט — דאָס זיינען קלימאַקס־עפעקטן. נאָר זי האָט קיין שום פיזיאָלאָגישע ענדערונגען ביי זיך ניט באַמערקט.

דאָס אַלץ האָט זיך געענדיקט, אַזוי ווי מיט דער האַנט אַראָפּגענומען, ווי נאָר אַדעלאַ איז געלעגן געוואָרן און אויף דער וועלט האָט זיך באוויזן שימעלע. דאָס ביי־געבוירענע עופעלע האָט איר אויסגעשטרעקט זיינע הענטעלעך און אַרויסגעשלעפּט זי פון איר נויט. זי האָט געטאָגט און גענעכ־טיקט ביים קינד. באָבעס האָבן ליב די אייניקלעך מער ווי די אייגענע קינדער.

זי איז דאָך שוין אַריבער די זיבעציק. זי האָט דאָך שוין אַן אוראייניקל! ווי קומט אַהער אַ ליבע?

9

טראַכטן און טראַכטן...

מעכל העלפט איר טראַכטן. און טראַכטן איז דאָ וועגן וואָס: עפּעס געפעלט איר ניט, עפּעס איז ניט אין אָרדענונג ביי שימעלען אין דער משפחה. שווער צו פאָדערן אַז אַ יונג פּאָרל זאָל, אין די היינטיקע צייטן,

זיך אויפפירן ווי אַ מאָל. זיי האָבן זיך ליב. זיי זיינען מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דעם קינד. נאָר עפּעס דריקט זיי אויף דער נשמה און לאָזט זיך ניט אָנטאַפּן.

אפשר זיינען דאָס די חברים? די יונגע־לייט וואָס פּרעסן סאָניעלען מיט די אויגן? און אפשר דאַכט זיך איר נאָר אויס. מיט טאָפּלטער אָנגע־שטרענגטקייט פאָלגט זי נאָך יעדן וואָרט וואָס ווערט דאָרט געזאָגט. מיטן האַרצן פילט זי די אָנגעשטרענגונג וואָס הענגט דאָרט אין דער לופט.

עס האָט זיך ביי זיי צונויפגענומען אַ קאָמפּאַניע פון לייקענערס. ס׳איז דער דריטער דור פון די וואָס האָבן געטריקנט זומפּן, געבויט און געקעמפט און ביי זיי, ביי די אייניקלעך איז קיין גלויבן ניט געבליבן.

אורי שטערן, אַ שטייגער: זיין טאַטע איז אומגעקומען אין דער סיני־מלחמה, דער עלטערער ברודער — אין דער זעקסטעגיקער. די שוועסטער לעבן אין קיבוץ. אַלע האַלטן אים פאַר אַ פּעיִקן אינזשעניר. ווען ער הערט ציוניזם, לייגן זיך צונויף זיינע ליפּן אין אַ ביטולדיקן שמייכל. ציוניזם, זאָגט ער, איז אַ כראָנישע קרענק פון אויסגעליידיקטע הערצער. ליבע איז אַ זעלבסט־נאַרעריי, מען טראַכט זי אויס. מען קוועטשט זי אויס ווי אַ לימענע פון זיך און פון איר און מען טרינקט. אויב עס געלינגט, שיכּורט מען זיך מיט איר אָן. שפּעטער שלוקערצט מען זי אויס. מען נעמט אַ קאַלטן דוש און מען זוכט אַ צווייטע ליבע אויף אָנצופילן די אייגענע אינערלעכע פּוסטקייט.

אויב דיין אידעען־וועלט האָט אַזוי דעגענערירט, זאָגט שימעלע, איז דער איינציקער וועג — סעקס.

— יאָ אָדער ניט דעגענערירט, נאָר מיר איז מיט מיין אידעען־וועלט גאָר נישט שלעכט. איבעריקנס, וואָס איז היינט אין לעבן ניט דעגענערירט?

אַ בחור — אַ ליכט! און אַזאַ קוק אויפן לעבן! פרעגט זי אים:

— זאָג נאָר, אורי, אויב אַזוי, צוליב וואָס לעבט אַ מענטש אויף דער וועלט?

קוקט ער זי אָן מיט זיינע לעבעדיקע קוקערס:

— סבתא, מיט אייערע ציין ווילט איר איינבייסן אַזאַ האַרטן ביסן?! כ׳וועל אייך, סבתא, זאָגן דעם אמת: אַ מענטש לעבט ווייל ער לעבט. דעם

„צוליב וואָס" רעדט ער זיך איין. דאָס העלפט אים פאַרדייען זיין פעטן אָנבייסן.

דער אורי, ווען ער שטעלט אָן זיינע סאַמעטענע קוקערס אויף אַ יונגער פרוי, דאַכט זיך אַז ער איז גרייט זי איינשלינגען אַזוי ווי זי שטייט און גייט.

עס קומט צו זיי אַ פּאָרעלע, דבורה און אייב אַבני. ער איז אַ קליינינ־קער, אַ קורצזיכטיקער, מיט אַ קליין בייכל. זי — העכער פון אים מיט אַ גאַנצן קאָפּ. צו עטלעכע און דרייסיק יאָר איז זי אַ מאַמע פון פיר קינדער און טראָגט מיט דעם פינפטן.ביידע — גרויסע פּאַטריאָטן, אַנהענגערס פון גאַנץ ארץ־ישראל. אַראַבער האָבן זיי פיינט. דאָס שטערט אים ניט באַשעפ־טיקן אויף זיין קליין פאַבריקל אין אַשקלון כמעט אויסשליסלעך אַראַבישע אַרבעטערס.

אַראַבער — זאָגט ער — זיינען בטבע פּחדנים. דערפאַר טאַקע זיינען זיי פּאָטענציעלע רוצחים. מען דאַרף זיי האַלטן פעסט, וועלן זיי זיך צוגעוווינען. מיר'ן זיי אָרגאַניזירן דאָס לעבן ווי נאָר מיר ייִדן קענען. זיי וועלן ביי אונדז לעבן אין אַ ייִדישן גן־עדן. זיי לעבן שוין היינט, ביי אונדז, בעסער ווי אין יעדן אַנדערן אַראַבישן לאַנד.

— אַוודאי וועלן מיר זיי אָרגאַניזירן אַ גוט לעבן, זאָגט אים אונטער אורי. זיי וועלן ביי אונדז זיין היינטיקע גבעונים, חוטבי עצים און שואבי מים.

אויף אַ גרויסער עליה איז היינט שווער צו פאַרלאָזן זיך, סיידן עפּעס אַ שטיקל פּאָגראָם וועט אַרויסטרייבן די ייִדעלעך פון זייערע וואַרעמע גלות־נעסטן. דערפאַר מיינט אייב, אַז אונדזער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו מוז זיין — וואָס מער קינדער!

— ריכטיק — באַשטעטיקט אורי — קינדער מאַכן איז גוט פאַרן לאַנד און מען האָט דערפון הנאה.

אין איין צייט האָט זיך אין דער קאָמפּאַניע געדרייט אַפילו אַ חוזר־בתשובה, איינער אַ באַנק־אַנגעשטעלטער זשאַן שמואלי, אַ העפלעכער, אינטעליגענטער יונגער־מאַן מיט ווייסע, אַרויסגעאיידלטע הענט, אַ מאַראָ־קאַנער וועמענס עלטערן זיינען עולה געווען פון פּאַריז. אַ ליבהאָבער און

קענער פון דער מערב-אייראָפּעישער ליטעראַטור. געבראַכט האָט אים זהר גפני, סאַניעס חברטע. די שענסטע פון דער קאָמפּאַניע. זהר איז ניט מער ווי אַ לאַבאַראַנטקע נאָר זעט אויס ווי אַ פּרינצעסין. איינע פון יענע זעלטענע און פולקומע שיינהייטן וואָס מען באַגעגנט אויף די שער-בלעטער פון אילוסטרירטע זשורנאַלן. אַ הונדערט-פּראָצענטיקע חתיכה, ווי זי אַליין זאָגט וועגן זיך. ביי דער מאַמען האָט זי אַ מאָל געהייסן זעלדע, זעלדע וויינשטאָק. נאָר ווי זי זאָל ניט געווען הייסן ביי איר מאַמען, וועט קיין איין מאַן זי ניט פאַרבייגיין ער זאָל זיך אויף איר ניט אומקוקן. אורין האָט זי באַלד פון זיך אָפּגעשאָפן. ער איז צו קלוג און זי האָט ניט ליב קיין סקעפּטיקערס. אין אָט דער חברהמאַנקע האָט זיך פאַרליבט זשאַן שמואלי. ער איז מיטגעפאָרן וווהין זי האָט געוואָלט. ביז עס זיינען איר נימאָס געוואָרן זיינע פראַנצויזישע און ענגלישע פּאָעטן און זי האָט אים געגעבן דעם וועג. דבורה אַבני ווייסט צו דערציילן: די סיבה דערפון, זאָגט זי, איז וואָס דעם בחור פעלט כוח-גברי. האָט דער בחור חוזר-בתשובה געווען און אַוועקגעפאָרן לערנען אין אַ ירושלימער ישיבה.

עס דרייען זיך דאָ אַלערליי קינסטלערס. זיי קומען, אמת, ניט אַזוי אָפט: ניט-דערבאַקענע מאָלערס, פּאָעטן, יעדער מיט זיין לעבנס-טעאָריעלע. זהר גפני מיידן זיי אויס. זי איז ניט פאַר זייערע ציין און אַוודאי ניט פאַר זייערע בייטלען. דערפאַר אָבער פרוווט יעדער פון זיי זיין צוזיבער אויף סאַניעלען. מען האָט אויסגעפונען ביי איר כלערליי טאַלאַנטן. מען לערנט זי מאָלן, דעקלאַמירן. מען ווידמעט איר לידער. מען פירט זי צום ים מאָלן אַקוואַרעלן. מען האָט זי אַפילו פאַרשלעפּט אויף עטלעכע טעג קיין צפון, אויף אַ צוזאַמענטרעף פון מאָלערס. מען דעקלאַמירט איר זייער פּאָעטישע פסולת, אָפּגעהאַקטע פראַזעס וואָס איין גאָט ווייס וואָס זיי באַדייטן און צוליב וואָס מען האָט זיי אָנגעשריבן. אויף שימעלעס אָרט וואָלט זי דער דאָזיקער חברה שוין לאַנג געוויזן די טיר. שימעלע זעט דאָך ווי יעדער פון זיי באַלעקט זיך קוקנדיק אויף סאַניען. נאָר עס גייט אים ניט אָן, עס אָרט אים ניט! אָבער זי אַרט עס יאָ! זעט אויס, זי, די באַבע, איז דאָ די איינציקע אייפערזיכטיקע.

מעכל הערט און שמייכלט. מעכל געפינט אַז די קאָמפּאַניע זעט אויס

צו זיין אינטערעסאַנט. זי אַליין זאָגט דאָך, אַז געשען־געשעט דאָרט גאָר־נישט. איז איבער וואָס זיינען אירע איבערלעבונגען ?

אויב ער פאַרשטייט זי ניט, אויב ער לאַכט פון איר, וועט זי טאָקע גלייך אָנפאַלן אויף אים אַליין:

— זאָג מיר נאָר, מעכל — הייבט זי אָן מיט אַן אַריינפיר — מילא, מיך האָבן געבראַכט קיין ישראל מיינע קינדער, דער „פינפטער פונקט", נאָר דו, מעכעלע! דו ביסט דאָך געווען אַ פאַרברענטער קאָמוניסט, פויפס־לעכער פונעם פויפס! וואָס האָט דיך געבראַכט קיין ישראל?

ביי מעכלען גייען אויף און אָפּ די שפּיזיקע ווייסע ברעמען. מעכל טראַכט.

— דער אמת איז — זאָגט ער — אַז מיר אַליין איז עס אויך ניט קלאָר. איך מיין: מיך האָט געבראַכט אַהער דער מאָראַלישער עלנט. מיין ניט גלייבן מער אין גאָרניט. כ'האָב געוואָלט הערן אַנדערע רייד. זאָל זיין אַפילו ניט אין גאַנצן ריכטיקע, נאָר אויפריכטיקע. מאַלע וואָס איך האָב געוואָלט. כ'האָב שפּעט אָנגעהויבן וועלן.

— נו, און וואָס ?

— נו, און גאָרניט. אויף דער זייט פאָרהאַנג איז דער אָרגאַניזירטער ליגן ניט קיין סך קלענער ווי דאָרט. נאָר דאָ באַקומסטו אים אין אַ פּילקאָ־ליריקער איינפּאַקונג וואָס הייסט דעמאָקראַטיע.

— און וועגן לאַנד, וועגן ישראל, וואָס טראַכסטו?

— משה רבנו האָט פערציק יאָר, אין שווערע מידבר־באַדינגונגען געפּאָרעמעט אַ פאָלק פאַרן לאַנד. מיר דאָ האָבן אַ לאַנד. נאָר קיין פאָלק פאַר דעם לאַנד האָבן מיר נאָך ניט. מיר האָבן אַ מאָדערנעם, אַן אַמעריקאַניזירטן דור־המידבר און ניטאָ ביי אונדז קיין משה.

— אָט, זעסטו, מיט וואָס דער טאָפּ איז אָנגעברענט, מיט דעם שמעקט ער. דער „משה" דיינער שטאַמט פון דאָרטן, פון דעם „גאָלדענעם" ראַטן־פאַרבאַנד. עס חלומט זיך דיר אַ נייער, אַן אויסגעבעסערטער, אַ „דעמאָקראַטישער" סטאַלין. טפו!..

אַזוי האָבן זיי געטראַכט, געזוכט, געגריבלט זיך און ניט באַמערקט

די פינצטערע כמאַרע וואָס האָט זיך אָנגערוקט ביז זי האָט זיך אָנגעהויבן, די אומגליקלעכע, די לבנונער מלחמה.

10
שווערע צייטן

אויפן צפון האָבן אונדזערע ווידער אָנגעהויבן באָמבירן. ווען מען האָט שימעלען, אורין און די אַנדערע גערופן אין מילואים, האָט זי צו ערשט ניט איינגעזען די שייכות וואָס דאָס האָט מיט לבנון. ווי נאָר ס'איז קלאָר געוואָרן אַז אין לבנון גייט אַן אמתע מלחמה, איז זי אַוועקגעלאָפן צו סאָניען. נאָר די ליפן האָבן זיך איר ניט געעפנט צו פרעגן ווו איז שימעלע? צי איז ער חלילה ניט אין פייער. סאָניע האָט אויסגעזען רויִק, זי האָט נאָר גערעדט אַ קאָפּעלע געלאַסענער ווי געוויינטלעך. „סבתא, האָט זי געזאָגט, ס'איז ניט מער ווי אַ קורצע אָפּעראַציע. עס זיינען שוין געווען אַזעלכע. אין גיכן וועט זי זיך ענדיקן".

וואָס ענדיקן? ווער ענדיקן? צוליב וואָס האָט מען גאָר גענדאַרפט אָנהייבן?

געגעכטיקט האָט זי ביי סאָניען. אַ גאַנצע נאַכט זיינען זיי ביידע געזעסן און געוואַרט. אויף וואָס האָבן זיי געוואַרט? סיידן אויף אַ נס פונעם הימל.

דאָס ערשטע וואָרט וואָס חוהלע האָט זיך אויסגעלערנט אַרויסרעדן קלאָר איז געווען ניט אמא, נאָר אַבאַלע. חוהלע האָלט אין איינשלאָפן. די ליפּעלעך אירע שעפּטשען „אַבאַלע", „אַבאַ" און ביידע דרייען זיי אַוועק די קעפּ מען זאָל ניט זען די נאַרישע טרערן אין זייערע אויגן. און עס איז דורך די נאַכט. און עס איז געקומען דער טאָג. אַ טאָג ווי אַלע טעג. אין גאַס — קיין שום בהלה. אין די מאַגאַזינען שטייען ניט קיין אָטשערעדן. אויף דער נאַכט זיינען די גאַסן באַלויכטן ווי שטענדיק. די אָנשטרענגונג פילט זיך, נאָר ווען מען גיט איבער די לעצטע נייעסן. און דאָס קומט פאָר אין גאַנצן אַזוינע הונדערט פופציק קילאָמעטער פונעם פראָנט.

ווער זאָגט אַז אין ישראל זיינען ניטאָ קיין אָטשערעדן? זי שטייט שוין באַלד אַ שעה מיט אירע צוויי מתנה־פעקלעך. זי וואַרט אויף איר ריי. אַ האַלבער זאַל אין פּאָסטאַמט איז פאַרלייגט מיט מתנה־פעקלעך. אין דער צייט ווען די בלעטער פירן אַ הייסע דיסקוסיע וועגן דער מלחמה, טוען די מאַמעס, די פרויען און די קינדער זייערס. מען טראָגט מתנה־פעקלעך פאַר די זעלנער.

די וווינונג אירע האָט זי פאַרשלאָסן. זי וווינט דערווייל ביי סאָניען. זי האָט אָפּגעוואַרט מעכלען און אים גענומען מיט זיך צו סאָניען. זי האָט אים באַקענט מיט דעם רעשט פון דער קאָמפּאַניע. מער פון אַלעמען איז ער געפעלן זהר גפני. זיי שמועסן און עס ווערט זיי ניט נימאס.

מעכל זאָגט: די מלחמה איז אַ פון לאַנג צוגעגרייטע. מען נאַרט דעם עולם: שרון וויל איינשטעלן אין לבנון אַ פּאַקס ישראליאַנאַ. ליידער איז עס ניט מעגלעך, ווי ניט מעגלעך עס איז אויסראָטן די טעראָריסטן.

ווער האָט זיך געקענט ריכטן אַז מען וועט אפילו איר שלומען מאָביליזירן. ער מאַכט מילואים אויף די שטחים. יעדער שבת קומט ער אַהיים. צו די געשעפטן, זאָגט ער, קומט דערפון קיין געזונט ניט צו. געשעפטן האָבן ליב דער בעל־הבית אַליין זאָל זיך מיט זיי באַשעפטיקן.

און די מלחמה ציט זיך און ציט זיך. שוין לאַנג ווי מען האָט איינגענומען צור און צידון, פאַרכאַפּט, אָן קרבנות, דעם באָפאָר, פאַרניכטעט די סירישע קעגנלופט־ראַקעטן. אַראָפּגעשאָסן אָן אַ צאָל זייערע עראָפּלאַנען. מען איז ביי די טויערן פון ביירוט. מען שטייט שוין אין די שופּבערג. בעגין האָט צוגעזאָגט: עס וועט זיין ווי אין דער צייט פון די שופטים „עס וועט רוען דאָס לאַנד פערציק יאָר". טאָ ווען זשע וועט שוין נעמען אַ סוף צו דער בלוט־פאַרגיסונג?!..

דער ערשטער האָט זיך אומגעקערט פונעם פראָנט אורי שטערן. ער האָט אָנגעקלונגען און אָפּגעגעבן אַ גרוס פון שימעלען. שימעלע איז אויף אַ שטילן פראָנטאָפּשניט. אין גיכן וועט ער אויך אַהיים קומען.

פאַר נאַכט האָט ער זיך אַליין אַראָפּגעיאָוועט. דער זעלבער און דאָך אַן אַנדערער. ער איז ווי העכער געוואָרן. די טונקעלע הויט אויף זיין

לענגלעכן פּנים האָט זיך אָפּגעצויגן און עמעצער האָט אויסגעווישט דאָס שטענדיקע חוזק־שמייכעלע פון זיינע ליפּן. די ערשטע טעג, דערציילט ער, „האָט מען אונדז באַגעגנט שיִער ניט מיט פרייד. היינט דרייען זיי אָוועק די קעפּ, מיר זאָלן ניט זען זייערע אויגן. מען באַשיסט אונדזערע פּאַטראָלן. גיי געפין די שיסערס אין דעם געפּלאָנטער פון זייערע דאָרפישע געסלעך. אַלע האָבן דאָרט געוווער און אַלע שיסן, גייסט און פּילסט דיין ניט־באַשיצטע פּלייצע. אַ ליאַדע מינוט קען דיך טרעפן אַ נאַרישע קויל. גייסט און פרעגסט זיך, צוליב וואָס בין איך דאָ ?!..״

שימעלע האָט זיך אומגעקערט אין אַ וואָך אַרום. אַזוי פיל פרייד האָט זי געזען אויף זיין פּנים. ער האָט אַרומגענומען סאָניען, אונטערגעוואָרפן און געכאַפּט חוהלען, אויך איר, דער סבתא, האָט ער אָנגעקושט די פּאַר־וויינטע באַקן. „הכּל בסדר״, האָט ער געזאָגט, „מען דאַרף ניט וויינען״. באַלד זיינען געקומען צו פאָרן שלום און אַדעלאַ מיט די מיידעלעך. מען האָט זיך געקליבן מאַכן אַ שטיקל שימחהלע. נאָר מיט איין שטאָק אונטער זייער דירה האָט אַ מאַראָקאַנער מאַמע באַקומען די וויסטע ידיעה: איינער פון אירע זין איז אומגעקומען אין די שופּבערג און נאָך דער לוויה האָט זיך שוין קיינעם ניט געגלוסט יום־טובן.

און שימעלע איז אומגעגאַנגען ווי אין עולם־התּוהו. ער האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען. אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָט ער זיך צו איר צוגעזעצט און געפרעגט:

— סבתא, וויפל איז דער זיידע מאיר געווען אויפן פראָנט ?

— קאַרגע פיר יאָר, מיין קינד.

— אים איז אויסגעקומען הרגענען אַ שׂונא מיט די אייגענע הענט ?

— ער האָט מיר קיין מאָל דערפון ניט געשריבן, זונעניו.

פאַרשטענדלעך וואָס פאַר אַ שטיינער עס דריקן אים אויפן האַרצן. נאָר מיט וואָס קען זי, די באָבע, העלפן ?

די לבנונער האָבן אויפגעריסן זייער נייעם פּרעזידענט, דעם וואָס מיר האָבן זיי געהאָלפן אויסקלייבן. האָט צה״ל פאַרנומען די מוסולמענישע קוואַרטאַלן אין ביירוט. עמעצער פון די גענעראַלן האָט פאַרזען און אפשר האָט ער אומיסטן אַריינגעלאָזט די פאַלאַנגיסטן אין די אָקופּירטע פּאַלעסטי־

נער לאַגערן. האָבן די פּאַלאַנגיסטן אויסגעקוילעט הונדערטער מענער, פרויען און קינדער. נאָר דאָס האָט נאָך געפעלט! די גאַנצע וועלט באַשול־דיקט ניט די פּאַלאַנגיסטן נאָר אונדז, די ייִדן. צו דער וואַקסנדיקער אומצו־פרידנקייט איז די מאַסן־שחיטה, ווי בענזין אויפן פייער. אויף דעם פּראָ־טעסט־מיטינג קלייבט זיך פאָרן די גאַנצע קאָמפּאַניע. אורי האָט געבראַכט מיט זיך נאָך אַ פּאָר מילואימניקעס, זיינע חברים, אַלע אין מיליטער־קליידער. מעכל פאָרט מיט זיי.

אין דער לעצטער מינוט איז געקומען צו לויפן אייב אַבני, רויט ווי אַ בוריק, האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף סאָניען:

— סטייטש! זיי פאָרן אונטעררייסן אונדזער נאַציאָנאַלן כּוח. זיי ווילן העלפן אַראָפּפאַטן פאַרשמירן אונדז אין די אויגן פון גאָר דער וועלט! ער וועט ניט לאָזן פאָרן!

— וואָס וועט איר טון, גרויסער פּאַטריאָט, אויב מיר וועלן יאָ פאָרן? — האָט געפרעגט אורי.

— מיין פוס וועט אין דער שטוב מער ניט זיין!

— פאַרגעסט ניט פאַרמאַכן די טיר פון יענער זייט! — האָט שימעלע געעצהט.

אַ גליק — די טיר איז פון „רב בריח״, האָט זי אויסגעהאַלטן דעם זעץ וואָס אייב האָט מיט איר געטון.

זיינען אַלע אַוועקגעפאָרן. נאָר זי איז געבליבן מיט חוהלען. זיי האָבן זיך אומגעקערט שפּעט ביי נאַכט אויפגערעגטע און צופרידענע.

נו? — האָט זי אויף מאָרגן געפרעגט מעכלען — וואָס האָסטו דאָרט געהערט, געזען?

מעכל גלעט די ברעמען, גלייך ער וויל זיי זאָלן ניט זיין ביי אים אַזוי אָנגעשפּיזט.

— פאַרשטייסט — זאָגט ער — מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס האָב איך אין מיין לעבן געזען איבער גענוג. נאָר דאָ בין איך צום ערשטן מאָל געווען צווישן הונדערטער, טויזנטער מענטשן וואָס טראַכטן און פאָדערן דאָס זעלבע וואָס איך. אמתע מענטשן און אמתע ייִדן! אַזוינס קען מען

ניט באַשרייבן. מען דאַרף עס איבערלעבן. דו קומסט אַרויס פון דאָרטן אַ באַנייטער. דו הייבסט ווידער אָן גלייבן אין מענטשן.

— און וואָס איז מיטן שלום ?

— ווייט.

האָט אָבער יעדע מטבע צוויי זייטן. איז איר אין גיכן אויסגעקומען הערן אַן אַנדער אָפּרוף וועגן דעם מיטינג. איינער פון סאָניעס קינסטלערס האָט זיך צערעדט:

— ראשית — האָט ער געזאָגט — זיינען דאָרט ניט געווען קיין הונדערטער טויזנטער ווי די בלעטער האָבן צעטרומייטערט. און ווער האָט דעם מיטינג אָרגאַניזירט ? — פּאָליטיקערס. פאַרן בענקל זייערן וועלן זיי אייך פאַרקויפן דאָס גאַנצע לאַנד. ווער האָט דאָרט געשריגן העכער פון אַלע ? דער מערך, די שלום־עכשיוניקעס, די קאָמוניסטן און זייערע נאָכ־טענצערס. אַן אומגליק, אַ גרויסער ! מען האָט אָפּגעשיקט אויף יענער וועלט אַ פּאָר מאות באַנדיטן. שוין יאָרן ווי זיי קוילען זיך איינער דעם אַנדערן און שאַ ! שטיל ! קיינער מיטינגט ניט. איר האָט כאָטש אַ טראַכט געטון ווער האָט געבראַכט די אַלע לײדיקגייערס אויף אַן אומזיסטיקן שאַו קיין תל־אביב ? ווער האָט באַצאָלט פאַר די טויזנטער אויטאָבוסן ? !

שימעלע איז געווען אין קיך נאָר געהערט האָט ער אַלצדינג. איז ער אַריינגעקומען אַ בלייכער, צוגעגאַנגען האַרט צו דעם רעדנער, דער קליי־ניקער מאָלער האָט זיך אַזש אויפגעשטעלט.

— יונגער־מאַן ! — האָט ער אים געזאָגט — מיר לעבן אין אַ דעמאָק־ראַטיש לאַנד. איך קען אייך ניט פאַרווערן זאָגן וואָס איר ווילט. נאָר דאָ, ביי מיר אין שטוב, בין איך ניט מחויב אייך צו הערן. זייט אַזוי גוט און פאַרגעסט דעם וועג אַהער.

די מלחמה אין לבנון האָט זיך שוין אַזוי ווי פאַרענדיקט. נאָר מען איז געבליבן שטעקן מיט ביידע פיס אין דער געדיכטער בלוטיקער בלאָטע. די קרבנות הערן ניט אויף. שימעלען האָט מען ווידער גערופן אין מילואים. דאָס מאָל אין די שטחים. ער האָט זיך אומגעקערט פינצטערער פון פינצטער. ער גייט אום ווי אויפן עולם־התוהו. טייל מאָל דאַכט זיך מיר אַז ער הערט ניט וואָס מען רעדט צו אים.

פון חיימען קומען אָפטע בריוו. בריוו מיט „פּיקטשעס״. זעט אויס, די געשעפטן זיינע גייען אים גוט. ער בעט מיך איך זאָל קומען צו גאַסט: „זאָל די מאַמע זען ווי שיין מיר לעבן. זאָל זי אָנקוקן מיין דירה, מיין מאַשין. זאָל זי הערן ווי טאַני רעדט עברית, רוסיש האָט זי שוין פאַרגעסן, נאָר ענגליש רעדט זי ווי אַ געבוירענער אַמעריקאַנער״... טיף אין האַרצן האָט זי אים נאָך ניט מוחל געווען זיין פאָרן זוכן גליקן. נאָך סאַבינען האָט זי ניט געבענקט און בענקט ניט. עפּעס איז זי ניט ווי אַנדערע מאַמעס. זי האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעקילט צו די זין. צי איז עס דערפאַר וואָס נחום איז, ברוך־השם, רייך און חיים איז ווייט? זי פאַרגעסט דאָס. זי איז שוין אַן אַלטע באָבע. עס דאַכט זיך איר: נחום און חיים געהערן זיך איר אָן לייבלעכע ברידער, די קינדער אירע זיינען שימעלע און סאָניע און חוהלע איז איר אייניקל.

חיים רופט שימעלען צו זיך. אין יעדער בריוו שרייבט ער: „שימעלע! אַמעריקע איז אַ גאָלדן לאַנד! מיט דיינע קענטעניִשן דערגרייכט מען דאָ הויך און נאָך העכער. שימעלע לייענט די בריוו און שווייגט. ביידע, זי און סאָניע, קוקן אים אָן. זיי ווילן וויסן וואָס טראַכט ער. קיין ענטפער שרייבט ער ניט. — זאָל די סבתא, ווען זי וועט אים שרייבן, לאָזן גריסן פון זיין נאָמען.

די קאָמפּאַניע ביי די קינדער וואַקסט און פאַרגרעסערט זיך. עס קומט יעדער טאָג אויך איר מעכל, מעכל ברווידע. צו מאָל פרעגט זי זיך: — צו וועמען קומט ער? צו איר אָדער צו דער פריילעכער קאָמפּאַניע? ביי שימעלען אין קאַבינעט פילט ער זיך ווי אַ גלייכער צווישן גלייכע.

איין מאָל אין דער וואָך קומען צו סאָניען אירע קינסטלערס, פּאָעטן. מאָלערס. אָפט ברענגען זיי מיט זיך אַ פּאָר פון זייערע יונגינקע לאַנגפיסיקע פאַרערערינס. מיידלעך וואָס רייכערן אָן אויפהער און האַלטן דיעטע. מען לייענט לידער. מען הערט מוזיק פון וועלכער מען קען טויב ווערן. אַ מאָל טאַנצט מען, נאָר דער עיקר רעדט מען. מען רעדט און מען רעדט און מען רעדט. איר זאָך איז באַצייטנס ביילייגן חוהלען שלאָפן, פאַרהענגען די טיר מיט אַ גראָבער דעק, דער רעש זאָל דאָס קינד ניט אויפוועקן. נאָך דעם זעצט זי זיך אַוועק אין אַ ווינקעלע און הערט. צו דער קאַווע קומען

זיך אַלע צונויף אין סאַלאָן, שימעלעס פּאָליטיקערס און סאַניעלעס קינסט־לערס. היינט רעדט מען וועגן קונסט.

— אמתע קונסט — זאָגט משהלע חנקין — פאָדערט ניט נאָר פאָרעם נאָר אויך אינהאַלט. מיך אינטערעסירט, ניט נאָר ווי אַזוי דער שרייבער שרייבט, נאָר אויך וואָס ער האָט צו זאָגן זיינע מיטמענטשן כדי זיי זאָלן ווערן איידעלער, מענטשלעכער, גערעכטער און שוין פון דעם אַליין זאָלן זיי לעבן שענער און גליקלעכער.

— מיר האָבן שוין דאָס געהערט; מיסיאָנערישקייט! מוסר־השׂכּל־ליטעראַטור! עס קערט פון איר די גרינגע גאַל! — רופט זיך אָפּ אַ בחור, זיין נאָמען ווייסט זי ניט. גראָבע אויגנגלעזער פאַרשטעלן אים די אויגן.

— טאַלאַנט איז אַ מתנה פון גאָט און דינען דאַרף מען ניט דער מענטשהייט, נאָר דעם אייגענעם טאַלאַנט. אַ קינסטלער דאַרף אויסדריקן זיך אַליין, אויפדעקן די טיפסטע ניואַנסן פון זיין אינדיווידואַליטעט. און זאָל אים ניט אָנגיין וואָס די מאַסע טראַכט וועגן דעם.

— אויב ניט צוליב דעם מענטשן, טאָ צוליב וואָס און צוליב וועמען שרייבט מען, מאָלט מען?

— אַן אמתער קינסטלער שאַפט צוליב זיך אַליין. שאַפט, ווייל אַלץ אין אים פאָדערט: שרייב! מאָל! שפּיל!

איר האָט זיך געדאַכט אַז חוהלע האָט זיך אויפגעכאַפּט און ביז זי האָט זיך אומגעקערט האָט מען די טעמע געביטן. אַ צווייטער, אויך פון סאַניעס געסט, אַ פייערדיק רויטער וועלגעליעץ, דאָס פּנים פול מיט זומער־שפּרענקעלעך, האָט זיך אויסגעצויגן אויפן וויגשטול, די לאַנגע פיס אויסגעשטרעקט ווייט פאַרויס:

— וואָס פאַר אַ געמיינשאַפט — פרעגט ער — איז צווישן מיר, דעם פּאָעט, מיט, לאָמיר זאָגן, איציק דעם גרינוואַרג־הענדלער, אָדער דעם בחור וואָס צעפירט סחורות אין די מאַגאַזינען און טויזנטער אַנדערע אַזוינע ווי זיי? מעגן דאָס זיין אַשכּנזים, ספרדים. תּימנער אָדער גאָר אַביסיניער ייִדן? אונדז אייניקט נאָר דער פאַקט וואָס אַלע זיינען מיר געמלעט, ווען אַפילו מיר רעדן יעדער אויף זיין עברית, אויב דעם אופן, מיט וועלכן דער המון באַנוצט זיך מיט זיין באַגרענעצטער צאָל ווערטער, קען מען

בכלל אָנרופן שפּראַך און עברית. מיר קוקן טאַקע דעם זעלבן טעלעוויזאָר. מיר בלעטערן אפשר איין און די זעלבע צייטונגען נאָר איין פאָלק זיינען מיר נאָר דערמיט וואָס אַלע אונדז האָט מען גלייך פיינט, און פאַר זיי זאָל איך שפּרייטן די פּערל פון מיין ליד ?..

— זאָל זיין — האָט זיך אָנגערופן שימעלע ? — גריבלט זיך וויפל איר ווילט אין די מיסטישע טיפענישן פון אייער פּאָעטישער פּערזענלעכקייט. באַשרייבט זי אין גראַמען אָדער אין ווייסע פערזן. אייער באַציונג צו דעם פּשוטן מענטשן זאָגט מיר קלאָר: ניט איר און ניט אייער פּאָעזיע זענט אים נייטיק. עס פרעגט זיך: ווען איר אייגנטלעך זענט איר יאָ נייטיק און צו וואָס פאַר אַ צוועק ? — ביי די רייד האָט ער זיך אויפגעהויבן און אַוועק צו זיך אין קאַבינעט.

נאָך אים זיינען אויפגעשטאַנען זיינע חברים, זוהר גפני און, פאַרשטייט זיך, אויך מעכל ברוידע. נאָר מלכּה אַריאַלי, די דרייסיק־יאָריקע גרושה, די נייע חברטע אין קרייז, האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרהאַלטן. זי האָט אָפּגעמאָסטן דעם פּאָעט פון קאָפּ ביז די אויסגעשטרעקטע פיס.

— ווי איך פאַרשטיי — האָט זי געזאָגט — שרייבט איר לידער. צי קענט איר מיר ניט זאָגן ווו זיי דרוקן זיך ? איך בין נייגעריק צו לייענען מיט וואָס איר פאַרפילט אייער לײדיקייט. און ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער איז זי נאָכגעגאַנגען דער קאָמפּאַניע.

אויף דעם האָט דער אָוונט זיך געענדיקט. קיינער האָט מער ניט געוואָלט שמועסן.

ווי תּמיד איז זי געגאַנגען באַגלייטן מעכלען. נאָך דעם אָנגערייכערטן סאַלאָן איז געווען אַ פאַרגעניגן דאָס אָטעמען די פרישע לופט. זיי האָבן געשפּאַנט שווייגנדיק און ווידער אַ מאָל און נאָך אַ מאָל האָט זי זיך געפרעגט: וואָס פאַר אַ געמיינזאַמקייט האָט סאָניע מיט אָט דעם עולם.

— אַזאַ איינעם — האָט מעכל געזאָגט — מוז זיין ניט גרינג צו לעבן. דער וועג זיינער — שיכּרות, קאָקאַין און מעגלעך — טויט.

טויט ? זי האָט זיך אַפילו פאַרשטעלן ניט געקענט, ווי ניט ווייט זי איז פון אים געווען. די טיר האָט זי אויפגעשלאָסן שטילערהייט. איר האָט זיך געדאַכט אַז חוהלע ווײנט. נאָר ניט חוהלע האָט געוויינט. זי האָט געמיינט

אַז די קינדער שלאָפֿן שוין. נאָר די קינדער זיינען נאָך ניט געשלאָפֿן. דאָס האָט סאָניעלע געכליפּעט.

איר ערשטע באַוועגונג איז געווען — אויפֿמאַכן די טיר אין שלאָפֿצימער, זען וואָס דאָרט קומט פֿאָר. נאָר די טיר אין שלאָפֿצימער האָט זי ניט געעפֿנט. אויף די שפּיץ פֿינגער איז זי אַריין אין חוהלעס צימער און געבליבן שטיין און הערן. אונטערהערן וואָס אַנדערע ריידן איז מיאוס און נידעריק. נאָר דאָרט אין שלאָפֿצימער זיינען ניט קיין אַנדערע, דאָרט זיינען אירע אייגענע, אירע טייערע קינדער!

— גענוג, מיידעלע, גענוג וויינען — האָט דאָרט שימעלע געבעטן. קיינער האָט דאָך דיך ניט געוואָלט באַליידיקן. מען האָט נאָר געוואָלט אָנלערנען דעם אָנגעבלאָזענעם אינדיק, דיין פּאָעט.

— מיינער איז ער? מיט וואָס איז ער מיינער? אין דעם גייט עס דאָך וואָס דו אידענטיפֿיצירסט מיך מיט ווו איינעם! דו האָסט מיך אויפֿגעהערט פֿאַרשטיין. דו האָסט מיך פֿאַרלאָזט! איך בין דיר מער ניט נייטיק! איך בין קיינעם ניט נייטיק! קיינער וויל מיך ניט פֿאַרשטיין! איך בין אַליין! איינע אַליין! איך פּרווו אומזיסט מיט עפּעס אָנפֿילן מיינע לײדיקע טעג!

— נו, מיידעלע מיינע! סאָניעלע! פֿון וואַנען קומען גאָר צו דיר אַזוינע געדאַנקען?! — דאָס קול זיינס האָט לייכט געציטערט — ניט שוין זשע זעסטו ניט, ניט שוין זשע פֿילסטו ניט ווי מיר איז שווער? איך קען מיר קיין פּלאַץ ניט געפֿינען, איך ווייס ניט וואָס צו טון מיט זיך אַליין און דו רעדסט פֿון פֿאַרלאָזן. דערמאָן זיך וויפֿל מיר האָבן גערעדט ווען כ'האָב מיך אומגעקערט פֿון לבנון. די מילואים אין חברון האָבן מיך אין גאַנצן אַראָפּגעפֿירט פֿונעם וועג. איך פֿרעג זיך ווי אַזוי לעבט מען ווייטער? וואָס דאַרף מען טון? צונויפֿנעמען אַ חברה לײדיקגייערס און הערן זייערע נישטיקע לידלעך, זייערע אידיאָטישע וועלט־באַנעמונגען, צי איז דאָס אַלץ וואָס מיר מיט דיר קענען טון?! דאָס איז אונדזער לעבנסוועג?!

— איך שלאָף ניט דורך די נעכט און דו ווייסט עס. עס חלומען זיך מיר קינדער־אויגן און ניט נאָר די לבנונער בילדער פֿאַרפֿאָלגן מיך. דאָרט איז ווייניקסטנס געווען אַ מלחמה. איך קען ניט פֿאַרגעסן די מענטשן וואָס

איך, אַ סאָלדאַט מיט אַן אויטאָמאַט, שטעל זיי מיט אויפגעהויבענע הענט צו דער וואַנט און באַטאַפּ און באַזוך זיי פּאַר די אויגן פון זייערע מאַמעס, פאַר די אויגן פון זייערע קינדער! איך קען ניט פאַרגעסן די שינאה! וואָס זוכן מיר דאָרט?! איך קען ניט! כאַטש שלאָג זיך קאָפּ אין וואַנט! איך ווייס ניט וואָס דאַרף מען טון כדי צו דעם אַלעמען זאָל קומען אַ סוף!

— דו מיינסט איך זע ניט ווי דו און די באָבע קוקט איר מיר אין די אויגן ווען עס קומט אָן אַ בריוו פונעם פעטער חיים. איך וועל ניט שפּילן אַ קלעק און אַנטלויפן. אומזיסט איז אייער מורא. איך וועל קיין מאָל ניט ווערן קיין יורד! מיר וועלן, סאָניעלע, געפינען דעם וועג. מיר זיינען ניט איינע וואָס זוכן. ער מוז זיין, דער ריכטיקער וועג, ער וואַרט אויף אונדז און וויש אויס דיינע בלויע אויגן. גענוג! קום שלאָפן!

ס'איז שוין לאַנג צייט געווען צו שלאָפן. נאָר זי, די באָבע, האָט איינשלאָפן ניט געקענט. אַ באַזונדערע שווערקייט האָט געפּרעסט אויפן האַרצן און זי האָט ניט געוווּסט פון וואַנען עס נעמט זיך. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט ווייל עס האָט איר אויסגעפּעלט לופט צום אָטעמען און דער־פילט אַ ווייטיק אין דער לינקער זייט. מיט אַלע כוחות האָט זי זיך איינ־געהאַלטן ניט צו שרייען, ניט אויפוועקן דאָס קינד. איר איז געלונגען מאַכן ניט מער ווי צוויי טריט צו דער טיר און זי איז אומגעפאַלן.

ווען זי האָט אויפגעמאַכט די אויגן איז זי שוין געלעגן אויפן דיוואַן. גוט וואָס די גיכע הילף איז געקומען צו דער צייט. זי האָט זיך אָנגעשטויסן אַז זי האָט אַ האַרצאַטאַק, נאָר קיין באַזונדערע שרעק האָט זי ניט געפילט. די שרעק איז געקומען שפּעטער, ווען אין דער אַמבולאַנס־מאַשין האָבן זיך די ווייטיקן באַנייט און פאַרשטאַרקט. ערשט איצט איז צו איר דער־גאַנגען אַז זי איז געפערלעך קראַנק. עס קען זיין מען זאָל זי אַפילו ניט דערפירן ביזן שפּיטאָל. דאָ, אין דער מאַשין, אויף דעם פרעמדן בעטל, וועט זי אויסהויכן איר לעצטן אָטעם! עס האָט זי באַשלאָגן אַ קאַלטער שווייס, מיט אַ לעצטער אָנשטרענגונג האָט זי אויסגעשטרעקט די האַנט, געפונען שימעלעס פינגער און איינגעקלאַמערט זיך אין זיי מיט די לעצטע כוחות. געפּרווּוט זיך אָנהאַלטן אין לעבן.

דאָס ווייטערע געדענקט זי ווי אין חלום. מען האָט איר געמאַכט אַן

איינשפּריצונג און די ווייטיקן זיינען איבערגעגאַנגען. מען האָט זי אַוועקגעלייגט אין טיפּול נמרץ.

די ביינאַכטיקע באַלויכטונג, דער דאָקטער, די שוועסטער, אַלע האָבן זיך גערירט אַרום איר ווי שאָטנס. אַלץ האָט געשלעפּערט. אַ נאָך קיין מאָל ניט געפּילטע שוואַכקייט האָט זיך צעגאָסן איבער אַלע אירע אֵברים. אַפילו טראַכטן איז איר געווען שווער. די שרעק איז איבערגעגאַנגען. ס'איז געבליבן נאָר אַ געפּיל אַז דאָס לעבן רינט פון איר אַרויס. אָט שטאַרבט זי און עס איז גאָרניט אַזוי שרעקלעך. עס האָט פאַרבייגעשוועבט שימעלעס פאַרזאָרגט פּנים. זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן נאָר זי האָט פאַרגעסן וואָס. זי איז איינגעשלאָפן.

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען גרויער טאָג. זי האָט געפּרוווט זיך אויפזעצן. נאָר שימעלע און די קראַנקן־שוועסטער האָבן ניט געלאָזט. זי מוז ליגן רויִק. זי טאָר זיך ניט אויפזעצן און בשום־אופן ניט אַראָפּגיין פונעם בעט. ביי איר איז געווען אַ קליינער האַרצאַטאַק. ס'וועט איבערגיין, נאָר מען מוז האָבן געדולד.

שפּעטער זיינען געקומען נחום מיט אַדעלאַן. נחום האָט זי געטרייסט. דאָס ערגסטע, האָט ער געזאָגט, איז שוין פאַרביי. זי וועט זיך אָפּרוען עטלעכע טעג און ווידער זיך שטעלן אויף די פיס. נאָר פון זיין אַ דינסט ביי סאָניען, זאָל זי פאַרגעסן. אויב סאָניע וויל זיך פאַרנעמען מיט מאָלעריי זאָל זי נעמען אַן עוזרת. „ס'איז ניט פאַר דיר, מאַמע, ביאַנטשען קליינע קינדער. שימעלע האָט שוין געכאַפּט פון מיר זיין ברוך־הבאָ״.

זי האָט אים געוואָלט ענטפערן, געבן אים צו פאַרשטיין אַז ניט חוהלע נייטיקט זיך אין איר, נאָר זי נייטיקט זיך אין זיי: אין שימעלען, אין סאָניען און אין חוהלען. ווייל נאָר מיט זיי פילט זי אַז זי לעבט. נאָר ס'איז איר געווען שווער צו רעדן.

דער באַזוך אין „טיפּול נמרץ״ איז אַ קורצער. באַלד זיינען זיי אַלע אַוועקגעפאָרן און זי איז געבליבן אַליין.

ביי נאַכט האָט זי זיך אויפגעכאַפּט. די שכנה פונעם צווייטן בעטל רעכטס איז, זעט אויס, געשטאָרבן. זי האָט עס פאַרשטאַנען פון דעם וואָס די קראַנקן־שוועסטער האָט אַרויפגעצויגן דאָס ליילעך און איבערגעדעקט

די פרוי איבערן קאָפּ. שטיל, אויף קיינעם ניט באַאומרויִקן האָבן די שוועסטער אַרויסגעפירט דאָס בעטל אין קאָרידאָר. פאַר שרעק האָט זי אָנגעהויבן פיבערן. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי פילט ניט מער די הענט און די פיס. זי האָט געטאַפּט און ניט געקענט געפינען ביי זיך דעם פולס. דאָס האַרץ, איר האַרץ! האָט אויפגעהערט אַרבעטן. זי האָט געוואָלט שרייען, רופן הילף, נאָר ניט געקענט אויפהויבן די האַנט. זי איז געלעגן ווי פאַרשטאַרצט. מיט שׂכל האָט זי פאַרשטאַנען אַז זי לעבט, נאָר עס האָט לאַנג געדויערט ביז זי האָט זיך באַרויִקט. פון מידקייט איז זי ווידער איינגעשלאָפן.

אין דער פרי איז שוין דאָס שכנותדיקע בעטל געשטאַנען אויף זיין פּלאַץ און ס'איז דאָרט געלעגן אַ קראַנקע פרוי. זי איז ניט געווען זיכער צי דאָס וואָס זי האָט געזען ביי נאַכט איז ווירקלעך געשען אָדער עס האָט זיך איר נאָר געחלומט. שפּעטער זיינען געקומען שימעלע מיט סאָניען. מיט זיי אויך מעכל. די ערשטע, די נאַרישסטע פראַגע אירע איז געווען: — אויף וועמען האָט איר געלאָזט חוהלען? דער דאָקטער האָט צוגעזאָגט שימע־לען: מאָרגן, איבער מאָרגן, אויב אַלץ וועט גיין ווי עס גייט וועט מען זי איבערפירן אין אַן אַלגעמיינער פּאַלאַטע. אין „טיפּול נמרץ” האָט זי מער ניט וואָס צו טון.

די קינדער זיינען אַהיים געפאָרן נאָר מעכל איז געבליבן.

— פראָדל — האָט ער געזאָגט — קיין קליגערע זאַך האָסטו שוין צוטראַכטן ניט געקענט? כ'בין מיט אַ שבת עלטער פון דיר. ווהין איז די איילעניש?! — און פון זיינע רויטע, ניט אויסגעשלאָפענע אויגן האָט געשיינט אַזאַ שפּע צערטלעכקייט, אַזאַ איבערגעגעבנקייט. אַזש איר איז געווען אַ בושה צו קוקן.

11
דריי זיינען מיר געלעגן

...די אַלגעמיינע פּאַלאַטע איז שוין גאָרניט אַזאַ אַלגעמיינע. אין גאַנצן פיר בעטלעך און נאָר צוויי זיינען באַזעצט. אַראָפּגיין דערלויבט מען מיר

נאָך ניט. נאָר אַזאַ מזל האָב איך. אומעטום באַגעגן איך נייע אינטערעסאַנטע מענטשן. הער פאַרשיידענע געשיכטעס. ווי נאָר מען האָט מיך איינגעאָרדנט אויפן נייעם פּלאַץ האָבן די צוויי קראַנקע פרויען באַנייט זייער וויכּוח.

די שכנה מיינע פון רעכטס, אַ פרוי פון אַ יאָר זיבעציק. פון אונטער אירע פּשוטע ברילן קוקן אויף דיר אַ פּאָר מילדע מאַמישע אויגן. אַ קוים אָנגעמערקטער שמייכל באַשיינט און מאַכט היימיש די געדיכטע קנייטשן אויף איר געעלטערטן פּנים. די צונויפגענומענע אין אַ קובליק שיטערע גרויע האָר דערמאָנען פון דעסטוועגן די אַמאָליקע לאַנגע מיידלשע צעפּ.

— ס׳איז ניט ניי — זאָגט זי — אַ סך פון די עולים פון רוסלאַנד האָבן זיך אַזוי שטאַרק אָפּגעבריט ביי זייער „קאָמוניזם״ אַז יעדע קליינע דערמאָנונג אין סאָציאַליזם צינדט אין זיי אָן אַ פייער. אַלץ איז ביי זיי טרייף: די הסתּדרות, די קיבוצים. איר ווילט ניט און קענט ניט פאַרשטיין אַז די מדינה האָבן אויפגעשטעלט חלוצים, קיבוצניקעס, אַרבעטערס. און זיי האָבן געשטרעבט ניט גלאַט בויען אַ ייִדיש לאַנד, נאָר אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, אַ יושרדיקס, אַן אור־לגויים, אַ מוסטער פאַר דער וועלט. ליידער האָט עס זיי זיך ניט אין גאַנצן איינגעגעבן. קיין אור־לגויים זיינען מיר דערוויל ניט.

— ווער זאָגט אַז עס האָט זיך אייך ניט איינגעגעבן ? — וואַרעמט זיך די צווייטע, אַ שלאַנקע פרוי פון אַ יאָר דרייסיק, פינף און דרייסיק. די קורץ געשוירענע בלאָנדע האָר פאַלן איר אין פּנים אַריין. פאַרשאַרט זי זיי מיט אַ האַסטיקן וואָרף מיטן קאָפּ. זי שפּאַנט אויף און אָפּ איבערן צימער, בלייבט שטיין אויף אירע שיינע שפּילקע־שיך. זי טראָגט ניט קיין שפּיטאָל־קליידער. פון אונטער דעם היימישן שלאָפראָק זעט מען די איידעלע קרוזשעוועס פונעם העמד וואָס באַצייכנט צוויי יונג־מיידלשע בריסטלעך. ווען ניט די באַזונדערע בלייכקייט פון איר ענערגישן פּנים וואָלט קיינעם ניט איינגעפאַלן אַז זי איז אַ האַרץ־קראַנקע.

— ס׳האָט זיך אייך בפירוש איינגעגעבן. נאָר וואָס האָט זיך אייך איינגעגעבן ? וואָס איז היינט דער קיבוץ ? אַ פּריצישע אימעניע, אַ פאַרמאַכטע לאַטיפונדיע פון נייע אַריסטאָקראַטן מיט אייגענע שווימבאַסיינען,

מיט ספּעציעלע שולן. ביי דער נייער טעכניק איז די פיזישע אַרבעט שוין ווייט ניט אַזוי שווער און עס טוען זי ביי אייך די מתנדבים: נאַיווע בחורים און נאַרישע מיידלעך וואָס קומען צו אייך פון אַלע עקן וועלט לערנען זיך ביי אייער, מישטיינס געזאָגט, סאָציאַליזם. אויף אייערע פאַבריקן אַרבעטן ספּאַרדישע אַרבעטערס, אַרבעטן פאַר גראָשנס אויף צו פאַרגרע־סערן אייערע דיווידענדן! כ׳וועל ניט לייקענען — לאָזט זי ניט די אַלטע זאָל איר עפּעס ענטפערן — ווען ניט די קיבוצניקעס וואָלטן מיר ניט געהאַט דאָס וואָס מיר האָבן. נאָר די סאָציאַלע פאָרמען וואָס איר האָט איינגעשטעלט צעפאַלן זיך. זיי קענען קיין לאַנגן קיום ניט האָבן. אַלץ איז געבויט אויף זאַמד. צענטריפוגאַלע כוחות רייסן שוין היינט די קיבוצים אויף שטיקער. דער אַקטיווסטער טייל פון אייער יוגנט פאַרלאָזט דעם קיבוץ. פאַרט אין ערגעץ אַ פאַרוואָרפן ווינקל פון דער וועלט זוכן גליקן. ווייל זיי ווילן אַרבעטן נאָר פאַר זיך. אין קיבוץ בלייבט נאָר דער אינערטנער טייל. עס האַלט אים דאָרט די געוווינהייט און דער קיבוצישער ווילשטאַנד וואָס איר האָט דערגרייכט נאָר אַ דאַנק דעם גרויסן צושטראָם פון ציוי־ניסטישע געלטער.

אויף אַ לענגערן היסטאָרישן פּעריאָד מוז זיך אָפּרופן דאָס פעלן פון פּערזענלעכער פאַראינטערעסירונג. נאָר די פרייע קאָנקורענץ דינט און טרייבט דעם פּראָגרעס פאָרויס!

— שוין? — פרעגט זי די אַלטע — האָסט שוין אַרויסגעלאָזט דעם גאַנצן דאַמף? אויב אַזוי זעץ דיך צו און הער. אויף וויפל איך ווייס האָבן דיר די דאָקטוירים פאַרווערט אַזוי פיל אַרומגיין און אַזוי זיך אויפרעגן. הער מיט קאָפּ! דו טוסט קיינעם קיין טובה ניט ווען דו אָנערקענסט די פאַרדינסטן פון די קיבוצים. זיי ריידן אַליין פאַר זיך. אָן זיי, אָן דער הסתדרות וואָלטן מיר ניט געהאַט ניט קיין לאַנד און ניט קיין מלוכה. לאָמיר בעסער אַ גריבל טון זיך אין דער געשיכטע. זינט עס הערשט אויף דער וועלט סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג זוכן מענטשן אַ וועג צו סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער גערעכטיקייט. איך זאָג גערעכטיקייט און ניט גלייכקייט. אַפילו דיין רוסישער קאָמוניזם מיט זיין אומגליקלעכער דיקטאַטור איז ניט דורכגעגאַנגען אָן אַ נוץ פאַר דער מענטשהייט, שוין

נאָר דערמיט אַליין וואָס ער האָט דערוויזן אַז דער וועג פון דיקטאַטור טויג ניט. זיינען געקומען צענדליקער טויזנטער פּשוטע חברה־לייט, חלוצים, און מיט די אייגענע הענט אויפגעשטעלט אין מיטן דער פיינטלעכער קאַפּיטאַליסטישער וועלט אַ נייע, אַ מער גערעכטע סאָציאַלע סיסטעם. זיי האָבן איבערגעשטאַלטיקט זיך אַליין און מיט דעם אויך דאָס פאָלק. זיי האָבן געשאַפן אַ יידישע מלוכה, אַ פעסטע אַרמיי, אַ פּראָגרעסיווע קולטור. צי איז דאָס ניט קיין גאַראַנטיע אויף דער צוקונפט. נאָר בלינדע קענען זאָגן אַז אין די קיבוצים פעלט איניציאַטיוו. דער לאָקנדיקער בורזשואַזער אַרום שווענקט אָפּ פון אונדז די צופעליקע, די ניט שטאַנדהאַפטיקע עלעמענטן. אָבער דער געזונטער קערן וואַקסט און אַנטוויקלט זיך. ניט וויניק שטייט אונדז פאָר צו פאַרבעסערן. די צייט שטעלט נייע פּראָגעס און מיר וועלן אויף זיי געפינען די פאַסיקע ענטפערס. דו גיב בעסער אַ קוק, טאַטער, צו וואָס עס האָט דערפירט דיין פרייע קאָנקורענץ: צוויי וועלט־מלחמות, אָן אַ צאָל קליינע מלחמות. אַ וועלט אָן איבערגעלאָדענע מיט אַטאָם־וואָפן וווּ מיליאָנען האָבן ניט וואָס צו עסן און די „קאָנקורענץ־פעיִקע" ווייסן שוין ניט וואָס צו טון פאַר ווילטאָג! אַזוי זעט זי אויס, די וועלט, ווען מען קוקט אויף איר ניט פונעם אייגענעם בוידעמשטיבל. ווען מען באַמיט זיך פאַרשטיין ווייטער פון דער אייגענער קעשענע.

דעם שמועס האָבן איבערגעשלאָגן די דאָקטוירים. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער טעגלעכער מעדיצינישער אומגאַנג. און נאָך דעם זיינען שוין אָן אויפהער געקומען באַזוכערס. צו דער קיבוצניצע איז געקומען איר זון, אַ מיליטער־מאַן, אַ גרופּע חברים פון קיבוץ, עס זיינען געקומען שימעלע מיט סאָניען. זיי האָבן מיטגעבראַכט חוהלען. ס'איז אויך געקומען מעכל.

פון די קינדערס פּנימער איז ניט צום אַראָפּלייענען גאָרניט. און איך קען נאָך אַלץ ניט פאַרגעסן יענעם באַנאַכטיקן שמועס, סאָניעלעס טרערן. נאָר פרעגן קען איך ניט. חוהלעס פּוכינקע פינגערלעך גלעטן און באַרויִקן. די קינדער קלייבן זיך פאָרן און איך האָב ניט קיין צייט אויסצושמועסן זיך מיט מעכלען. פאַר די עטלעכע טעג האָט ער זיך היפּש אַראָפּגערוקט. מעגסט, זאָג איך אים, קומען אָפטער און ניט וואַרטן אויף די קינדער מיט זייער מאַשין.

צו דער צווייטער קראַנקער איז געקומען איר מוטער מיטביידע אירע קינדער, אַ יינגעלע פון אַ יאָר אַכט און אַ מיידעלע פון אַ יאָר פינעף. עס איז זיי נימאס געוואָרן דאָס זיצן ווי סטאַטיקעס, האָבן זיי זיך געלאָזט אויספאָרשן די פּאַלאַטע. מיך האָבן זיי באַטראַכט פון ווייטן. זעט אויס איך בין זיי געפעלן ווייל די קליינע האָט מיר געבראַכט אַ באַנאַנע. באַלד האָט זיך צו מיר צוגעזעצט זייער באָבע, אַן אַדרת־פּנימדיקע יידענע. קיין עברית קען זי ניט און דער יידיש אירער איז גאָט באַהיט! זי האָט, זעט אויס, שוין לאַנג געזוכט אַ מענטשן פאַר וועמען זי זאָל אויסדערציילן איר האַרץ.

אַ געבוירענע אין בערשאַד, אָבער אַלע יאָרן געוווינט אין כאַרקאָוו. דער מאַן אירער, אַ פּראָפעסיאָנעלער מיליטער־מאַן, איז אומגעקומען אין סטאַלינגראַד. דער איינציקער זון — אין די שלאַכטן ביי קעניגסבערג. געבליבן איז איר נאָר די טאָכטער די מיזינקע. נאָך דער מלחמה האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין כאַרקאָוו און, וווּנדער איבער וווּנדער! אין דער חרובער שטאָט האָבן זיי געפונען גאַנץ זייער פאַרמלחמהדיקע קוואַרטיר און אַפילו אַ טייל פונעם מעבל. סוועטאָטשקע איז אויסגעוואַקסן. זי איז זייער אַ פעיקע. עס האָט זיך איר פאַרגלוסט לערנען אויף ציינדאָקטער. האָט זי געלערנט אויף ציינדאָקטער. וואָלט שוין געווען גוט. האָט זי האַרט פאַר דעם ענדיקן זיך פאַרליבט אין אַ סטודענט פונעם אַרכיטעקטור־פאַקולטעט. אַ יידישער בחור, אַ שיינער! אַ בחור מיט הוילע מעלות. אַפילו אַ ביסל צו פיל מעלות. זיי האָבן ניט געוואַרט ביז ער וועט ענדיקן און ווען ער האָט באַקומען זיין באַשטימונג אויף אַרבעט קיין קעשענעוו, האָט זי שוין געטראָגן. מען האָט געמוזט איבערפאָרן קיין קעשענעוו. גוט וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעזוכט אירס אַן עלטערע שוועסטער. די עלטערע שוועסטער איז אין גיכן אָפּגעפאָרן קיין ישראל. אַ דאַנק דער שוועסטער איז זיי שפּעטער געלונגען אַרויסרייסן זיך פונעם רוסישן גן־עדן. סוועטאַ האָט זיך גיך אַרויפגעאַרבעט. געוואָרן באַרימט ווי אַ ציינדאָקטער. נאָר דאָס פאַמיליען־לעבן ביי זיי האָט זיך ניט איינגעגעבן. דער שיינער, דער געראָטענער איידעם האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ ווייבערניק און אַ גרויסער פּויליאַק. ער האָט סוועטאָטשקען פאַרביטן אויף רעכטס און אויף לינקס.

ס'איז געקומען די צייט ווען מער אויסהאַלטן האָט זי ניט געקענט. אַ מאַמע פון צוויי קליינע קינדער, האָט זי איינגעגעבן אויף אַ גט. כאָטש זי האָט דעם מאַן ליב געהאַט, און מעגלעך זי האָט אים נאָך ליב. ביזן היינטיק טאָג. פאַרשטייט זיך, דאָס פאָרן קיין ישראל איז געווען איר איניציאַטיוו.

— מאַמע, האָט זי געזאָגט, איך קען ניט מער! איך אַרבעט טאָג און נאַכט און אויב איך מאַך אַ קליענט גאָלדענע ציין אין דער היים דאַרף איך מיך היטן ווי אַ גנב. זיי זיינען מיר נימאָס און מיאוס מיט זייערע פאַלשע רייד, מיט זייערע אָטשערעדן און מיט אַלע זייערע „גליקן"!

זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די אַלימענטן און מיר זיינען אָפּגעפאָרן. איך דאַרף אייך ניט דערציילן ווי שווער ס'איז דער אָנהייב ביי נייע עולים.

די ערשטע אַרבעט האָט זי באַקומען אין אַשקלון. צוויי מאָל אין דער וואָך פלעגט זי פאָרן אַרבעטן ביי אַ באַקאַנטן ציינדאָקטער. זי פאָרט נאָך אַהין ביז איצט. כאָטש זי האָט שוין געקויפט אַ קאַבינעט מיט אַלעם נייטיקן און קיין אַרבעט, ברוך־השם, פעלט איר ניט. מענטשן זאָגן: זי האָט גאָלדענע הענט. זי האָט אויך אַ גאָלדן האַרץ. נאָר קיין מזל האָט זי ניט. חתונה האָבן האָט זי ניט מיט וועמען. און די יאָרן גייען. האָט זי אַזוי לאַנג געהאָרעוועט ביז זי האָט זיך איבערגעהאָרעוועט. נאָר אַ האַרצפעלער האָט אונדז געפעלט צום רומל. זי איז שוין דאָ באַלד צוויי וואָכן. הלוואי האָלט מען זי נאָך. זי זאָל אין גאַנצן קומען צו זיך.

אויף דער נאַכט. די צייטונגען זיינען שוין דורכגעקוקט. מען האָט פאַרקלענערט דאָס ליכט. נאָר שלאָפן איז נאָך פרי. איז געקומען סוועטאַ וויינבערג, די ציינדאָקטערין און זיך צוגעזעצט אויף מיין בעטל. די קיבוצניצע האָט זיך אויסגעדרייט צו אונדז מיט דעם פנים און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער שמועס.

צום אַלעם ערשטן פאָדערן זיי איך זאָל זיך פאָרשטעלן. און ניט פשוט אָנרופן דעם נאָמען מיט דער פאַמיליע, נאָר טאַקע דערציילן ווער איך בין און פון וואַנען איך קום. דערצייל איך: איך בין אַ פשוטע ייִדענע, פריידע רופט מען מיך, פריידע שטייף. אין לאַנד בין איך געקומען צוליב די קינדער. דער עלטערער לעבט אין רעננה, דעם צווייטן האָט עס פאַרטראָגן

אויף יענער זייט ים. די געסט וואָס האָבן מיך היינט באַזוכט זיינען מיינע אייניקלעך און דאָס קליינע חנעוודיקע מיידעלע איז מיין אוראייניקל. דער מאַן איז מיר אומגעקומען אויפן פראָנט. האָב איך געהאָרעוועט אויף דעם ניט גרינגן שטיקל ברויט און אויפגעכאָוועט די זין. מיט פּאָליטיק האָב איך זיך ניט אינטערעסירט. קיין ציוניסטקע בין איך קיין מאָל ניט געווען. אַ פּאַטריאָטקע בין איך געוואָרן ערשט דאָ, אין לאַנד, אַלץ וואָס דאָ קומט פאָר גייט מיך אָן. פרייט מיך און טוט מיר וויי.

מיין טאַטע, עליו־השלום, פלעגט זאָגן: דער חילוק צווישן אַ מענטשן און להבדיל אַ בהמה איז וואָס אַ קעלבל וואַקסט אין גאַנצן דריי יאָר און איז שוין אַ פאַרטיקע קו, אַ מענטש אָבער וואַקסט און וואַקסט און לערנט זיך און ערשט דעמאָלט זעט מען — ער איז אַן אמתע בהמה. אַקעגן וואָס זאָג איך דאָס? אַ מאָל האָב איך געענדיקט אַ גימנאַזיע. דערנאָך זעלטן ווען, אפשר איין מאָל אין אַ יאָר, איבערגעלייענט אַ ביכל און עס האָט מיר גאָרניט געפעלט. היינט, אויף דער עלטער, האַלט איך אין איין לייענען, איך וויל פאַרשטיין און קען ניט. איך בין שוין אַריבער די זיבעציק און גאָט ווייסט ווען עס וועט קומען די צייט און איך וועל זיך קענען זאָגן: „פראָדעלע, ביסט אַן אמתע בהמה!" אָט האָט אירביידע אַזוי ברייט גערעדט וועגן די קיבוצים. איך בין אַ פּאָר מאָל געווען אויף אַ טיול אין קיבוצים. מיר זיינען דורכגעלאָפן די ווירטשאַפט, וויניק געזען און נאָך ווייניקער פאַרשטאַנען. אָפּגעגעסן אַ זאַטן מיטאָג און אַהיים געפאָרן. פונעם קיבוץ „כפר מנחם" געדענק איך נאָר דעם פּרעכטיקן טעאַטער־זאַל, אַ זאַל פאַר מיליאָנערן. ווייזט זיך אַרויס — דאָס געלט אויף צו בויען דעם זאַל האָבן געגעבן רייכע אַמעריקאַנער ייִדן. און בכלל, ווו מען גייט און שטייט: אין קופּת־חולים, אין שפּיטאָל, אין די שטאָטישע קלובן, אין די אַנשטאַלטן, אומעטום הענגען שילדן און שילדלעך מיט נעמען פון מתנדבים. געלט־שפּענדערס. קומט אויס — דער גאַנצער ווילטאָג אונדזערער איז געזאַמלט פון נדבות.

און נאָך איין זאַך: ס'איז מיר אַפילו אַ בושה צו דערציילן. אין אַ צווייטן, רייכן קיבוץ האָט מען אונדז געפירט אָנקוקן די ווירטשאַפט. אין די אָפענע שטאַלן האָב איך געזען גוטע און זאַטע קי וואָס פיטערן זיך

קיין מאָל ניט אין פעלד. אַפילו די באַפּרוכפּערונג זייערע איז אַ קינסטלעכע. די שפּייז — אויסגערעכנט אויף וואָס מער מילך. אַ מילכפאַבריק, ווו לעבן די סטערילע מעכאַניזמען עקסיסטירן אויך לעבעדיקע באַשעפענישן. איך דערמאָן זיך די ליבע און זאָרג מיט וועלכער ניט נאָר איך און די מאַמע, נאָר אויך דער טאַטע, האָבן מיר אַרומגערינגלט אונדזער בהמהלע. ווי אַזוי מיר פלעגן זי גיין באַגעגענען פון דער טשערעדע. מיר האָבן געוווינט אין אַ דאָרף און די געצייילטע הינער אונדזערע האָבן פריי שפּאַצירט אין הויף. און דאָ אין קיבוץ: דריי לאַנגע שוואַך באַלויכטענע צעכן. מען ברענגט פון ערגעץ, פון אַ צווייטער פאַבריק, נאָר וואָס אויסגעפּיקטע פון די אייער, ברעקעלעך פּויקעלעך. מען לאָזט זיי אין די טויזנטער אַריין אין איינעם פון אָט די לאַנגע צעכן. שפּייז, וואַסער, לופט — אַלץ ווערט דערלאַנגט אויטאָמאַטיש. און זיי, די אָרעמע פּויקעלעך, קיין מאַמע האָבן זיי אין לעבן ניט געזען. אויף דער פרישער לופט, אויף דער זון ניט געווען. זיי עסן און וואַקסן אין דער ענגעניש ביז זיי דערגרייכן די נייטיקע וואָג. נעמט מען זיי צונויף אין שטייגן און מען פירט זיי צו דער שחיטה. אַ פליישפאַבריק אָן איין טראָפּן נשמה. כ׳בין מיך מודה, איך וואָלט ביי אַזאַ אַרבעט קיין דריי טעג ניט אויסגעהאַלטן.

— זעט מען טאַקע, מאַדאַם שטייף, אַז איר קומט פון אַ דאָרף — רופט זיך אָפּ די ציינדאָקטערין. און איך בין געוואַקסן אין אַ גרויסער שטאָט. אין כאַרקאָוו. ניט דעם טאַטן, ניט דעם איינציקן ברודער מיינעם האָב איך אין מיין לעבן ניט געזען. זיי זיינען געוועזן העלדן. זיי זיינען אומגעקומען ביים פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד. נאָר מיר איז דערפון אויף קיין האָר ניט געוואָרן גרינגער. די מאַמען האָב איך אויך זעלטן געהאַט פאַר זיך. קיין הונגער האָבן מיר ניט געליטן. נאָר תמיד האָט אונדז עפּעס געפעלט. פון אָנטאָן זיך ווי געהעריק האָב איך אַפילו ניט געחלומט. פּרווו שלאָג דיר דורך אַ וועג אין לעבן! איך האָב באַשלאָסן לערנען אויף ציינדאָקטער ווייל פון אַלע אַזוי גערופענע אינטעליגענטע פּראָפעסיעס גאַראַנטירט ציינדאָקטעריי, פאַר די וואָס טויגן זיך אויס, אַ העכערן לעבנס־ניוואָ. בין איך געוואָרן אַ ציינדאָקטער און אַ גוטער ציינדאָקטער. מיינע קליענטן דאַרפן ניט קומען צו מיר אָן איבעריק מאָל. אויב איך מאַך

אַ פּראָטעז וועט ער ניט אָנרייבן און ניט שאָקלען זיך און עס וועלן ניט זיין מיט אים קיין שום אַנדערע מעשׂיות. דערפֿאַר אָבער הייס איך מיר גוט באַצאָלן און מבינים צאָלן. חתונה געהאַט האָב איך יונג. כ'האָב מיך פֿאַרליבט ווי אַן אמתער פּלאַם־פויגל און אָפּגעסמאַליעט זיך די פֿליגל. דער געוועזענער מאַן מיינער: אַ שיינער און אַ קלוגער נאָר אַ גאָרנישט מיט אַ נישט. אַ מענטש אָן אַמביציע.

איך זאָג אים: דריי יאָר ביסטו אַרכיטעקטאָר אין קעשענעוו. וואָס האָסטו אויפגעטון? פֿרעגט ער מיך: „וואָס ווילסטו איך זאָל אויפטון? דעם אייפעל־טורעם האָט מען שוין אויסגעבויט. דעם פּאַלאַץ פֿון די סאָוועטן האָט מען שוין אַריינגעשטעקט אין מיטן היסטאָרישן קרעמל. פּיראַמידן פּלאַנירט מען ניט ביי אונדז. אפשר שאַפֿן דיר אַ נייעם קאָמפּ־לעקס פֿאַרן באַבי־יאַר? בין איך ניט דער מענטש צו קריכן מיט דעם שוואַכן קאָפּ אין דער היץ אַריין. מיר איז אַזוי אויך גוט. ניט אַלע אַרכי־טעקטאָרן מוזן זיין געניאַל. מען דאַרף קענען לעבן צוליב דעם אייגענעם פֿאַרגעניגן". אַזוי האָט ער טאַקע געלעבט. אַ לייכטזיניקער ווייבערניק, האָט ער אויף יעדער דריטער גאַס געהאַט אַן אַנדער געליבטע. נאָר ניט דערפֿאַר האָב איך אים פֿאַרטריבן. כ'האָב אים פֿאַרטריבן פֿאַר זיין ניש־טיקייט.

כ'האָב גענומען מיינע ביידע פּיצלעך קינדער, די מאַמען, און געקומען אַהער קיין ישׂראל. דאָ שטערט מיר קיינער ניט. דאָ האָב איך אין געציילטע עטלעכע יאָר דערגרייכט וואָס איך האָב געוואָלט: כ'האָב אַ שיין אויסגע־מעבלירטע אייגענע דירה, אַן אייגענעם קאַבינעט, אַ מאַשין. און איך קען מיר פֿאַרגינען אַ סך אַנדערע זאַכן. דער עפּיזאָד מיט דעם האַרצאַטאַק איז ניט מער ווי אַן עפּיזאָד. כ'וועל מוזן אַ ביסל פֿאַרקלענערן דעם טעמפּאָ.

— און ווי איז מיט חתונה האָבן? די יאָרן שטייען דאָך ניט? די מאַמע אייערע וויל אַוודאי דערלעבן אין אייך אַ ביסל נחת.

— חתונה האָבן? צוליב וואָס? מיט וועמען? קיין מאַנגל אין מענער האָב איך ניט און קיין רביצין בין איך ניט. איך באַקום פֿון זיי וואָס איך דאַרף און זאָלן די ווייבער זייערע וואַשן די אונטערהויזן.

— איין זאַך איז מיר אַ ביסל שווער צו פֿאַרשטיין — האָט זיך אָנגע־

רופן די קיבוצניצע — איר זענט, זעט אויס, אַ גוטע ספּעציאַליסטקע. נאָר עפּעס גאָר גיך איז אייך געלונגען רייך ווערן. ווי אַזוי האָט זיך אייך איינגעגעבן? מס־הכנסה צאָלט איר דאָך גלייך מיט אַלע.

— וואָס הייסט ביי אייך צאָלן גלייך מיט אַלע? אַלע אַרבעטן אַכט שעה אין טאָג. איך אַרבעט זעכצן, אַכצן שעה יעדער טאָג. זאָל איך פּאַר מיינע איבערשעהען אויך צאָלן מס? איך בין אַ טייערער ציינדאָקטער. די ערשטע צייט, צוליב רעקלאַמע, האָב איך געהיילט יעדן ווער עס איז צו מיר געקומען. היינט קומען צו מיר נאָר די וואָס קענען גוט באַצאָלן. און ס'איז שוין מיין זאַך — אַרויסבאַקומען פון זיי וואָס מער געלט.

אַזוי האָט דערציילט וועגן זיך סוועטאַ וויינבערג. די בלויע אויגן אירע — קאַלט פייער.

— און איצט איז מיין ריי צו דערציילן — האָט זיך אָנגערופן די קיבוצניצע:

איך שטאַם פון אַ קליין שטעטעלע. ביי מיין טאַטן, דעם שוסטער, בין איך געווען די דריטע. נאָך מיר זיינען געוואַקסן נאָך צוויי. צו דרייצן יאָר האָט מען מיך אָפּגעגעבן לערנען שניידעריי. אויף הכשרה בין איך אַוועק צו אַכצן. און שוין אַ יאָר פופציק אַרבעט איך, וווין און לעב אין קיבוץ. אין דער היים האָב איך געהייסן שיינדל. אין קיבוץ רופט מען מיך אורה. ווי אַזוי מען האָט געלעבט אין די ניי־געגרינדעטע קיבוצים איז שוין באַשריבן אפילו אין די לערנביכלעך. מיר האָבן אָנגעהויבן מיט די הוילע הענט. די ערשטע צייט האָבן מיר געפּאַשעט שאָף. קיין רינדער זיינען ביי אונדז נאָך ניט געווען. אין אַקער האָבן מיר געשפּאַנט פּערד. די געציילטע הינער האָבן זיך טאַקע געדרייט אין הויף נאָר אייער, אייער זיינען געווען מיט גאָלד צו גלייך. און אַרום און אַרום זיינען געווען אַראַבער. און אַרום איז געווען דער מידבר. עס זיינען נאָך ניט געווען ניט די אַספאַלטירטע וועגן און ניט קיין אויטאָבוסן. און די לויטערע, די ווונדערלעכע ישראל־נעכט האָבן געאָטעמט ניט אַזוי מיט ליבע ווי מיט געפאַר. מען האָט געדאַרפט גאָר שטאַרק גלייבן אַז פון אונדזער מי וועט זיך עפּעס באַקומען. האָבן מיר געהאָרעוועט, געהאָפּט און געגלייבט. דאָס לעבן האָט זיך ביסלעכווייז געביטן: צו ערשט איז געקומען די זעט. שפּעטער אויך

די זיכערקייט. מען האָט אָנגעהויבן בויען שטיבער, אַן עסזאַל, אַ שול.

חתונה געהאַט האָב איך פאַר דעם חבר מיט וועלכן איך בין געקומען אויף הכשרה. אַ לאַנגע צייט האָבן זיך ביי אונדז ניט געהאַלטן קיין קינדער. כ׳האָב צוויי מאָל מפיל געווען. דערפאַר האָב איך נאָך דעם געבוירן איינעם נאָך דעם אַנדערן, צוויי בחורים — ערשטער סאָרט. דער מאַן איז מיר געפאַלן אין דער סיני־קאַמפּאַניע. איך בין געבליבן מיט צוויי קליינע קינדער. ווען ניט דער קיבוץ ווייס איך ניט ווי אַזוי איך וואָלט זיך אַן עצה געגעבן. נאָר דער קיבוץ איז איין גרויסע און געטרייע נשמה. ניט נאָר איך האָב די קינדער געשטעלט אויף די פיס, נאָר איך אַליין, אַ געוועזן שניידערמיידל, האָב געלערנט אין איינעם מיט זיי און אַפילו אָפּגעגעבן בגרות. געאַרבעט האָב איך ווו נאָר מען האָט געדאַרפט: אין שטאַל, אויף דער מילכפערמע, ביי די נייע פּלאַנטאַציעס. איצט, שוין אַן אַלטע יידענע, פיר איך אָן מיט דער קיבוץ־שניידעריי. אונדזער קיבוץ וואַקסט און באַרייכערט זיך...

— גענוג! — האָט די ציינדאָקטערין איר איבערגעשלאָגן די רייד — ווייטער איז מיר דאָס לידל באַקענט. כ׳וועל זיך בעסער צולייגן לייענען. און זי האָט זיך אומגעקערט צו זיך אויפן בעטל. זיינען מיר געבליבן צוויי עלטערע יידענעס. אורה האָט שטיל און פאַרטרוילעך פאַרגעזעצט איר געשיכטע.

...די קינדער זיינען אויסגעוואַקסן. דער עלטערער האָט אָפּגעדינט און זיך אומגעקערט צו זיין באַנאַנען־פעלד. דער קיבוץ האָט זיך אויסגעברייטערט, נאָר אַ טייל פון די עלטערע האָבן זיך אָפּגעקילט. ניט געווען שוין יענע ענגע חברישע באַציונג וואָס אַ מאָל. מען איז ניט גערן געקומען אויף די פאַרזאַמלונגען און נאָך ווייניקער אָנטייל גענומען אין באַהאַנדלען די וואָס אַ מאָל מער קאָמפּליצירטע ווירטשאַפטלעכע פראַגעס.

ס׳איז געווען אין סאַמע ברען פון דער מתנדבים־קאַמפּאַניע. פון אַלע עקן וועלט זיינען צו אונדז געקומען יינגלעך און מיידלעך. זיי האָבן זיך געחברט מיט אונדזערע סאַברעס. מיר, די עלטערע, האָבן זיי קוים פאַרשטאַנען.

אויף מיין ביטער מזל האָט זיך אָפּגעזוכט אַ מיידעלע — אַ ליאַלקע,

אַ בת־יחידה ביי אַ רייכן ייִדן פון לאָס־אַנדזשעלעס. זי האָט זיך פאַר־ליבט אין מיין נחמיהן, מיין עלטערן זון. אין אוניווערסיטעט האָט זי זיך ניט אומגעקערט. זיי האָבן חתונה געהאַט און זי איז געבליבן לעבן מיט אונדז אין קיבוץ. אַ ווילע בחורטע, אַ צוגעלאָזטע. נאָר דעם ענגליש אירן האָב איך קוים פאַרשטאַנען. אין אַ יאָר אַרום איז געקומען צו פליען דער קלוגער טאַטע אירער. ער האָט דורכגעטראָגן דאָס קיילעכדיקע בייכל זיינס איבערן קיבוץ. דורכגענישטערט ווו אַ ווינקעלע און מיטן תירוץ אַז די טאָכטער דאַרף פאַרענדיקן דאָס לערנען, האָט ער פאַרשלעפּט די קינדער מיט זיך קיין לאָס־אַנדזשעלעס. שוין דאָס פערטע יאָר ווי דער עלטערער מיינער אַרבעט דאָרט. זיי האָבן שוין אַ מיידעלע פון אַ יאָר. אָט אַזוי, נאָך אַזוי פיל יאָרן אַרבעט אין קיבוץ האָב איך שוין אַן אייגענעם יורד.

נאָר זעט אויס, אַז דאָס איז מיר געווען ווייניק. האָט מיט דעם קלענערן אויך געטראָפן אַ געשיכטע. ער האָט אָפּגעדינט זיין צייט אין צה״ל און איז געבליבן אויף קבע. דערווייל איז ער אַ סרן. נאָר ער האָט אַלע שאַנסן צו וואַקסן. נאָך פון די קינדער־יאָרן האָט ער זיך געחברט מיט אונדזערס אַ מיידל. די ייִנגסטע טאָכטער פון איינער פון די אַנגעזעענסטע משפחות אין קיבוץ. אַ צייט האָבן זיי געוווינט צוזאַמען. פאַר מיר איז זי געווען ווי אַן אייגענע טאָכטער. ווען און וואָס ס׳איז צווישן זיי פאָרגעקומען ווייס איך ניט. נאָר זי האָט זיך אומגעקערט צו איר טאַטן. דער מחזור מיינער האָט זי איבערגעלאָזט. צו מיר קומט זי מער ניט. די גאַנצע משפחה אירע האָט אויפגעהערט מיט מיר זיך גריסן. און ער, דער יורש מיינער, שווייגט. אַרויסצײַען פון אים אַ וואָרט איז אוממעגלעך:

— מאַמע — זאָגט ער — ס׳איז אַ קאָמפּליצירטע פראַגע.

— ס׳איז ניט קיין קאָמפּליצירטע פראַגע. ס׳איז אַ גרויסע חזירײַ!

שווייגט ער. אַזוי בין איך, שוועסטער, אויף די עלטערע יאָרן געבליבן איינע אַליין. וואָס האָב איך דערפון וואָס דער קיבוץ איז רייך? פון די אַלטע, פון די ערשטע, איז שוין ווייניק ווער געבליבן. די מענטשן ענדערן זיך. ניטאָ די אַמאָליקע צוגעבונדנקייט, געטרייקייט. מענטשן זונדערן זיך אָפּ, ווער מיט אַ בוך, ווער מיט דעם טעלעוויזאָר און ווער מיט זיינע ניט־פריילעכע געדאַנקען...

די קיבוצניצע האָט זיך שוין לאַנג אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט. זי שלאָפט שוין. נאָר איך ליג און טראַכט און קען ניט איינשלאָפן. ווי פּולקום, ווי גוט זי זאָל ניט זיין די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פונעם לעבן, קיין גאַראַנטיע פאַר פערזענלעכן גליק גיט זי ניט.

און סוועטאַ? ווער ווייסט, צי וועלן ניט אַ מאָל אירע קינדער איבער־לאָזן די רייכע מאַמע און גיין זוכן דעם זין פון לעבן אין קיבוץ?

מען דערלויבט מיר שוין אַראָפּגיין. דאָס רוב צייט פאַרברענג איך אויף דער וועראַנדע. נאָך אַ טאָג, צוויי, און מען וועט מיך אויסשרייבן. און סוועטאַ, די ציינדאָקטערין איז נאָך אַלץ דאָ. אַ לעבעדיקע, אַ באַוועג־לעכע, אַ שטיק קוועקזילבער מיט נערוון. נעכטן האָט זי זיך אַרויפגע־וואָרפן אויף מעכלען. מעכל קומט אַלע טאָג. מיט קאַרגע ווערטער דערציילט ער מיר די נייעסן פון דער היים: שימעלע, אורי און זייערע חברים זיינען געוואָרן הייסע אַקטיוויסטן פאַר שלום. „נו — זאָג איך — זיי פאַררופן מן־הסתם אַלע טאָג אַ מיטינג ביי סאָניעלען אין קיך...״

פאַרענטפערט זיי מעכל: „זיי פאָרן אויף די פאַבריקן. זיי אָרגאַניזירן קאַמפּס־קאָמיטעטן פאַר אַ גערעכטן שלום, פאַר אַ נייער רעגירונג...״

דאָ האָט סוועטאַ זיך אַריינגעמישט:

— ניט דעם שלום־עכשיו און ניט דעם מערך אייערן וועט גאָרניט העלפן! די קאָמיטעטלעך אייערע זיינען ניט ווערט די צייט וואָס איר פאַרלירט אויף זיי. ניט קיין רחמנות־הערצער און ניט קיין לויזע דעמאָקראַ־טיע דאַרפן מיר. אין לייקענע הענטשיקעס קען מען קיין לאַנד ניט בויען! אויב די שיאיטן שטערן אונדז, דאַרף מען אַריבערטראָגן די גרענעץ טיפער אין לבנון. יהודה, שומרון און עזה האָט מען שוין לאַנג געדאַרפט אַנעק־סירן, אַזוי ווי מען האָט געטון מיטן גולן. זאָלן די באַנדיטן וויסן: קיין וועג צוריק איז ניטאָ, און וועמען עס געפעלט ניט, זאָל ער זיך אָפּטראָגן! נאָר אַן אייזערנע האַנט און אַ שטאָלן געדולד קענען דאָ העלפן. אַן אייזערנע האַנט, ניט אויף אַ יאָר אָדער צוויי. אַן אייזערנע האַנט אויף יאָר־צענדליקער. אויב מען וועט דאַרפן — אַפילו אויף אַ יאָרהונדערט, און דאָס איז ניט פאַר דעם שוואַכפּוסיקן מערך! נאָר דער וועמען עס וועט

קלעקן אויסדויער, ווען עס וועט קלעקן מוט צו זיין אומגערעכט, דער וועט זיגן און דער זיגער איז תּמיד גערעכט.

מעכל האָט איר אָפּגעשוויגן. עס זיינען דאָ מיינונגען, וואָס שפּאָרן זיך איבער זיי איז אומזיסט.

מען האָט אונדז געבראַכט אַ נייע קראַנקע. דאָס מאָל ניט פון דעם „טיפּול נמרץ". אַ האַרט פּאַרקנייטע וווקסיקע און ברייטע פּרוי פון אַ יאָר עטלעכע און זעכציק. דאָס אָפּענע פּנים אירס שיינט מיט ליבהאַרציקייט. ס'איז ביי איר נאָר אַ חשד אויף אַ האַרצאַטאַק. מען וועט זי דאָ לאַנג ניט האַלטן. דאָס דערציילט זי אונדז אויף איר קאַליריקן עברית מיט אַ ספרדישן אַקצענט. און עס קוקן אויף אונדז צוויי קויל־שוואַרצע, אָפענע און קלוגע אויגן. געקומען זיינען מיט איר אַ האַלבע פּאַלאַטע באַגלייטערס, זין און טעכטער און אייניקלעך, געקומען מיט די אייגענע מאַשינען.

אויפן פּאַן פון דעם ווייסן קופּת־חולים־ליילעך צייכענען זיך שאַרף איר אַרבעטסהענט. ניט די בראַסלעטן, ניט די גרויסע צאַל פינגערלעך און אַוודאי ניט דער רויטער לאַק פון די נעגל פּאַסטן ניט צו די ברייטע און פעסטע פינגער.

אין לאַנד איז זי געקומען מיט אַריבער צוואַנציק יאָר צוריק. געקומען אַן אַלמנה מיט פינף קינדער. דאָרט, אין דעם ווייטן מאַראָקאָ, האָבן זיי געוווינט אין אַ קליין שטעטל, געלעבט גוט מיט אַלע שכנים. געהאַט אַן אייגן געשעפט. דער עלטערער זון האָט עולה געווען מיט דער עלית־נוער. ער לעבט ביז היינט אין קיבוץ. ווען דער מאַן איז געשטאָרבן זיינען זיי אַלע געקומען קיין ישראל. געוווינט אין די מעברות אין קאַלטע הילצערנעביידלעך. געאַרבעט ביים קטיף, ביי די ירקות, ביי וואָס עס האָט זיך נאָר געמאַכט. היינט זיינען זיי שוין — דאַנקען גאָט! דער מאַן האָט איר אָנגעזאָגט זי זאָל די יינגלעך אומבאַדינגט לערנען, איז דער צווייטער זון אַן אַדוואָקאַט און דער דריטער ענדיקט אין גיכן אויף דאָקטער. אין זאַך איז איר דאָ אין לאַנד ניט געפעלן. די ישראל־מינהגים טויגן ניט. קינדער האָבן פאַרלוירן דעם דרך־ארץ פאַר די עלטערן. מיידלעך שפּאַצירן פראַנק און פריי מיט ווען זיי ווילן און וווהין זיי ווילן. אַזוי טאַקע איז איר די עלטערע טאָכטער אַריינגעפאַלן. זי האָט זיך אָפּגעזוכט אַ בחור,

אַ שטאָטישער בחור, אַ ספרדי. ניט געפרעגט דער מאַמען און חתונה געהאַט. דער אײדעם האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ נידעריקער מענטש. זי האָט זײ געהאָלפן אויפמאַכן אַ קלײדער־מאַגאַזין אין אַשקלון. אַרבעט די טאָכטער טאָג און נאַכט. דער גוטער מאַן אירער האָט געוווסט נאָר זיצן אין קאַפע. און זאָג אים עפּעס, האָט ער איר ניט אײן מאָל אָנגעבראָכן די בײנער. איז דאָס געוועזן ווײניק, האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט מיט פאַרדעכטיקע פאַר־שוינען. דער רוח ווײסט אים צי האָט ער טאַקע געהאַנדלט מיט האַשיש, צי האָט מען עס אויף אים אויסגעטראַכט. זי האָט געקערט וועלטן. פאַרזעצט דאָס צירונג און אים אַרויסגענומען אויף ערבות. וואָס זשע טוט ער, דער נידעריקער מענטש? ער הײבט זיך אויף און אַנטלויפט קײן אַמעריקע. איבערגעלאָזט די טאָכטער אַן עגונה מיט צווײ מײדלעך און ווי אין וואַסער אַרײַן! ווו זײַנען זײ שוין ניט איבערגעוועזן, בײַ וועלכע טרעפערס, בײַ וואָס פאַר אַ קאָרטן־וואָרפערקעס. קײנער ווײסט ניט גאָרניט. האָט מען איר דערצײלט וועגן דעם באַבאַ־ברוך, דעם גרויסן צדיק פון נתיבות. מען זאָגט, ער העלפט יעדן וועד עס ווענדט זיך צו אים. זײַן הײליק וואַסער הײלט אויס קראַנקע וואָס די גרויסע פּראָפעסאָרן האָבן זיך פון זײ אָפּגע־זאָגט. זי האָט זיך אַקוראַט געקליבן פאָרן צו אים. אמת, די זין אירע לאַכן פון איר. „דײַן צדיק, זאָגן זײ, איז ניט לאַנג אַלײן קוים אַרויס פון דער טורמע און געזעסן איז ער ניט אומזיסט, נאָר פאַר אמתע מעשים טובים״. זאָל זײַן אַז דאָס וואָס די זין זאָגן איז אַפילו אמת. זאָגט אָבער דער שכן אירער אַז אין די הײליקע ספרים שטײט געשריבן: אַ זינדיקער וואָס האָט חרטה און טוט תּשובה, איז ער בײַ גאָט נאָך טײַערער פון אַ צדיק. און באַבאַ ברוך איז אי אַ חוזר־בתּשובה, אי ער שטאַמט פון די גרעסטע הײליקע צדיקים, זײער זכות זאָל אונדז בײַשטײן! טויזנטער מענטשן פאָרן צו אים, ספרדים, אַשכּנזים. מען זעט דאָך — ער העלפט יעדן.

נאָר אַז ס'איז ניט באַשערט, גײט זי אַרויס פאַר נאַכט, פּונקט ערב דעם פאָרן צו אים, גיט אַ קוק אין הויף: דאָס אײניקל, נאָך קײן פולע פערצן יאָר ניט אַלט, קושט זיך מיט דעם ווערגעלעץ, דעם אַשכּנזי, דעם שאָפער, דעם שכנס זון!

מאָלט אײַך, וואָס די מויד האָט פון איר באַקומען, ווען זי האָט זי

אַהיים געשלעפּט ביי די צעפּ. זי וועט עס געדענקען אויף לאַנגע יאָרן. נאָר איר אַליין האָט פון איפּרעגונג אַנגעהויבן זעצן דאָס האַרץ. ס'האָט זיך איר פאַרדרייט דער קאָפּ און זי איז אומגעפאַלן. טאַקע די געפּאַטשטע מויד האָט זי אויפגעהויבן און געבראַכט צום לעבן. זי האָט געוועוועט ווי אַ געקוילעט קעלבל, אַזוי האָט זי רחמנות געהאַט אויף דער באָבען, אַזוי האָט איר באַנג געטון דאָס קושעניש. נאָר צו דעם צדיק, צו דעם באָבאַ ברוך זיינען זיי שוין ניט געפאָרן. די קינדער האָבן זי אָפּגעפירט אַהער אין שפּיטאָל.

די געפּאַטשטע „מויד", אַ שוואַרץ־חנעוודיק מיידל מיט פרישע ליפּעלעך און ווייסע פּערלציינדעלעך קומט אַלע טאָג צו דער באָבען. אַ סברה: עס ברענגט זי אַהער און וואַרט אויף איר אין דער חניה טאַקע דער זעלבער בחור, דער אשכנזי, דער שאָפער — זאָל זיי וויל באַקומען!

אַ סוף צום קרענקען! מען האָט זי שוין אויסגעשריבן, די גאַנצע משפּחה איז געקומען זי אַהיים נעמען. נחום מיט אַדעלאַן, שימעלע מיט סאָניען. זי געזעגנט זיך מיט די שוועסטער. צעקושט זיך מיט די קראַנקע. זי פּירט מיט זיך זייערע אַדרעסן און טעלעפאָנען און אַ באַזונדערע איינלאַדונג צו אורהן אין קיבוץ.

מען זעצט זי אַריין צו נחומען אין מאַשין. מען לייגט זי אַרום מיט קישעלעך, ווי אַן אתרוג מיט וואַטע. מען דעקט איר איין די פיס, עס זאָל איר חלילה ניט בלאָזן, און מען פאָרט.

12
אין דער היים

דער פאַמיליע־ראַט האָט באַשלאָסן: די ערשטע פּאָר וואָכן זאָל זי אָפּרוען ביי שימעלען. און למען־השם, ניט פּרוּוון נעמען חוהלען אויף די הענט. חוהלע איז, קיין עין־הרע, שווער ווי אַ קלעצל. פאַר חוהלען האָט מען געדונגען אַ מיידל וואָס קומט און גיט אויף איר אַכטונג.

פאַר די צוויי צענדליק טעג וואָס זי איז דאָ ניט געווען, האָט מען

איבערגעטאָפּעצירט דעם סאַלאָן. עס זיינען פֿאַרשוווּנדן פֿון אים די אַקוואַ־רעלן. זיי שטייען פֿאַרשעמט אין איינעם מיט דעם מאַלברעט אין קליינעם מחסנטשיק. ניטאָ מער קיין קינסטלערס און פּאָעטן.

מעשה־שהיה כּך היה: אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט האָט זיך צו סאָניען געיאָוועט איר פֿריילעכע קינסטלער־קאָמפּאַניע. עמעצער פֿון זיי האָט געקריגן האַשיש און אַלע האָבן באַשלאָסן אים אויספּרוּוון. מען האָט אויך זי צוגערעדט. נאָר זי האָט זיך אָפּגעזאָגט. יענעם טאָג האָט שימעלע זיך אומגעקערט פֿריִער פֿון דער אַרבעט און געטראָפֿן די קאָמפּאַניע רייכערן. דעם איניציאַטאָר האָט ער אָנגענומען פֿאַרן קאָלנער און אים אַראָפּגעלאָזט זיצנדיק פֿון די טרעפּ. די אַנדערע צוויי האָבן זיך אַליין אָפּגעטראָגן. די יונגע מיידלעך זיינען אַוועק ווי נאָר זיי האָבן זיך אַ ביסל אויסגעטשוכעט. און אַ סוף צו דער פֿריילעכער קאָמפּאַניע.

די מעשׂה האָט איר דערציילט, ניט קיין אַנדערע, נאָר סאָניעלע אַליין. „יענע נאַכט — האָט זי געזאָגט — איז געווען אַ נאַכט פֿון חשבון־הנפש און פֿון טרערן. און זאָל די סבתא וויסן: טרערן זיינען פֿאַר דער נשמה ווי אַ קאַלטער דוש, ניט נאָר זיי רייניקן און וואַשן נאָר זיי פֿרישן אָפּ.

קיין מאָל איז זי, די עלטער־באָבע, ניט געווען אַזאַ חשוב ווי איצט, נאָך דער שלאָפֿקייט. פּשוט, מען צאַצקעט זיך מיט איר. מען לאָזט אויף איר קיין ווינטעלע ניט בלאָזן. ווי נאָר סאָניעלע קומט פֿון דער אַרבעט נעמט זי זיך בעל־הבתעווען אין קיך: קאָכט, בראָט, באַקט, דערלאַנגט צום טיש און קוקט דערביי שימעלען אין דער מינע, צי עס געפֿעלט אים. אין קיך איז זי ניט אַליין. זהר גפֿני איז ביי איר די רעכטע האַנט און חוהלע פּלאָנטערט זיך זיי פֿאַר די פֿיס.

זי, די סבתא, העלפֿט פֿון דער ווייטנס, מיט עצות. אין קיך לאָזט מען זי ניט אַריין. די לופֿט, זאָגן זיי, איז דאָרט צו פֿייכט. האָט זי זיי אויס־געלערנט פֿון דער ווייטנס מאַכן סיבירער פּעלמעניעס און היימישע וואַרע־ניקעס מיט קאַרטאָפֿל, מיט קעז און מיט קאַשע און גריוון. זיי קאָכן אַ אוקראַיִנישן באָרשט און קענען שוין אָפּבאַקן אַ לאָקשענעם קוגל מיט ראָזשינקעס. עפּעס האָבן זיי זיך צו הייס גענומען צו די אַמאָליקע ווייבע־רישע באַשעפֿטיקונגען. ניט אַנדערש ס׳איז ביי זיי אַ נייע מאָדע.

פאַר דער באַבען האָט מען אָוועקגעשטעלט דעם גרויסן פּאָטעל קעגן דעם טעלעוויזאָר. ביי טאָג קומט מעכל, אויף דער נאַכט קערט זיך אום שימעלע און עס קומען זיינע חברים. זיי זעצן זיך אויס אַרום איר. מען הערט זי, מען פרעגט זי און מען אינטערעסירט זיך מיט דעם וואָס זי טראַכט. הערט זי זייערע נייע געדאַנקען און זייערע אַלטע שפּאַרעגישן. קען זי זיך ניט אָנוווּנדערן פון די ענדערונגען וואָס זיינען דאָ פאָרגעקומען. דער זעלבער אורי שטערן און שימעלע און משהלע חנקין און שי ליבני, — אַלע זיינען זיי געוואָרן עסקנים, געזעלשאַפטלעכע טוערס.

— אורי — דערמאָנט זי אים — געדענקסט, דו האָסט מיר אַ מאָל געזאָגט: „ציוניזם איז אַ כראָנישע קרענק פון אויסגעליידיקטע הערצער".

— מאַלע וואָס איך האָב אַ מאָל געזאָגט. ווען איז דאָס געווען? צייטן בייטן זיך. אַ ציוניסט, אָדער ניט קיין ציוניסט, אַ בירגער בין איך דאָך. איך וואָלט אַוודאי געלאָזט די אַרבעט פאַר אַנדערע, נאָר איך האָב קיין ברירה ניט. די גאַסן, פון מיסט, רייניקן ביי אונדז אַראַבער, נאָר דאָס מיסט פון די הערצער מוזן מיר רייניקן אַליין, מיט די אייגענע הענט. ניטאָ דערויף קיין מעכאַניזאַציע. ס'איז אַ לאַנגע און שווערע אַרבעט און ניט תמיד געלינגט זי.

די שטימונג ביי זיי איז ווייט ניט קיין געהויבענע. מען שמועסט וועגן דער פראַגע „ווער איז אַ ייִד" און עס קריכן איר אין קאָפּ כּלערליי ספקות. אין רוסלאַנד, ווילסט יאָ אָדער ניט, ביסטו אַ יעווריי, אַ ייִד. אַזוי ביסטו פאַרשריבן אומעטום. יעווריי איז דער נאָמען פון אַ פאָלק און ניט פון אַ רעליגיעזער אָנגעהעריקייט. ווייל אַ גלייביקע אָדער אַן אַטעיִסטקע — בלייבסטו סיי ווי סיי אַ יעווריקאַ, אַ ייִדישקע לויטן בלוט. די נאַציסטן האָבן אויך אַזוי גערעכנט. אַזוי רעכנט מען אויך דאָ ביי אונדז אין לאַנד. גלייביקע ייִדן מיִען זיך ריין האַלטן די ייִדישע ראַסע. עס זאָל זיך אין איר ניט פאַרמישן קיין גוייִש בלוט. מיר רעכענען זיך פאַר אַן אתה בחרתנו-פאָלק. און דאָס פאַדערט פון אונדז מיר זאָלן זיין בעסער, העכער, גערעכטער פון אַנדערע פעלקער. מיר גרויסן זיך דערמיט וואָס מיר האָבן געגעבן דער וועלט דעם תּנך. מיר האַלטן אַז ייִדן זיינען די גרעסטע געלערנטע, געניאַלע פינאַנסיסטן. העלדישע קעמפערס, גרויסע סטראַטעגן.

ייִדן האָבן די בעסטע פּליערס. אַגב, שונאים זאָגן: ייִדן זיינען די גרעסטע קאָמוניסטן, די גרעסטע ספּעקוליאַנטן. צוליב וואָס די גרויסהאַלטעריי?

זאָגט מעכל: מיר אונטערשטרייכן אונדזער באַזונדערקייט, אונדזער מאָראַלישע העכערקייט — ווו איז זי? זי איז געווען און איז ביז היינטיקן טאָג אַ וויכטיק פּאַרטיידיקונגס־מיטל, אַ דאַנק וועלכן ס׳איז אונדז געלונגען אויסהאַלטן די גלות־ליידן און ניט פאַרלירן דעם מוט. מען דאַרף נאָר וויסן די מאָס, ווו עס ענדיקט זיך דער געזונטער, דער באַרעכטיקטער נאַציאָנאַלער שטאָלץ און ווו עס הייבט זיך אָן דער נאַציאָנאַל־שאָוויניזם.

ווו זשע איז זי די ריכטיקע מאָס?

מעכל זאָגט: דעם אידעאַל פון צונויפברענגען אַלע ייִדן, ביז איינעם, קיין ישראל, האָט די ווירקלעכקייט שוין לאַנג קאָרעגירט. נאָר אויב אַ בלעטער טון די געשיכטע, קען מען זען דאָס אַפילו אין די בעסטע צייטן פון דער ייִדישער מלוכה. אין די צייטן פונעם בית־שני זיינען שוין געווען גרויסע און רייכע ייִדישע תּפוצות אין בבל און אין מצרים. צענדליקער טויזנטער ייִדן זיינען שוין דעמאָלט געווען צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע מיטלענדישע מלוכות און דווקא אין יענע צייטן האָט דאָס קליינע ייִדישע לענדל דערגרייכט דעם גרעסטן אויפבלי פונעם ייִדישן געדאַנק. דער היינטיקער ציוניזם דאַרף רעכענען פאַר דעם הויפּט־פּונקט פון זיין פּראָגראַם: פּאַרעפּעסטיקן, זאָל זיין אַ קלענערע, נאָר אַ פרידלעכע, אַ סאָציאַל גערעכטע ייִדישע מלוכה. די צוציונג־קראַפט פון אַזאַ ישראל וועט פילפאַכיק אויסוואַקסן. ישראל וועט ניט נאָר דינען ווי אַ היים פאַר ייִדן, נאָר אויך ווי אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע פעלקער.

קומט אויס אַז אַן אמתער ציוניסט איז דער וואָס קעמפט פאַר אַ גיכן און גערעכטן שלום, אַזוי טענהן שימעלע מיט זיינע חברים, אַזוי טענהט אויך מעכל. זי האָבן זיי שוין איבערצייגט. נאָר עפּעס זעט זי ניט זייערע דערפאָלגן ביי אַנדערע.

און שי ליבני, דאָס איידעלע בחורל מיט די גרויסע פאַרחלומטע אויגן, טראָגט זיך אום מיט אַ פּלאַן פון גרינדן אַ שטאָטישן קיבוץ. אַ קיבוץ פון פּאַרשערס, געלערנטע מענטשן, וואָס זאָלן אַרבעטן, שאַפן און לעבן בשותּפות. עס אַרט אים ניט וואָס אַפילו זיינע אייגענע חברים באַציִען

זיך ניט געגנוג ערנסט צו זיין נייעם פּלאַן. דערווייל אַרבעט ער איבער דעם סטאַטוט פאַרן נייעם קיבוץ. אַליין איז ער אַ מעכאַניק. נאָר זוכן זוכט ער אַ נייעם, וואַלוועלן כעמישן מעטאָד צו אַנטזאַלצן דאָס ים־וואַסער.

— איר פאַרשטייט, סבתא, — פאַנטאַזירט ער — איר שטעלט זיך פאָר וואָס אַזאַ דערפינדונג וועט געבן ? ! זי וועט ברענגען זעטיקייט דער וועלט. זי וועט פון סאַהאַראַ מאַכן אַ גאָרטן, פון סעודיה — אַ ברויטפעלד און פון אונדזער נגב אַ גן־עדן ! זי וועט ברענגען רו און שלום אויף דער גאַנצער וועלט.

נאָר ביז ליבני וועט אַנטזאַלצן דעם ים זיינען דאָ אויפגעשווומען אַנדערע וויכטיקע נייעסן : מען דאַרף זיין בלינד — ניט צו באַמערקן אַז עפּעס קומט דאָ פאָר צווישן זהר גפני און אורי שטערן. אַ סברה — דאָס ציט זיך שוין פון לאַנג. נאָך פונעם מיטינג אין תּל־אָביב. זיי קומען אַלע טאָג. זיצן און שווייגן. דאַרף זי, די סבתא, האָבן דעם מזל צו זיין דער ערשטער עדות פון זייער ליבע.

אין אַ פריַען פאַרנאַכט זיצן זיי אַזוי, גלייך זיי באַמערקן קוים איינע דעם אַנדערן. אורי מישט אַ בלאַט און זהר קוקט עפּעס אַן אַראַבישן פילם. פּלוצעם הייבט זי זיך אויף. שליסט אויס דעם טעלעוויזאָר און בלייבט שטיין האַרט פאַר אורין.

— אורי, האָט זי אים געזאָגט — צייט ענדיקן די שפּיל. לאָמיר זיך ניט שעמען און אָנרופן דאָס וואָס מיר פילן מיט דעם אַמאָליקן פּשוטן וואָרט : ליבע. מיר האָבן זיך ליב, אורי.

אורי האָט זיך אויפגעשטעלט. די ליפּן זיינע האָבן נאָך געשוויגן, גערעדט האָבן נאָר די אויגן. און זי האָט שטיל און קלאָר פאַרגעזעצט :

— ביידע האָבן מיר געגנוג געפּלאָנטערט זיך אין פּוילע, פרעמדע נעצן. לאָמיר אָנהייבן אַ ניי, אַ געזונט לעבן. האָב מיט מיר חתונה, אורי ! אָט זיצט די סבתא, זי איז מיין עדות : כ׳וועל דיר זיין אַ געטריי, אַן איבערגעגעבן ווייב. כ׳וועל דיר האָבן קינדער, געזונטע קינדער !

— זהר ! שיין דו מיינע !

ווען מענטשן קושן זיך דאַרפן זיי ניט קיין עדות, דאָס האָקלען איז

איר שוין לאַנג אַרויסגעפאַלן פון די הענט. ס'איז די סאַמע צייט אַרויס־צושלייכן זיך און אָנזאָגן סאַניעלען די בשורה.

ביי סאַניעלען אין אייזקאַסטן האָבן זיי געפונען ניט מער ווי אַ האַלבן טאָרט און אַ פלעשל „פאַנטאַזיע". נאָר ווער זאָגט דאָס, אַז צו גרויסער פרייד מוז מען האָבן אַ סך ווײַן ?

13
ביי שלומען צו גאַסט

ביי זהרן אויף דער חתונה איז איר ניט באַשערט געווען צו זיין. אַן אומגעריכטער ווינט האָט אַראָפּגעבראַכט דעם זון, שלומען. ער וויל די מאַמע זאָל כאַטש אויף אַ פּאָר וואָכן זיך אַראָפּכאַפּן צו אים אויף גאַסט:

— ביי מיר וועסטו זיך אָפּרוען פון דעם זשום, פון די שפּאַרענישן און פון דער פּאָליטיק. תמר און אביבה זיינען אויך דיינע אייניקלעך, דו קענסט זיי דאָך כמעט ניט.

האָט ער זי אויפגעזעצט אויף דער מאַשין און גענומען מיט זיך.

דאָס פּאָרעלע איז אונטערגעוואַקסן. זיי וווינען נאָך אַלץ אין איין צימער. נאָר די קופּע חרובע שפּילעכער איז פאַרשוווּנדן. אויף איר אָרט — ביכער און העפטן, אַ קליינער טעלעוויזאָר מיט אַ קאָמפּיוטער. אַ שפּיל אַזאַ מיט אַ יאָגעניש נאָך פליטערלעך.

ס'איז זיי שוין לייכט צו אונטערשיידן. אביבה איז העכער, די האָר אירע זיינען טונקעלער. זי איז אויך ערנסטער. תמר, ווען זי שעמט זיך ניט, וואָלט זי גערן געשפּילט זיך מיט די קוקלעס. זיי טרעטן ניט אָפּ פונעם גרויסן טעלעוויזאָר. מיט דער באָבען האָבן זיי זיך זייער דער־פרייט. נאָר גיך פאַרלירן צו איר יעדער אינטערעס — וואָס קען די סבתא דערציילן און וואָס קען זי זאָגן, ווען זי ווייסט אפילו ניט דעם נאָמען פון איינעם פון די קינאָ־שטערן! פון טענצערס און זינגערס איז שוין אָפּגע־רעדט.

אַדעלאַ זאָגט אַז זיי לערנען זיך גוט. נאָר איר גלייבט זיך ניט. זיי

גייען שוין אין פערטן קלאַס און לייענען ווי אויף דריקעס, שרייבן קאַטשערעס מיט לאַפּעטעס! אין אַ ספּעציעלער שול לערנט מען זיי טאַנצן און שפּילן טעניס. וואָס דערפון וועט אַרויסקומען ווייסט אַדעלאַ ניט. זי ווייסט נאָר אַז דאָס קאָסט אַ מטמון מיט געלט.

ביי שלומען, דאַנקען גאָט, גייען די געשעפטן גוט. הלוואַי אויף ווייטער ניט ערגער. די אינפלאַציע? — אויב מען האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס מאַכט מען ביי דער אינפלאַציע די בעסטע געשעפטן. וואָס שייך שטייערן, דאַרף מען וויסן וואָס און ווי אַזוי. דערויף האָט ער אַ גוטן אַדוואָקאַט.

אַדעלאַ קלאָגט זיך: די פּרייזן אין סופּער וואַקסן ווי אויף הייוון. איז דערצו אויך דאָ אַ תּרופה; מען מאַכט זאַפּאַסן. דער אייזקאַסטן ביי איר איז, ברוך־השם, אָנגעשטאָפּט.

ער האָט געהאַט איינגעצאָלט אויף אַ ווילע אין יענער זייט פון דער גרינער ליניע. ניט חלילה ווייט. אין גאַנצן עטלעכע קילאָמעטערס פון כּפר־סבא. געמיינט אָפּשפּאָרן פאַר די קינדער. האָבן זיי אויפגעהויבן אַ גוואַלד: „מען דאַרף ניט!" „מען טאָר ניט!" „מיר ווילן ניט!" האָט ער געמוזט פאַרקויפן. דער באָבעס ירושה האָט ער דערביי ניט דערלייגט. ס'איז נאָך געווען פאַר די סקאַנדאַלן מיט די באָדנס אויף די שטחים. איצט זעט ער אַז שימעלע איז געווען גערעכט. אַלע זיינען זיי דאָרט מאַשעניקעס: אַ ספּעקולאַנט אויף אַ ספּעקולאַנט און פון אויבן — אַ גנב. מען האַנדלט מיט לופט און מען פאַרקויפט חלומות. געננג יונגע פּאָרלעך האָבן דאָרט באַגראָבן זייערע לעצטע גראָשנס.

אַ גאַנצן טאָג מראַקעט אַ קויטיק רעגנדל. עס מאַטערט זי אַ טרוקענער הוסט. זי האָט זיך קענטיק פאַרקילט פאַרנדיק. שלום האָט געבראַכט אַ דאָקטער. דער דאָקטער האָט זי אויסגעהערט. קיין לונגען־אָנצינדונג האָט ער ביי איר ניט געפונען נאָר אַ געוויינלעכן בראָנכיט. און דער בראָנכיט מוטשעט זי.

די קינדער זיינען אין שול. אַדעלאַ איז געפאָרן קיין תּל־אביב מעסטן אַ קליידל. דרייט זי זיך איבער דעם לאַנגן „שיר־המעלות" פון די צימערן און געפינט זיך קיין פּלאַץ ניט. דער גרויסער סאַלאָן איז פּוסט און אומהיימ־

לעד, דער קלאַוויר שטייט אין אַ ווינקל אַ פאַרשעמטער. קיינער, אויסער דער אויפראַמערין, רירט זיך צו אים ניט צו.

די אויפראַמערין דאַרף באַלד קומען. זי ראַמט דאָ צוויי מאָל אין דער וואָך. אַ פעסט געבויטע פרוי מיט אַ פול מויל גרויסע ציין. אירע לאַנג ניט אונטערגעפאַרבטע, גלאַט פאַרקעמטע רויטע האָר, באַהאַלטן קוים זייער שוואַרץ־געקרייזלטע אָפּשטאַמונג. זי טוט אויס דעם נאַסן מאַנטל, מיט געוווינטע, ניט געאײַלטע באַוועגונגען טוט זי זיך איבער. אָבער ווי נאָר זי נעמט זיך צו די ראַם־מכשירים, ברענט די אַרבעט אונטער אירע פלינקע הענט. ס'איז איר פאַרבליבן נאָר אויפראַמען אין קיך. דאָ איז די צייט פאַרלייגן איר אַ טעפּעלע קאַווע. דאָס פאַרעלע האָט דער באָבען אָנגעזאָגט אַז אין אײַזקאַסטן ליגן פאַר דער עוזרת צוויי שטיקער טאָרט. בײַ דער געלעגנהייט באַקענט מען זיך. שלומית רופט מען זי. אַ געקומענע פון טוניס. זי איז אַ מאַמע פון צוויי קינדער: אַ טאָכטער שירלי און אַ זון דני. ביידע זיינען זיי שוין גרויסע. ביידע וווינען באַזונדער. דער מאַן אירער איז אַן אַרבעטס־אינוואַליד. ער איז צוגעבונדן צו זיין אינוואַלידן־וועגעלע. אַלס עוזרת אַרבעט זי שוין אַ יאָר אַכצן. אין דער שכונה האָט זי עטלעכע הייזער. מען צאָלט איר פון דער שעה. אויף צו לעבן קלעקט.

שפּעטער, פון אַ שמועס מיט אַדעלאַן, הערט זי ווי שווער עס איז, אין די היינטיקע צייטן צו קריגן אַ גוטע עוזרת. עס זיינען בײַ אַדעלאַן געווען אַלערליי: איינע האָט צוגעגנבעט שלומס גאָלדענעם זייגער. אַ צווייטע האָט אַרויסגעטראָגן און פאַרקויפט בעטצייג. שלומית איז די ערלעכקייט אַליין. זי האָט גאָלדענע הענט. די מיידעלעך האָבן זי ליב. נאָר אַ לעבן האָט זי זייער אַ שווערס. דער מאַן, דער אינוואַליד, טרינקט. די טאָכטער, אַ שיינע מויד, וואַלגערט זיך ערגעץ אין תּל־אביב. ווערדליק אירע טואַלעטן און איר צירונג איז ניט שווער צו פאַרשטיין מיט וואָס זי פאַרנעמט זיך. מיט דעם זון איז נאָך ערגער. דווקא אַ געראָטענער, אַ קלוגער און אַ פעיִקער. איז ער אַראָפּ פונעם „דרך־הישר", צו ערשט איז ער געזעסן פאַר געשלעגן, שפּעטער פאַר קליינע גנבות און דאָ ניט לאַנג האָט ער באַקומען דריי יאָר פאַר אָפּראַבעווען אַ געשעפט. די מאַמע האָט

אים ליב ווי נאָר אַ מאַמע קען ליב האָבן אירע קינדער. דאָס זיצן זיינס איז אַ סוד. קיין שום בעל־הביתטע אירע טאָר דערפון ניט וויסן. אויסער דער בושה קען עס איר שאַדן צו דער פרנסה.

ניט אַזוי גיך האָט זיך צווישן זיי איינגעשטעלט די חברשאַפט. ס׳האָט געדויערט ביז שלומית האָט אויפגעשלאָסן די פעסט פאַרקלעמטע ליפּן און אויסגעגאָסן פאַר איר דאָס אָנגעווייטיקטע האַרץ. אָנגעהויבן האָט זיך עס פון דעם וואָס זי האָט איר דערציילט ווי אַזוי, אין יענע ווייטע מלחמה־יאָרן האָט זי אין ווייטן קאַלטן לאַנד, סיביר, געאַרבעט אלס עוזרת אין אַן אַרבעטער־קיך.

שווער צו וויסן צי שלומית האָט קלאָר פאַרשטאַנען וואָס עס הייסט לעבן אין קעלט און הונגער, און וואָס איז אַזוינס פינף הונדערט גראַם שוואַרץ און ליימיק, נאַס ברויט, און געפרוירענע קאַרטאָפל. אַ לעבן אָן צוקער, אָן גרינוואַרג, אָן פעטס, מיט צוויי פּיצלעך קינדער אויף די הענט. איינס איז צו איר דערגאַנגען: די אַלטע איז אַן אייגענע. זי האָט געבונג זיך אָנגעליטן און זי וועט פאַרשטיין אַ פרעמדן ביטערן גורל. האָט זי דער־ציילט וועגן דעם לעבן מיט אַ מאַן אַן אינוואַליד, אַ שיכּור. דאָס בוקם זיין זיינס אין איר און אין די קינדער. די אייביקע געשרייען. סקאַנדאַלן און געשלעגן. די קינדער זיינען געוואַקסן פרעמד פונעם טאַטן, פרעמד צו דער היים. שירלי האָט ניט געוואָלט ניט לערנען און ניט אַרבעטן. זי האָט געוואָלט ווערן אַ זינגערין, אַן אַרטיסטקע. נאָר חוץ שיינקייט איז אין איר קיין שום טראָפּן פון טאַלאַנט ניט געווען. אויסער קאָקעטירן קען זי גאָרניט. וואָס פון איר איז געוואָרן, עפּעס זיך ניט די ליפּן צו דערציילן. וואָלט זי כאָטש געווען אַ ביסעלע פּראַקטישער, וואָלט זי כאָטש געשפּאָרט. אָפּ־געזוכט זיך אַן עלטערן מאַן און חתונה געהאַט. וויל זי אָבער דערפון ניט הערן. איך וויל, זאָגט זי, הנאָה האָבן פונעם לעבן היינט און מאָרגן און יעדן טאָג! אַזאַ איז זי, שירלי, דער מאַמעס אָפענע ווונד. וואָלט געווען אַ געזונטער טאַטע, אפשר וואָלט זי אים געפאָלגט.

נאָר דני! דני איז געווען איר ליבלינג. זי האָט אים זיינע טריט אָפּגעבלאָזן, געקוקט אין זיינע שיינע אויגן און געהאַפּט. דני האָט ליב די מאַמען. נאָר געוואַקסן איז ער אין גאַס. אַ חברה הפקר־יונגען האָבן אים

פּאַרכאָפּט. געקרויינט אים פּאַר זייער עלטסטן. ווען זי האָט עס פּאַרשטאַנען איז שוין געווען צו שפּעט. עס האָט ביי אים שוין ניט אויסגעמאַכט — אָנבראָכן די ביינער אָ פאַרטראַכטן דורכגייער און אויסליידיקן אים די קעשענעס, ער האָט אין דעם ניט געזען קיין עוולה. פּאַרקערט, ער האָט זיך דערמיט געגרויסט ווי אַ באַווייז פון זיין דרייסטקייט און פעיִקייט. ער האָט אויפגעהערט לערנען. אויפגעהערט נעכטיקן אין דער היים. איין מאָל און אַ צווייט מאָל איז ער אַריינגעפאַלן מיט קלייניקייטן. אָפּגעזעסן געציילטע וואָכן און זיך אומגעקערט. די באַרימטקייט זיינע איז געוואַקסן. עס האָבן געקלעפּט צו אים די בחורים. עס האָבן זיך געלאַשטשעט די מוידן. ער האָט דאָך אַן אָפענע האַנט און אַ גאָלדענע נשמה. „הער אויף — האָב איך מיך ביי אים געבעטן — גענוג!" — „איך, מאַמעניו — האָט ער מיר געלאַכט אין די אויגן — איך נעם נאָר ביי די רייכע". איצט איז ער אַריינגעפאַלן, אויף לאַנג. אַזוי פיל גייט דער עמער צום וואַסער ביז עס פּלאַצט די שטריק. איך קום צו אים אין טורמע. ער זעט מיינע טרערן און עס שטעלן זיך אים אויך טרערן אין די אויגן. נאָר חרטה האָבן — דאָס נישט. „כ'וועל אַרויסקומען — זאָגט ער — וועל איך זיי ערשט וויזן!"

וואָס וויזן? וועמען וויזן? ווי צו מיינע יאָרן! איך פרעג ביי גאָט: מיט וואָס האָב איך געזינדיקט? פאַר וואָס קומט עס מיר. אַן אַנדער מאָל וויל איך שעלטן. אָט דאָס איז דאָס הייליקע לאַנד פון אונדזערע אָבות? איך בין דאָך ניט איינע. אַזוינע אומגליקלעכע מאַמעס ווי איך זיינען פאַראַן טויזנטער!..

ווישן זיך ביידע די פאַרוויינטע אויגן. אויף שלומיתן וואַרט די אַרבעט. רייכע בעל־הביתטעס האָבן ניט ליב די עוזרת זאָל פאַרשפּעטיקן, און זי, די באָבע פריידע, בלייבט אַליין אַ צעטומלטע פון די נייע, ניט־פריילעכע געדאַנקען.

זי לעבט דאָך שוין אַזוי פיל יאָרן אין לאַנד און אין דעם ווינקל פונעם לעבן האָט זי אַפילו ניט אַריינגעקוקט. די טעגלעכע ידיעות אין די בלעטער: דעם האָט מען באַגנבעט, יענעם באַראַבעוועט, געהרגעט. עמעצן האָט מען געכאַפּט, איינגעזעצט און פאַרמישפּט. זי האָט דאָס אויבנאויפיק אַ לייען געטון און פאַרגעסן. ווי אַזוי האָט זי געקענט ניט באַמערקן אַזאַ וועלט

פון ליידן און אומרעכט אויף יענער זייט וואַנט פון שלומס ווילע. ניט ווייט פון די קיבוצים, ניט ווייט פון שימעלעס חברה, עקסיסטירט אַן אונטער־וועלט. זי איז דאָך אַ טייל פונעם פאָלק! אַ טייל פונעם לעבן, ווער איז אין דעם שולדיק? וואָלט דאָ געווען מעכל, וואָלט זי אים פאַרוואָרפן מיט פראַגעס. נאָר מעכל איז ניטאָ און אין דרויסן רעגנט און רעגנט. דער הוסט מוטשעט און לאָזט ניט רוען. און וואָס עפּעס נעמט זי זיך אַלץ צום האַרצן? לעבן דאָך מענטשן און טראַכטן ניט דערפון. עס גייט זיי אַן נאָר די אייגענע זיכערקייט. זייער די ווענט אַרום זייערע ווילעס הויף, און די שלעסער אויף זייערע שטאָלענע טירן פעסט.

דער טאַטע עליו־השלום האָט איר אַ מאָל דערציילט פון משיחן וואָס זיצט, פון קיינעם ניט קיין דערקענטער, ביי איינעם פון די טויערן פון רוים. און אַלע אומרעכטן פון גאָר דער וועלט זיינען בלוטיקע ווונדן אויף זיין לייב. ער זיצט און בינדט איבער אַ ווונד נאָך אַ ווונד. זיצט און וואַרט אויף אַ באַפעל פון גאָט, ער זאָל קומען אויסלייזן די וועלט. מעגלעך אַז די לעגענדע איז ניט פּינקטלעך אַזוי ווי זי געדענקט זי. נאָר קיין משיח איז זי דאָך באַשטימט ניט. און אויסלייזן די וועלט קען זי ניט. פאַר וואָס זשע טוען איר ווי פרעמדע ווונדן? ווו איז מעכל? וואָס טוט ער דער אַלטער?! אויב זאָגן דעם אמת, בענקט זי נאָך אים. בענקט נאָך זיינע שפּיזיקע ברעמען און קלוגע אויגן. נאָך דער וואַרעמקייט און פאַרשטענדעניש וואָס שטראָמט פון אים.

14
און מעכל איז געקומען

און מעכל איז געקומען. נאָר פריִער פאַר אים איז געקומען די זון. האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַר טאָג און האָט צוגעראַמט דעם הימל. ניט געלאָזט אויף אים קיין פּיצל כמאַרעלע אַפילו אויף אַ רפואה. זי האָט דערזען די פאַרטערטע גראָזן, די קאַפּענדיקע בלעטער, האָט זי פאַרקאַטשעט די אַרבל און גענומען טריקענען. וואָס מיר האַרבסט! ווער מיר ווינטער! אַ מחיהדיקע

וואָרעמקייט אויף דער גאַנצער וועלט. די גראָזן שמייכלען. די בלעטער גרינען מיט פאַרגעניגן! צו דער צייט טאַקע האָט ער זיך אַראָפּגעיאָוועט, מעכל.

זיינען זיי געזעסן אויף דער ווערענדע און אַלץ אַרום האָט געשיינט. זי האָט אַפּילו הוסטן אויפגעהערט. זי האָט אים פאַרגעסן צו דערציילן וועגן דער עוזרת שלומית און וועגן דער אונטערוועלט האָט זי פאַרגעסן. זי האָט געקוקט אויף אים און געטראַכט: ס׳איז אַן עגאָיסטקע בין איך! זי האָט זיך פאַרגעשטעלט זיין דירה ערגעץ אין אֵזור ח׳, געפילט דעם עסעדיק קאַלטן דרויסן וואָס דריקט אויף אים. זי האָט געזען די לאַנגע נעכט זיינע ווען ער קערט זיך אום אין דער פוסטער היים. ליגט איינער אַליין אויף דעם דאָרן סוכנות־בעטל, קוקט אויף די נאַקעטע ווענט, און ס׳איז ניטאָ ווער עס זאָל אים אָנוואָרעמען אַ גלאָז טיי, איינדעקן אים, דעם אַלטן, און ווינטשן אים אַ גוטע נאַכט.

פאַר וואָס פאַר אַ חן קומט איר זיין צוגעבונדנקייט? זי האָט זיך געקליבן זאָגן אים, ס׳איז אַ פריינד זי איז אים און ס׳איז שוין צייט אָוועקוואַרפן די נאַרישע שעמעוודיקייט. און זאָל ער איבערגיין ווינען צו איר. אין צווייען וועט זייביידן זיין בעסער. נאָר די נייטיקע ווערטער זיינען ניט געקראָכן אין מויל אַריין. זי האָט נאָר געקוקט אויף אים ווי ער האָט זיך אַראָפּגערוקט, עלטער געוואָרן. די מידקייט, זי ליגט אים אַרום די אויגן. מען זעט זי אין די איינגעפאַלענע, אויסגעטריקנטע באַקן. זי הערט זיך אַפּילו אין זיין קול, וואָס קלינגט היינט אַנדערש ווי תּמיד. אַזוי ווי ער וואָלט רעדן מיט זיך אַליין. און וואָס פּלוצעם האָט ער זיך צערעדט פון גאָט? „יעדער מענטש — זאָגט ער — האָט זיך זיין גאָט. דעם גאָט וואָס ער האָט פאַר זיך צוגעטראַכט. ניט וויכטיק צי דער גאָט איז דער אַלוועלט אַליין אָדער אַלוועלט איז נאָר אַן אויסדרוק פון זיין ווילן. פאַרן מענטשן איז גענוג אַ גוטער, אַ נוצלעכער גאָט. אַזאַ גאָט וואָס איז ווי אַ רעטונגס־גאַרטל. ווי יענע פעסטע שטרוי אין וועלכער מען כאַפּט זיך אָן ווען מען טרינקט זיך״.

אַ סך שווערער איז פאַר די וואָס קענען ניט אויסטראַכטן פאַר זיך אַזאַ גאָט. די וואָס זוכן און געפינען ניט קיין שום מאָראַלישע פּרינציפּן אין

דעם אַלוועלטלעכן כאַאָס. אויב עס זיינען אַפילו דאָ וועלכע ניט איז געזעצן וואָס רעגולירן דעם וועג פון גאַלאַקטיקעס און דאָס אָנצינדן און אויסלעשן זיך פון זונען, האָבן די דאָזיקע געזעצן גאָרניט צו טון מיט אונדזער מענטשלעכער מאָראַל, מיט אונדזערע באַגריפן פון גוט און שלעכט. און עס וועט מיר ניט העלפן דאָס וועלן אויספיינען זיך פאַר זיי. צי קען מען זיך בכלל פאַר זיי אויספיינען? אונדז, די ניט־גלייביקע, איז אַ סך שווערער צו לעבן און נאָך שווערער צו שטאַרבן. יעדער איינער פון אונדז טראָגט אין זיך, געירשנט פון זיינע עלטערן, איינגעזאַפּט מיט דער קולטור פון זיין פאָלק, אַ צאָל עטישע פּרינציפּן, אויסגעאַרבעטע אין משך פון טויזנטער מענטשלעכע דורות. זיי פאַרמירן אונדזער באַוווסטזיין. לויט אָט די פּרינציפּן באַמיען מיר זיך לעבן. נאָר עס קומט די צייט און מיר שטייען אויפן ראַנד פון זיין. נאָך איין שפּאַן, נאָך איין אָטעם און אויס! ווייטער וועט פאַר אונדז גאָרניט זיין. קיין שום צוגעטראַכטער גאָט קען אונדז ניט העלפן!

„אָט אַזוי, פּראָדל, ס'איז אומהיימלעך, ס'איז שווער, ס'איז שרעקלעך! נאָר קיין ברירה חוץ זעלבסט־נאַרעריי האָבן מיר ניט. און מען דאַרף אַ סך מוט, אַ סך פילאָסאָפישע רויִקייט, כדי ניט צו פאַרשעמען זיך אין די אייגענע אויגן און אין די אויגן פון די וואָס וועלן בלייבן נאָך אונדז. נאָר וואָס העלפט זי, די פילאָסאָפישע רויִקייט, דער מוט, די איינשטעלונג אַז סיי ווי סיי מוז מען שטאַרבן. אפשר וואָלט געווען בעסער, גרינגער, שלאָגן זיך קאָפּ אין דער וואַנט, רעווען ווי אַ געקוילעטער אָקס? נאָר אויך דאָס וועט דאָך ניט העלפן!"...

פרעג אים, וואָס עפּעס האָט ער זיך אָריינגעלאָזט אין אַזוינע שווערע שמועסן? ווען סך־הכל ווילט זיך אים איר זאָגן ווי שטאַרק ער בענקט נאָך איר. נאָר עס זאָגט זיך ניט. און ס'איז אים גוט אַזוי, זיצן אויף דער וועראַנדע אַ דורכגעשטראַלטער פון ליכט, אַן איינגעוויקלטער אין וואַרעמ־קייט און פילן אויף זיך אירע אויפמערקזאַמע ברוינע אויגן...

מען האָט גערופן עסן מיטאָג. דאָס פּאָרעלע באַטראַכט אים פון אַלע זייטן. די באָבע האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר אירס אַ חבר; נאָר זיי איז שווער אין דעם אויסגעטריקנטן ווייסן אַלטיטשקען זען עמעצנס אַ חבר.

באַלד נאָך מיטאָג איז געקומען צו פאָרן שימעלע. ער האָט געבראַכט א בריוו פון היימען. סאַבינאַ איז געלעגן געוואָרן און געבוירן אַ זון. אַ יונג מיט ביינער. ער האָט געוווֹיגן גאַנצע דריי קילאָ, נאָר איצט וועגט ער אַ קאָפּעלע ווייניקער. מען האָט אים מלע געווען און אַ נאָמען האָט מען אים געגעבן נאָך דעם זיידן מאיר.

„און איצט, מאַמע, זיי אַ בעלן און זאָג אַז דו וועסט ניט קומען וואָס גיכער זיך באַקענען מיט דיין יינגסט אייניקל מאיר שטייף. מיר האָבן אייך וועגן דעם פריער ניט געשריבן ווייל סאַבינע איז שוין ניט אַזאַ יונג ווייבל צו האָבן קינדער. מיר זיינען מיט איר אויסגעווען ביי גרויסע ספּעציאַליסטן־דאָקטוירים און, דאַנקען גאָט, אַלץ איז דורך בשלום. נעם זשע, מאַמעניו, שימעלען מיט סאַביען מיט חוהלען און קומט אויף אַ חודש, צוויי, צו אונדז. מירן אייך ווייזן אַמעריקע. אַמעריקע איז ניט ישראל. ס'איז אַמעריקע! ס'איז דאָ וואָס צו זען".

האָט מען אויסגעטרונקען לחיים לכבוד דעם נייעם שטייף. שימעלע איז צוגעפאָרן אין פּאָסט און געגעבן אַ באַגריסונגס־טעלעגראַמע. ביז וואָס ווען איז צוגעפאַלן די נאַכט. מעכלען האָט שימעלע מיטגענומען מיט זיך. אויך איר איז שוין צייט פאָרן אַהיים. דער הוסט האָט שוין אויפגעהערט נאָר ס'איז איר באַשטימט אַ וויזיט אויף איבער מאָרגן ביי דעם דאָקטער, וועט זי איבערוואַרטן די פּאָר טעג. אויב אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג וועט זי שלום אָפּפירן אַהיים.

ליגט זי און קען ניט איינשלאָפן. זי זעט זיך שוין אין דער היים. דאָס ערשטע וואָס זי וועט טון איז אַראָפּפאָרן צו מעכלען און אים נעמען מיט אַלע זיינע בעבעכעס צו זיך. גענוג געשעמט זיך! זיי זיינען שוין ניט קיין קליינע קינדער. און חיים איז אַ מאַלאָדיעץ! אַ נאָמען געגעבן נאָכן טאַטן. וואָס אייגנטלעך האָט זי צו אים? קיין ציוניסט איז ער קיין מאָל ניט געווען. איז וואָס זשע איז דער ווונדער וואָס ער איז געפאָרן אַהין ווו אים האָט זיך געדאַכט אַז עס וועט אים זיין בעסער.

15
דער סוף, ווי יעדער סוף, איז אויך אַן אָנהייב

דער שמייכלענדיקער דאָקטער האָט זי אויסגעהערט. די עלעקטראָ־קאַרדיאָגראַמע, די אַנאַליזן — אַלע זיינען גוט. צייט צו פאָרן אַהיים.

אויב די באָבע פאָרט נאָך מיטאָג אַהיים, ווילן אַביבה און תמר ניט גיין היינט אין שול. זי האָט זיי קוים אַרויסגעפּראַוועט. אָנגעקושט די פּוכקע, די פרישינקע בעקעלעך און ניט געפילט ווי עס רינען איר טרערן פון די אויגן.

וואָס איז עס פאַר אַ וויינען אין מיטן מיטוואָך? ס'איז אַ סימן פון עלטער. זי איז שוין פאָרט אַן אַלטע יידענע.

אַדעלאַ האַלט אין איין אַרויסנעמען פונעם אייזקאַסטן און איינפּאַקן אין גרויסן קויש פאַר אירט וועגן. זאָל זי פּאַקעווען. ס' וועט צו ניץ קומען. קיינער פון זיי ווייסט נאָך ניט, נאָר אויף פּשוט מאַמע־לשון הייסט עס: די עלטער־באָבע פאָרט חתונה האָבן.

דרייט זי זיך איבער די צימערן און וואַרט. שלום וועט ערשט קומען נאָך מיטאָג און וועט אַרום עלף דעם זייגער קומט שימעלע אומגעריכט, פאַלט איר אַפילו אין צענטן געדאַנק ניט איין די אמתע סיבה פון זיין קומען.

„ער איז געווען דאָ, ניט ווייט, האָט ער באַשלאָסן אַריינפאָרן און אַהיימנעמען די סבתא. פאַרשפּאָרן דעם טאַטן אַן איבעריקן וועג". ער רעדט ווי מיט אַ האַלב מויל, קוקט קיינעם ניט אין די אויגן און איילט זיי אונטער זיי זאָלן באַלד פאָרן.

— וואָס איז די איילעניש? — פרעגט אַדעלאַ. ווי אַזוי פאָרט מען אַוועק פאַרן מיטאָג און מען געזעגנט זיך ניט מיטן אייגענעם זון? שלום וועט קומען וועט ער אַליין אָפּפירן די מאַמען.

מוז שוין שימעלע אַרויס מיט דעם אמת:

— נעכטן אויף דער נאַכט האָט מעכל ברוידע באַקומען אַ בלוטאויסגוס אין מוח. אַ שכן זיינער האָט אַרויסגערופן די גיכע הילף נאָר זיי האָבן

שוין גאָרניט געקענט טון. אַרום האַלב צען איז מעכל אויסגעגאַנגען. די לוויה וועט זיין היינט דריי ביי טאָג.

זי געדענקט ניט צי זי איז אומגעפאַלן. גיכער פון אַלץ, אַז זי האָט זיך נאָר צוגעזעצט אויפן דיוואַן. איר געפיל: מען האָט איר דערלאַנגט מיט אַ שטיין אין קאָפּ.

שימעלע מיט אַדעלאַן שטייען איבער איר. מען האָט געבראַכט וואַסער. מען טאַפּט איר דעם פולס, מען פּרוּווט איר געבן אַ טאַבלעטקע אונטער דער צונג. און פון איר רינט אַרויס דער לעצטער טראָפּן כוח. די אויגן זיינען איר טרוקן, זיי וויינען ניט. זי בעט נאָר שימעלען ער זאָל נאָך אַ מאָל דערציילן ווי אַזוי עס איז געשען.

דערציילט שימעלע:

— נעכטן פאַר נאַכט האָבן זיי, מעכל מיטן שכן, געשפּילט, ווי געוויינלעך, אַ פּאַרטיע שאָך. מעכלען איז שלעכט געוואָרן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און איז אומגעפאַלן. דער שכן מיט זיין פרוי האָבן אים אויפגעהויבן און אַוועקגעלייגט אויף זיין בעטל. דער שכן האָט אַרויסגערופן די גיכע הילף. נאָר די גיכע הילף האָט זיך ניט געאיילט צו קומען. מעכל האָט פאַרלוירן דאָס לשון. האָט ער מיט דער לינקער האַנט, וואָס האָט זיך נאָך באַוועגט, געוויזן דעם שכן אויפן טישעלע. דאָרט איז געלעגן אַ קאַרטאַנדל וווּ עס זיינען מיט קידוש־לבנה־ציפערן געווען פאַרשריבן צוויי טעלעפאָן־נומערן. איינער — זיין שוועסטערקינדס נומער פון ראשון־לציון, און דער צווייטער — זיינער, שימעלעס טעלעפאָן.

ווען ער איז צוגעפאָרן מיט דער מאַשין האָט ער נאָך געטראָפן די „גיכע הילף". אָפּפירן דעם קראַנקן אין שפּיטאָל האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט. דער קראַנקער איז ניט צום איבערפירן. זאָל ער ליגן רויִק. מאָרגן וועט מען אַרויסרופן דעם דאָקטער פון קופּת־חולים, וועט מען זען וואָס מען קען טון.

און מעכל איז געלעגן מיט אָפענע אויגן. אַרום האַלב צען האָט ער ניט מער ווי אַ ציטער געטון און איז אויסגעגאַנגען. דער קרוב איז געקומען ערשט אין אַ שעה אַרום. היינט אין דער פרי האָט ער אָנגעקלונגען און צו וויסן געגעבן: די לוויה וועט זיין דריי ביי טאָג.

שוין אין אַשדוד האָט שימעלע אָפּגעשטעלט די מאַשין, אַרויסגעגאַנגען

און געקויפט בלומען. ביי דעם אַלטן וואָס זיצט אויפן ראָג האָט זי געקויפט אַ פּעקל ליכט.

צו דער לוויה זיינען געקומען ניט ווייניק מענטשן. באַקענטע פון כפר־גבירול, שכנים, חברים פון דעם מועדון ווו ער איז געווען אַן אַקטיווער טוער. סאָניע און זהר האָבן געפּרוווט זי אָננעמען אונטערן אָרעם. איז איר דורך אַ ציטער איבערן לייב. אונטערן אָרעם פירט מען אַ כלה צו דער חופּה. און זי גייט, ניט מער, ווי אויף דער לוויה פון דעם חתן.

אין דער אָפּטיילונג פאַר פרויען האָט קיינער ניט געוויינט. מען האָט געוואָרט שווייגנדיק. באַלד האָט מען אַרויסגעטראָגן די מיטה. אַ ייִדל, אַ רויטס, מיט אַ געדיכט קופּערבערדל אַרום די פּעטע, גלאַנצנדיקע בעקלעך האָט זיך צעשאָקלט און אָנגעהויבן זאָגן. ער האָט געזאָגט און געזאָגט ביז ער האָט געענדיקט. די מיטה האָבן געטראָגן דעם קרובס צוויי זין. אורי, שימעלע און אַנדערע האָבן געהאָלפן. דער קבר האָט שוין געוואָרט. מען האָט דעם מת אַראָפּגעלאָזט אין קבר. דעם שוואַרצן איבערדעק האָט מען אַרויסגעצויגן און געמען פאַרשיטן. ווידער האָט מען געזאָגט. און שוין! ניטאָ מער מעכל. די באַגלייטערס צעגייען זיך.

— געווען אַ ייִד אַ חכם, אַ יודע־ספר. — זאָגט עמעצער אים נאָך אַ שבח.

— מיינע רייד זאָלן אים ניט אַרן, אַ צינגעלע האָט ער געהאַט — אַ מעסערל.

— געשטאָרבן ווי אַ צדיק. אַליין זיך ניט געמוטשעט און קיינעם ניט געמוטשעט.

— וועמען זאָל ער געווען מוטשען? ר׳איז דאָך עלנט ווי אַ שטיין.

— באַ, מען זאָגט, ער האָט ערגעץ אויף ראָגאָזין געהאַט גאָר אַ פיין ווייבל...

עמעצער האָט פאַר איר נאָז אַ קלינג געטון מיט אַ צדקה־פּושקע: „צדקה תציל ממות!” — קריכט דער פּסוק אין איר ליידיקן קאָפּ אַריין.

דער קרוב האָט זי אָנגעזאָגט. ער קען זי פון דער היים. ער ווייסט אַ פּנים פון איר נאָענטקייט מיט מעכלען.

— פרידאַ אַבראַמאָוונא — איידער איך פאַרשליס מעכלס דירה, וויל

איך איר זאָלט מיט מיר צופאָרן אַ קוק טון. דאָרט זיינען געבליבן ביכער, יידישע און רוסישע און עס הענגט דאָרט אַ פאַרגרעסערט בילד — פון אייך מיט מעכלען. נעמט עס אייך. ווייל די דירה מוז איך אָפּגעבן דעם עמיגור.

זיינען זיי געפאָרן. די ביכער האָט אַרויסגעטראָגן שימעלע. דאָס בילד האָט זי גענומען מיט זיך.

די לופט אין דער היים איז פאַרדעמפּט און פייכט. מיט לופטערן פאַרנעמען זיך שימעלע מיט סאָניען. זיי מאַכן אויף די פענצטער, קאָנטראָלירן דעם גאַז און דעם אייזקאַסטן. און זי האָט אָפּגערוקט און אוועקגעשטעלט באַזונדער דאָס בענקל אויף וועלכן מעכל פלעגט זיצן. זי האָט אָנגעצונדן אַ יאָרצייט־ליכט, אויסגעטון די שיך און זיך אוועקגעזעצט שיבעה. סוף־כל־סוף זיינען די קינדער אַהיים געפאָרן און זי איז געבליבן איינע אַליין מיט דער שטילקייט.

ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט. פון אַלע ווינקלען זיינען אויפגעקומען קלעפּיקע פינצטערע שאָטנס. דאָס יאָרצייט־ליכט האָט פון צייט צו צייט אַ פינטל געטאָן אין דעם דער דריקנדיקן, שטיינערנעם שווייגן.

אויפגעכאַפּט האָט זי זיך ווייל ס'איז איר געוואָרן קאַלט. די קינדער האָבן ניט פאַרמאַכט די פענצטער און אין דרויסן איז שוין שפּעטער האַרבסט. די פענצטער האָט זי צוגעמאַכט. דאָס יאָרצייט־ליכט האָט אויסגעברענט. האָט זי אָנגעצונדן אַ צווייטס. גענומען אויף זיך אַ וואַרעמע קאָפּטע און זיך צוריקגעזעצט אויפן טעפּעך. ערשט ווען זי האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען דאָס ליידיקע בענקל ווו מעכל וועט שוין קיין מאָל ניט זיצן, האָבן אַ כלינע געטון די ערשטע טרערן. באַלד זיינען זיי איבערגעוואַקסן אין אַ געוויין, אַ געוויין מיט כליפּענישן, אַ געוויין מיט דערשטיקטע גע־שרייען. זי האָט געוואָלט אויפהערן און ניט געקענט. זי האָט געביסן די פויסטן און וויינענדיק איז זי ווידער איינגעשלאָפן.

אויפגעכאַפּט האָט זי זיך ערשט ווען שימעלע האָט געקלונגען. ער האָט געבראַכט מילך און אַ פרישע צייטונג. די צייטונג איז געבליבן ניט געעפנט. די מילך האָט זי אויפגעזאָטן, זי איז געווען הונגעריק.

און ווידער אַ מאָל איז זי געזעסן אויפן טעפּעך און געפירט אַ גע־דאַנקלעכן שמועס מיט אים, מיט זיך אַליין.

וואָס האָסטו, מעכל, געטראַכט, ווען דו ביסט געלעגן געליימט? וואָס האָסטו געפילט? וואָס פילט אַ מענטש ווען ער שטאַרבט? און אפשר פילט ער גאָרניט. עס הערט אויף צו פונקציאָנירן דער עלעקטריש־כעמישער פּראָצעס פון זיין נערוון־סיסטעם. ענדיקט זיך פאַרן מוח יעדער מין פילן. ניט קיין צייט, ניט קיין געדאַנק, ניט קיין געפיל. מען שטאַרבט. און אויב אפילו אמת, וואָס מענטשן זאָגן, אַז אַ מינוט פאַרן טויט זעט דער מענטש, ווי אין אַ פאַרגיכערטן פילם, אַלץ וואָס ער האָט איבערגעלעבט פאַר זיין גאַנצן לעבן? וואָס ענדערט זיך דען דערמיט? סיי ווי סיי שטאַרבט ער.

זי איז אַלץ געזעסן אויפן טעפּעך אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין דער קושעטקע. ניט דערפאַר וואָס דאָס שיבעה זיצן האָט איר עפּעס געזאָגט. עס האָט זי ביסלעכווייז באַהערשט אַ דרעמלדיקע אַפּאַטיע. עס איז איר געוווען אַלץ איינס ווו צו זיצן. אומבאַשטימטע געדאַנקען האָבן געבלאָנדזשעט אין די ליידיקייטן פון איר מוח. וויפל די קינדער האָבן ניט געפּרוווט אויפוועקן זי צוריק צום לעבן, האָט זיי גאָרניט געהאָלפן.

אויף דעם פערטן טאָג האָבן זיי איר געבראַכט חוהלען.

— סבתא, — האָט איר סאָניע געזאָגט — איך וועל זי דיר לאָזן ניט מער ווי אויף אַ פּאָר שעה.

— חוהלע! ווי לעבעדיק עס שיינען אירע אייגעלעך!

דאָס וואָס די סבתא זיצט אויפן טעפּעך שטערט איר ניט. פאַרקערט, עס געפעלט איר. אַזוי האָט זי אַ פולן צוטריט צו דער סבתא. זי קען זיך שפּילן מיט דער סבתאס גרויסע אויערן. אַרומנעמען זי. און דאָס וואָס די סבתא האָט אויסגעטון די שיך איז אויך אַ מעלה. די טיפע שיך זיינען ניט קיין שיך. זיי זיינען שיפן. אין איינעם האָט זי אַריינגעשטעלט די פלעשע־לעך וואָס זי האָט געבראַכט פון דער סבתאס שלאָפצימער, באַקומט זיך אַ שיף מיט קינדערלעך וואָס שווימען אויף אַ שפּאַציר. דאָס גרעסערע פלעשל, וואָס מיטן בייכל, איז דבורה די גננת. זי גיט אַכטונג די קינדערלעך זאָלן ניט אַריינפאַלן אין ים. דער צווייטער שוך איז אַ קריגסשיף. די קריגסשיף פליט אויף די כוואַליעס און שיסט די מחבלים. איצט איז דער

שוך אַ טאַנק. חוהלע בלאָזט אָן די בעקעלעך און דער טאַנק הודזשעט ווי אַן אויטאָמאָביל. ווען די שפּיל וועט איר נימאס ברענגט זי פון דער סבתאס שלאָפצימער דאָס גרויסע קעמל און זי קעמט דער סבתאס שיטערע האָר. די וואַרעמע פינגערלעך גלעטן און היילן. פּאַרמאַכט די סבתא די אויגן.

— וואָס איז דיר, סבתא? דו שלאָפסט? דו ביסט קראַנק? דו האָסט היץ? — און פרישע קינדערישע ליפּעלעך פּרוּוון דער סבתאס שטערן...

און ווידער איז זי אַליין. די שיך שטייען אַזוי ווי חוהלע האָט זיי איבערגעלאָזט: איינער — פול מיט קינדערלעך, דער צווייטער — אַ טאַנק.

אויף מאָרגן אין דער פרי זיינען די קינדער ווידער געקומען. ביידע. שימעלע האָט זיך ניט געאיילט, אַוועקגעזעצט זיך ביים טיש, און סאָניע אויף דער קושעטקע. עפּעס איז געווען אין זייער זיצן און אין זייער שווייגן ווי אַן אָפּשמועס, ווי אַ פאַרשווערונג. סאָניעלע האָט גענומען דער סבתאס האַנט און זי צוגעלייגט צו איר בויך.

— פילסט? — האָט זי געפרעגט — פילסט ווי דער בחור דריגעט שוין מיט די פיסלעך? מירן אים אַ נאָמען געבן מיכאל. אַזוי האָבן מיר ביידע באַשלאָסן. ער וועט הייסן מעכל!

די נייעס האָט ערשט קוים אָנגעהויבן דערגיין צו איר אַפּאַטישן געמיט. זי האָט געשוויגן.

די קינדער האָבן זיך איבערגעקוקט, באַליידיקט, זיך אויפגעהויבן און שווייגנדיק אַוועקגעגאַנגען. לאַנגזאַם האָט די בשורה זיך דורכגעשלאָגן דורך דעם קלעבערדיקן דרימל פון איר באַוווסטזיין, לאַנגזאַם פאַרזאָטן. און ווען די פרייד האָט אַ פלייץ געטון זיינען די קינדער שוין ניט געווען.

האָט זי אויפגעמאַכט די טיר און נאָך לאַנגע טעג דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַניקל. ביי נאַכט האָט גערעגנט, נאָר איצט, אין דער פרי, האָט דער הימל זיך אויסגעלייטערט און אַ יונגע, אַ שמייכלענדיקע זון האָט געשיינט און גערופן צום לעבן.

מיי 1987

מדרש חגי

באַרבעט און איבערגעזעצט אויף מאַמע־לשון

די ערשטע נייעס וועגן אַ שקלאַפן־אויפשטאַנד אין רעמסס איז צו מיר דערגאַנגען אויפן וועג אַהיים. איך בין נאָך אַלץ געווען אונטערן איינדרוק פון דעם לעבן אין די גרויסע נו־אַמונער טעמפלען. אַן אויפשטאַנד פון שקלאַפן, אין די אַזוי שווערע צייטן איז ניט געווען קיין גרויסע נייעס. און אַוודאי ניט קיין ווונדער. די ווייטערע ידיעות האָבן אָבער שוין דערציילט ניט גלאַט וועגן אַ שקלאַפן־אויפשטאַנד, נאָר וועגן דעם אויפשטאַנד פון אַלע פאַסטעכער־שבטים פון דער געגנט גשן. מען האָט איבערגעגעבן אַז זיי, די פאַסטעכער, האָבן אויסגעראַבעוועט די אַרומיקע טעמפלען, אויסגע־ליידיקט אַלע רייכע ווירטשאַפטן, פאַרכאַפּט מיט זיך צענדליקער טויזנטער קנעכט פון די מלוכה־בויונגען און אַוועק מיט זיי קיין מיזרח.

די פאַסטעכער, זיי זיינען דאָך מיינע לייבלעכע ברידער, די בני־יעקב! די זין פון מיין שטאַם! הונדערטער יאָרן פאַרשקלאַפטע, געצוווּנגענע אויסצוטיילן צענדליקער טויזנטער יונגע, געזונטע מענער אויף צוואַנג־אַרבעטן פאַר פרעהן, פאַר די מיצרישע טעמפלען און פאַר אַלע קלענערע מאַכטהאָבערס.

צי קען איך דען פאַרגעסן פרעהס באַפעל: אומברענגען יעדן פון זייערע ניי־געבוירענע ייִנגלעך? אויף צו ראַטעווען די קינדער זיינען זיי געצוווּנגען געווען אָפּשיקן זייערע טראָגעדיקע ווייבער, ווי ווייט מעגלעך, אויף די ווייטע פאַשע־ערטער אויפן ראַנד פון דעם מידבר. דאָרט ווו אַן איינצלנער מיצרי האָט מורא געהאַט זיך צו באַווייזן. אויף צו באַקומען די נייטיקע צאָל בוישקלאַפן האָבן די מיצרים געמוזט שיקן יעדער מאָל גוט באַוואָפנטע, גרויסע סאָלדאַטן־אָפּטיילונגען. די סאָלדאַטן האָבן געניש־

טערט אין ווו אַ ווינקל. און דאָך האָבן ניט ווייניק פון זיי באַוויזן זיך אויסצו־באַהאַלטן. איז דאָך קיין וווּנדער ניט וואָס סוף־כּל־סוף איז דאָרט אויסגע־בראָכן אַן אויפשטאַנד.

נאָר אויפן אָרט פון לאָזן זיך אַרויף דעם וואַסער, איינגעמען אַ שטאָט נאָך אַ שטאָט, באַפרייען די אָרעמע פויערים וואָס לעבן ניט בעסער פון די קנעכט, און דערפירן דעם אויפשטאַנד צום זיג, האָבן זיי זיך געוואָנדן אויף מיזרח... זיי ווילן דאָך ווייט ניט אַוועקגיין! לענג־אויס דעם ים־ברעג וואַרטן אויף זיי, זאָל זיין אָפּגעשוואַכטע, אָבער גוט באַוואָפנטע גרענעץ־פעסטונגען, וועלכע האָבן שוין ניט איין מאָל פאַרהאַלטן אויפגעשטאַנענע קנעכט. אין גיכן וועט מען זיי אָניאָגן און צעשמעטערן. אין דרום וואַרט אויף זיי דער מידבר: דאָרשט און הונגער און קריגערישע מידבר־שבטים. דער גרעסטער טייל פון זיי וועט אומקומען. מיט די איבעריקע וועט מען אין גיכן פאַרפלייצן די קנעכטמערק אין מיטעלן לאַנד. אַזוי האָב איך געטראַכט, און דאָס האַרץ מיינס האָט זיך אָנגעפילט מיט טרויער. נאָר באַלד איז מיר אַנטקעגנגעקומען די אמתע, די גוטע בשׂורה: פּרעהס רייטוועגענער, וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך די אַנטלאָפענע, האָבן געליטן אַ גרויסע מפּלה. מען האָט זיי פאַרנאַרט אין אַ פּאַסטקע און דער גרעסטער טייל פון זיי איז אומגעקומען.

די פּאַסטעכער האָבן גוט געקענט די געגנט. זיי זיינען אַראָפּ פון דעם האַנדלסוועג און פאַרנומען גאָר נאָענט צום ים־ברעג, אין אַ געגנט פון ניט טיפע וואַסערפלאַכן, באַוואַקסענע מיט קאַמיש. זיי האָבן אויסגענוצט די געדיכטע נעפּלען, די אָפט בלאָזנדיקע דאָרט שטאַרקע ווינטן, דעם צופלוס און אָפּפלוס פונעם ים, און זיינען דורכגעגאַנגען מיט די נאָר זיי באַקענטע וועגן. דער גרעסטער טייל פון פּרעהס רייטוועגענער איז פאַר־קראָכן אין אַ בלאָטע, פאַרגאָסן געוואָרן פון דעם אָנקומענדיקן שטאַרקן צופלוס און אומגעקומען.

אַזאַ דורכפאַל האָט מיצרים ניט געליטן זייט הונדערטער יאָרן. קיינער האָט מער די אויפשטענדלער ניט געיאָגט און זיי האָבן רויִק פאַרקערעוועט צו די אינערלעכע מידבר־אָאַזיסן. אַזאַ איז געווען די לאַגע.

און איך, חגי בן־יהורם, דער זון פון שבט זבולון, איך, דער אָפּטריניקער,

וואָס האָט פאַרלאָזט זיין משפחה און פאַרגעסן זיין שטאַם, איך האָב באַש־לאָסן: — גענוג! איך וועל זיך אָפּזאָגן פון מיין מיצרישן ווילשטאַנד. אַראָפּטרייסלען פון זיך דעם מיצרישן גלאַנץ און אויף די עלטערע יאָרן זיך אומקערן צו מיין פאָלק!

אין דער היים, אין דעם מיצרישן טעמפּל, האָט אויף מיר קיינער מער ניט געוואַרט. מיין פּאַטראָן, דער עלטערער פּריסטער, איז פאַר דער צייט פון מיין רייזע געשטאָרבן און דעם נייעם האָבן ניט אינטערעסירט ניט די כשדישע, ניט די אַקאַדישע שריפטן. ער האָט געהאַט גענוג אַנדערע זאָרגן. מיין אַמט פון אַן עלטערן שרייבער איז שוין געווען פאַרנומען. האָב איך אים פאַרגעלייגט איך זאָל דערווייל, אויסנוצנדיק מיינע אַמאָליקע קענטע־נישן, דורכפירן אַן אויסשפּיר אין דער געגנט פון די ברענענדיקע ערדפּעטס־גריבער. זען צי איז דער וועג אַהין פריי. ער האָט גערן איינגעשטימט. דאָס איז געווען אייגנטלעך וואָס איך האָב געוואָלט. איך האָב גענומען מיין געטרייען קנעכט מענונבאַ און אָנגעלאָדן אויף צוויי אייזלען מיין לאַנג ניט גענוצטן שמעלץ־געשיר. מיט וואָס בין איך ניט קיין וואַנדערנדיקער בראָנדזע־שמעלצער, איינער פון די וואָס גייען פון איין מידבר־שבט צום אַנדערן? און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אויף קיין מאָל מער זיך ניט אומצוקערן.

נאָר אַ פרעמדן, וואָס איז קיין מאָל ניט געווען אין מידבר, דאַכט זיך אַז דער מידבר איז פוסט. אַ גענייט אויג לייענט דעם מידבר ווי אַן אָפענעם פּאַפּירוס. סימנים פון מענטשלעכע טריט, אויסגעלאָשענע פייערן און אַ סך אַנדערע צייכנס האָבן געוויזן אַז די קליינע רויבער־באַנדעס האָבן פאַרלאָזט זייערע געווינטלעכע וועגן און האָבן זיך געוואָנדן צו די אינעווייניקסטע אַאַזיסן. זעט אויס, אין דער געגנט געפינט זיך, אָדער באַוועגט זיך, אַ לאָקנדיקער ציל און די רויבערס פאָלגן אים נאָך פון וויטנס, ווי שאַקאַלן וואָס וואַרטן אויף זייער חלק רויב.

די ערשטע נאַכט האָבן מיר פאַרבראַכט אין אַ קליינעם באַרגשפּאַלט. איך בין געלעגן אויף דער אויסגעשפּרייטער מאַטע, געקוקט אויפן הויכן אויסגעשטערנטן הימל און געזען פאַר זיך דעם הימל פון מיינע וויטע קינדער־יאָרן, דעם הויכן הימל איבער די פעלדער פון גשן. מיין טאַטע האָט

אַלע יאָרן געדינט ביי די מיצרים. עס האָט נאָך אַלץ געווילדעוועט דאָס געזעץ פון אומברענגען די ניי־געבוירענע ייִנגלעך. האָט ער די שוואַנגערע מאַמע אָפּגעשיקט צו דער משפחה. די מאַמע מיינע איז געשטאָרבן באַלד נאָך מיין געבוירן און איך בין געוואַקסן ביי מיין זיידן אַבינדב. נאָר ניט אַזוי דער זיידע ווי דער עלטער־זיידע, דער הויכער, אויסגעטריקנטער נאָר פעסטער זקן, האָט זיך פאַרנומען מיט מיין דערציונג. דאָס האָט ער דער ערשטער באַמערקט מיינע פעיקייטן און מיין ליבשאַפט צו קנעטן פון ליים אַלערליי לעבעדיקע באַשעפענישן. דאָס האָט ער צעשמעטערט זיין אייגע־נעם קאָפּ וואָס איך האָב אים אויסגעקנעט פון ליים און מיר שטרענג אָנגעזאָגט: מער ניט קנעטן קיין לעבעדיקע פיגורן, ווייל דער גאָט פון אונדזערע אָבות האָט עס שטרענג פאַרווערט. דער גאָט פון אונדזערע אָבות, וואָס קיינער זעט אים ניט נאָר ער איז דאָ אומעטום און זעט אַלץ, ער לערנט זיינע קינדער, די בני־יעקב, זיי זאָלן זיין מוטיק און שטאַלץ און זאָלן פיינט האָבן די גדלנים, די מיצרים, פיינט האָבן זייער שפּראַך און זייערע מינהגים און האָפן — עס וועט קומען די צייט, וועט ער אונדז אויס־לייזן פון דער קנעכטשאַפט און אונדז אַהיים ברענגען צוריק אין אונדזער לאַנד.

פון אים האָב איך געהערט די געשיכטע פון אונדזער אורפאָטער אַברהם און זיין אייניקל יעקב, די וואונדערלעכע מעשיות ווי אַזוי גאָט האָט באַשאַפן די וועלט און דעם ערשטן מענטשן, ווי אַזוי אָדמס זין האָבן זיך צעקריגט און קין האָט געהרגעט הבלן. ווי אַזוי די מענטשן האָבן זיך פאַרזינדיקט און גאָט האָט געבראַכט אויף זיי דעם מבול. שפּעטער, ווען איך בין אונטער־געוואַקסן, האָט ער מיך געלערנט לייענען און שרייבן די סודותפולע צייכנס, די פאַרשריבענע אויף פּאַסן פּאַרמעט. קיינער, אויסער דעם זיידן, האָט ביי אונדז אין שבט די הייליקע פּאַרמעטן לייענען ניט געקענט. און פון אַלע זיינע אייניקלעך האָב נאָר איך איינער זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן. ער האָט מיך אויך געלערנט רעכענען. ליידער איז דער עלטער־זיידע אין גיכן געשטאָרבן.

איך בין אַלט געווען אַ יאָר צוועלף ווען דער טאַטע, אַן אַנדערער פון אַלע, אַ פרעמדער, איז געקומען און האָט מיך גענומען מיט זיך, אין וויטן

מיצרישן טעמפּל ווו ער האָט געדינט אַלס געהילף פֿון דעם פֿאַרוואַלטער. צום ערשן מאָל אין מיין לעבן האָב איך געזעכטיקט אין אַ שטיינערנער שטוב, געזען הויכע מויערן, ווי מיר האָט זיך געדאַכט: הויך ביז צום הימל, און מוראַדיק גרויסע שטיינערנע געטער.

די שפּראַך פֿון מיין מיצרישער שטיפמאַמע האָב איך קוים פֿאַרשטאַנען. מיינע מיצרישע ברידערלעך האָבן געלאַכט פֿון מיר און פֿון מיינע קליידער. זיי האָבן געזאָגט אַז עס שטינקט פֿון מיר מיט שאָפּנמיסט. דער טאַטע האָט מיר געשענקט איינעם פֿון זיינע קנעכט און באַלד אין מיר פֿאַרגעסן. דער קנעכט, דער כּושי, איז געוואָרן און פֿאַרבליבן מיין איינציקער און בעסטער פריינד אין לעבן.

דאָ האָט קיינער ניט פֿאַרווערט קלעפּן, אויסשניצן אָדער אויסהאַקן פֿאַרשיידענע פיגורן, אין גיכן האָט מען מיך אָפּגעגעבן אין אַן אַרבעטסהויז ביים טעמפּל, ווו מען האָט געמאַכט קליינע און גרעסערע געטער צום פֿאַר־קויפֿן. פֿון דאָרט בין איך איבערגעגאַנגען אין דער קופּער־גיסעריי, צו ניינצן יאָר בין איך שוין געווען אַ גוטער בראָנדזגיסער. נאָר אויך דאָרט בין איך לאַנג ניט פֿאַרבליבן. מען האָט מיך איבערגעפירט צו די גאָלדמייסטערס, צו די וואָס מאַכן שמוקזאַכן. און אויך דאָ האָב איך זיך אויסגעצייכנט. מיט מיר האָט זיך פֿאַראינטערעסירט דער הויפּט־פּריסטער.

גרויס איז געווען מיין ווונדער ווען איך האָב אים דערהערט ריידן אויף מיין לשון. נאָר ניט ווייניקער איז געווען זיין ווונדער, ווען ער האָט זיך דערוווּסט אַז איך קען לייענען און שרייבן אויפֿן לשון פֿון די בני־יעקב. ער האָט געשיקט ברענגען אַ קעסטעלע מיט פֿאַרשיידענע פֿאַר־מעט־שטיקלעך. איך האָב געמיינט — איך וועל פֿון זיי אַרויסלייענען איינע פֿון מיין עלטער־זיידנס ווונדערלעכע מעשׂיות, נאָר דאָרט האָט זיך גערעדט פֿון אַ פֿאַרטיע אָקסן וואָס איינער האָט געזאָלט אָפּשיקן אַ צווייטן.

דעם הויפּט־פּריסטער זיינען זייער געפֿעלן מיין עלטער־זיידנס מעשׂיות, נאָר לויט זיין שמייכל האָב איך פֿאַרשטאַנען אַז ווייניקסטנס אַ טייל פֿון זיי זיינען אים באַקענט. ערשט אין אַ צייט אַרום האָב איך פֿאַרשטאַנען צוליב וואָס דער הויפּט־פּריסטער האָט געהייסן מיך לערנען לייענען און מאָלן די מיצרישע בילדערשריפֿט און נאָך אַנדערע שריפֿטן און שפּראַכן

וואָס ער האָט געקענט. ער האָט פאַרטראַכט אַ ווייטע רייזע און געגרייט מיך פאַר זיין געהילף און אייבערשרייבער.

דער פאָטער איז אומגעקומען אין אַ מידבר־שליחות נאָך דעם ברענענ־דיקן ערדפעטס וואָס מען האָט געשעפּט פון באַהאַלטענע גריבער אין דעם דרום־מידבר. נאָך דעם טאָטנס טויט האָט זיין מיצרישע פרוי באַקומען די גאַנצע ירושה. מיך מיט מיין איינציקן קנעכט האָט זי פשוט אַרויסגעטריבן. נאָר דער הויפּט־פּריסטער האָט מיך ניט פאַרלאָזט. ער האָט מיך ווייטער געלערנט און געגרייט אין וועג אַריין. צוויי מאָל האָט ער מיך אָפּגעלאָזט אין שליחות אויפן אָרט פון מיין פאָטער. איך האָב געבראַכט דעם סודותפולן ערדפעטס פון וועלכן די פּריסטערס פלעגן מאַכן אַלערליי שמירעכצער און רפואות, נאָר דער עיקר גענוצט אויף פאַרשיידענע מעשה־חרטומים וואָס זיי פלעגן באַווייזן פאַרן פאָלק אין דער צייט פון טעמפּל־פייערונגען.

אין גיכן האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער עטאַפּ אין מיין לעבן. דער הויפּט־פּריסטער האָט זיך געלאָזט אין זיין ווייטן וועג און מיך מיט מיין קנעכט פאַררעכנט אין זיין קליינער סוויטע.

מיר האָבן זיך געלאָזט מיט דעם האַנדלסוועג דורך דעם לאַנד פון די פּלישתּים צו די גרויסע כנענישע האַנדלסשטעט און ווייטער אין לאַנד פון די חתּים, אין לאַנד פון די כּשׂדים און אַנדערע פעלקער וואָס לעבן אויף די ברעגן פון די גרויסע מיזרח־טייכן. מיר האָבן באַזוכט זייערע טעמפּלען, געלערנט זייער וויסן. מיין אַרבעט איז געווען אָפּשרייבן קאָפּיעס פון אַלטע אַנדענקשטיינער, פון פאַרשיידענע מגילות און פּאַפּירוסן און פון אַ גרויסער צאָל געברענטע און געטריקנטע ליימטאָוולען.

געלעבט האָבן מיר פון מאַכן און פאַרקויפן אַלערליי שמירעכצער און רפואות. פון האַנדלען מיט שמוקזאַכן וואָס איך האָב געמאַכט. דאָרט, אין איינעם פון די כּנענישע שטעט, איז מיט מיר געשען אַן אומגליק: איך בין געווען יונג און הייסבלוטיק. פרויען־ליבע האָט זיך דאָרט געוואַלגערט ווי אין אַ טעמפּל. דער הויפּט־פּריסטער האָט מיר גאָרניט פאַרוואָרט. האָב איך אַזוי לאַנג זיך געלאָזט ווילגיין ביז איך בין קראַנק געוואָרן. מיינע געשלעכטס־טיילן זיינען מיר אַזוי געשוואָלן געוואָרן, אַז איך האָב אַפילו גיין ניט געקענט. מיין פּריסטער האָט מיך לאַנג געהיילט און אויסגעהיילט.

נאָר טאָקע ער האָט מיך געוואָרנט: אַ מאַן וועסטו זיין ווי געוועזן, די מענער־פאַרגעניגנס וועלן דיר זיין צוטריטלעך, נאָר אין איין זאַך פאַרגעס, אין קינדער. אין אייגענע קינדער. קיין שום פרוי וועט פון דיר קיין מאָל ניט פאַרגיין אין טראָגן. ער איז געוועזן גערעכט דער אַלטער. צו שפּעט האָב איך זיך דערמאָנט די לערע פון מיין עלטער־זיידן וואָס פאַרוועדט זנות.

לאַנג האָבן מיר געוואַנדערט איבער די פרעמדע לענדער. ווו געלעבט אַ יאָר און צוויי, און ווו נאָך מער. דער וועג אַהיים האָט אויך געדויערט מער ווי מיר האָבן גערעכנט. די פעסטע האַנט פון מיצרים האָט שוין ניט דערגרייכט אַזוי ווייט ווי פריער. אַריבער דרייסיק יאָר זיינען מיר געוועזן אין דער פרעמד. אַ גאַנץ יאָר האָט נאָך געדויערט דאָס פונאַנדערקלייבן די געבראַכטע כתבים.

דעם הויפּט־פּריסטער האָט מען איינגעלאַדן איבערפאָרן אין די גרויסע טעמפּלען נאָר ער איז געוועזן אַלט און שוואַך, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. איך בין נאָך אַלץ געוועזן זיין עלטערער שרייבער. אונדז האָט פאַרבונדן אַ לאַנגיאָריקע פריינדשאַפט. מיט גרויס יראת־הכבוד האָב איך זיך באַצויגן צו זיין אומגעהייערן וויסן. נאָר עפּעס אין אים האָט מיר געפעלט. ער איז געוועזן קאַלט ווי אייז. דאָס גוטע האָט אים ניט געוואַרעמט, דאָס שלעכטע — ניט געעקלט. פרעמדע פרייד אוןליידן, לעבן און טויט, זיינען אים געוועזן אַלץ איינס. מען זאָגט, אַז אין די יונגע יאָרן איז ער געוועזן געלטגייציק און געזוכט כבוד, נאָר אויף דער עלטער האָט דאָס אים מער ניט גערירט. אין אים האָט געלעבט נאָר דער גרויסער ווילן — וויסן און פאַרשטיין.

ער האָט געפילט אַז עס דערנענטערט זיך זיין לעצטע שעה. האָט ער באַפוילן איינפּאַקן צוויי פולע קאַסטנס מיט כתבים, אויפגעזעצט מיך אויף אַ ספּעציעלער שיף און באַפוילן אָפּפירן די כתבים אַ מתנה פאַר די גרויסע טעמפּלען. אויפן וועג פון דאָרט אַהיים האָב איך זיך דערוווּסט וועגן דעם אויפשטאַנד אין גשן.

איבער מיר אַ הויכער, אויסגעשטערנטער הימל און אין האַרצן ביי מיר — שרעק. דער קאָפּ מיינער איז ווייס און איך האָב קיינעם ניט אויף דער וועלט אויסער מיין אין דרייען געבויגענעם דינער. איך וועל אָפּזוכן מיין

שטאָם. צי וועל איך דאָרט געפינען ווייניקסטנס איין מענטשן וואָס וועט מיך דערקענען ? ווי אַזוי וועלן זיי מיך אויפנעמען ? צי וועלן זיי מיר מוחל זיין מיין אָפּטריניקייט ?...

דעם דריטן פאַרנאַכט האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט אויף נאַכטלעגער צווישן אַ שטיינער־געוואַלגער. דער לייכטער מידבר־ווינט האָט געבראַכט פון ווייטן אַ שוואַכן געררך פון רויך. ס'איז געווען אין די פריע נאַכט־שעהען ווען מיין געהער האָט אויפגעכאַפּט אַ פאַרדעכטיקן רעש, ווי עמעצער וואָלט זיך געגנבעט צו אונדז. האָבן מיר צוגעלאָשן דאָס פייער און אָפּגעטראָטן הינטער די שטיינער. דער רעש האָט אויפגעהערט און ווידער זיך באַנייט. האָב איך גענומען מיין האָרן, דער וואָס פאַרשטאַרקט דאָס קול, און אויסגע־שריען אין דער פינצטער אַריין : „היי, מענטשן ! איך הער אייך און זע אייך. קומט זיך וואַרעמען ביי אונדזער פייער". אויסגעשריגן אויף מיצריש און איבערגעחזרט אויף מיין מוטערשפּראַך. פון דער פינצטערניש זיינען אַרויסגעטראָטן דריי ברוינע יונגען, צוויי מיט פייל־און־בויגנס, דער דריטער מיט אַ שפּיז.

— ווער זענט איר ? — האָט געפרעגט דער מיט דער שפּיז — ווהין זיינען געווענדט אייערע טריט ?

— איך בין אַ בראָנדזע־גיסער. און איך זוך דעם לאַגער פון מיינע ברידער, די בני־יעקב.

— מיר אַליין זיינען בני־יעקב — האָט דער עלטסטער געענטפערט — מיר באַוואַכן דעם לאַגער. דו רעדסט ווי אַ מיצרי און ביסט אָנגעטון ווי אַ מיצרי. צי ביסטו ניט קיין אויסשפּירער ?

— פאַר אַן אויסשפּירער, מיין זון, בין איך שוין צו אַלט. זעצט אייך צום פייער, טרינקט אונדזער וואַסער, פאַרזוכט אונדזער באַשיידענעם עסן און מאָרגן פרי וועט איר אונדז אָפּפירן אין לאַגער. די עלטסטע אייערע וועלן זיך שוין פונאַנדערקלייבן אין אונדזער אמת.

געווען זיינען די געסט, אויב ניט דאָרשטיק, איז הונגעריק געוויס. אונדזערע געטריקנטע פיש האָבן געקנאַקט אונטער זייערע ציין. דער עלט־סטער, אַ זאַטער, האָט מיר שפּעטער דערציילט ווי אַזוי זיי זיינען אַרויס פון מיצרים :

— עס האָבן אונדז אַרויסגעפירט די גרויסע נביאים, די ברידער משה און אַהרון פונעם שבט לוי. זיי זיינען גרעסער און געלערנטער פון אַלע מיצרישע חרטומים אין איינעם גענומען. דער גרויסער גאָט פון אונדזערע אָבות האָט אונדז געהאָלפן. מיר זיינען פרידלעכע מענטשן. מיר האָבן זיך אין קיינעם ניט נוקם געווען. ניט געהרגעט אַפילו קיין איין מיצרי, ווער ער זאָל ניט געווען זיין פריער. מיר האָבן ביי זיי נאָר אויסגעליען דאָס וואָס לאָזט זיך איבערטראָגן און קען אונדז נוצן אין וועג — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ כיטרע שמייכעלע — פאַרשטייט זיך, אַז זיי זיינען אונדז נאָכגעלאָפן, האָט אונדזער גאָט אונדז אַריבערגעפירט דאָס גרויסע געזאַלצענע וואַסער און פרעהן זיינע רייטוועגענער דערטרונקען אין ים. איצט גרייטן מיר זיך צו באַנייען אונדזער אַמאָליקן אָפּמאַך מיט גאָט און נאָכדעם וועלן מיר גיין קיין כנען אָפּנעמען דאָס לאַנד וואָס גאָט האָט אונדז צוגעזאָגט.

לאַנג האָט זיך געצויגן די נאַכט. די ייִנגלעך זיינען געשלאָפן. עס האָט, ווי נעכטן, געשוואַרצט דער הימל, שטערן האָבן סודותפול געפינקלט, ערגעץ ווייט האָבן געוואָיעט שאַקאַלן. די אָנגעהיצטע פאַרן טאָג פעלדזן האָבן געקנאַלט און געטראַסקעט. נאָר דאָס מאָל בין איך ניט געווען אַליין. איך בין געווען צווישן מייניקע.

ס׳איז נאָך געווען טונקל ווען מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג. די זון האָט זיך ערשט געקליבן אַרויסקריכן פון איר נעסט, ווען פאַר מיינע אויגן האָט זיך אויפגעדעקט מיט זיין גרויסער צעשפּרייטקייט דער לאַגער פון די בני־יעקב; טויזנטער און טויזנטער געצעלטן. ס׳איז געווען סוף פרילינג. די טאָלן זיינען נאָך געווען גרין און גראָזיק, דאָ און דאָרט האָט מען שוין אַרויסגעטריבן די שאָף אויף פּאַשע.

וואָס נעענטער צו דער מיט פונעם לאַגער, אַלץ ווייניקער די גרויסע געצעלטן, אַלץ מער אָרעמע, ענג צונויפגערוקטע, מיט סכך געדעקטע ביידלעך. זעלטן ווו אַ ציג אַ צוגעבונדענע צו אַ פּלאָקן. פון דער ענגעניש ציט מיט אַ געמיש פון רויך און ווייט ניט קיין פרישע ריחות.

אויף איינעם פון די בערגלעך איז באַזונדער געשטאַנען אַ ריזיק געצעלט. אייגנטלעך ניט איין געצעלט, נאָר עטלעכע צוזאַמענגערוקטע גרויסע געצעלטן. אַהין האָט מען מיך געפירט. דאָס אויסגעטראָטענע פּלאַץ פאַר

די געצעלטן האָט אָן ספק געוויזן — דאָ איז דער זאַמלפּונקט פון דער עדה.

מיר זיינען געבליבן וואַרטן צופוסנס דעם בערגל. אויפגעהויבן האָט זיך נאָר דער עלטסטער פון אונדזערע באַגלייטערס. באַלד האָט ער זיך אומגעקערט.

— קום! — האָט ער געזאָגט, און אַרייגעפירט מיך אין איינעם פון די זייטיקע געצעלטן. נאָך דעם זוניקן דרויסן איז אין געצעלט געווען טונקל. אויבן אָן, אויף אַן אויסגעשפרייטן טעפּעך זיינען געזעסן דריי. דער עלטסטער פון זיי — אַ היפּשער פעטלייביקער מאַן מיט אַ לאַנגער, גוט געפלעגטער ווייסער באָרד. פוןביידע זייטן זיינע, זעט אויס, זיינע זין.

אויפן טעפּעך, פאַר די זיצנדיקע, איז געשטאַנען אַ שיסל מיט טייטלען און אַ קריגל וואַסער. נאָר קיינער האָט זיך צו די טייטלען ניט צוגערירט. ווייל דער עלטערער מאַן האָט, מיט פאַרמאַכטע אויגן און צונויפגעלייגטע דלאָניעס, זעט אויס, געבעטן צו אַ ניט געזעענעם גאָט. באַלד האָט ער צענומען די הענט, אויסגעגלעט די שיינע ווייסע באָרד און אויפגעמאַכט אויף מיר אַ פּאָר שמייכלענדיקע, גרויסע, פול מיט חכמה אויגן. ער האָט גענומען אַ טייטל און אים צעקייט און פאַרטרונקען מיט וואַסער. די בייזיצנדיקע האָבן אים נאָכגעטון. אַ יינגל, נאָך גאָר אַ יונגס, איז אַריינגעקומען און פאַרנומען דעם אַריינגאַנג. אין געצעלט איז געוואָרן ליכטיקער.

— זיץ! — האָט דער אַלטער מיר געוויזן אַ פּלאַץ קעגן זיך. דאָרט איז געלעגן אַ געפלאָכטענע מאַטע.

— ווער ביסטו? — האָט ער געפרעגט — פון וואַנען קומסטו און צוליב וואָס?

— חגי רופט מען מיך, איך בין דער זון פון יהורם, פונעם שבט זבולון. איך קום פון מיצרים און וויל זיך אומקערן צו מיין משפחה.

— וואַרט! — האָט דער אַלטער מיך אָפּגעשטעלט — דיין עלטער־זיידן האָט מען גערופן חלון דער לאַנגער?

— מיין עלטער־זיידן האָט מען גערופן חלון. ער איז געווען זייער אַ הויכער מאַן.

און איך בין אַ בראַנדזגיסער און אַ גאָלדמייסטער. איך קען מאַכן אַלערליי שמוקזאַכן, אַלערליי שטובגעטער און אויך גרויסע פּסלים.

— נו, נו!... — די נאָך שוואַרצע ברעמען ביי דעם אַלטן האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין גלייכער שטרענגער שורה.

— אין שטובגעטער פאַרגעס! קיין פסלים דאַרפן מיר ניט. גאָט האָט זיי אונדז שטרענג פאַרווערט. נאָר בראָנדז־שווערדן, שפּיזן און פיילנקעפּלעך וועלן מיר דאַרפן. מיט אַרבעט וועסטו זיין באַזאָרגט. נאָר וואָס פאַר אַ מיצרישן צייכן טראָגסטו, דאָס איז דער צייכן פון אַ שרייבער. ווי קומט ער צו דיר?

— אַ שרייבער בין איך טאַקע, צענדליקער יאָרן בין איך געוועזן דער עלטערער שרייבער ביים מיצרישן הויפּט־פּריסטער אין טעמפּל. איך קען מאָלן און לייענען די שריפט פון די חרטומים. איך קען אויך לייענען און שרייבן די שריפט פון אונדזערע אָבות. דאָס האָט מיך נאָך מיין עלטער־זיידע געלערנט.

— אַזוי זשע זאָג! חגי, דער זון פון יהורם. — ביי די רייד האָבן די אויגן זיינע געשיינט. ער איז צוגעקומען צו מיר און מיר אויסגעשטרעקט זיין האַנט. איך בין, פאַרשטענדלעך, אויך אויפגעשטאַנען.

— גאָט אַליין האָט דיך צו אונדז אַראָפּגעשיקט. מיר דאַרפן זייער האָבן געלערנטע מענטשן וואָס קענען לייענען און שרייבן. און איך, אויב דו ווייסט נאָך ניט, בין אַהרון, דער זון פון עמרם, משהס עלטערער ברודער.

די מענטשן וואָס האָבן דיך געבראַכט וועלן דיך אָפּפירן צו די זין פון זבולון. רו זיך אויס. טו זיך איבער און קום צוריק. איך בין זיכער אַז אויך משה וועט וועלן מיט דיר רעדן. שרייבאַרבעט וועט ביי אונדז זיין איבער גענוג.

איז אָט דער מאַן, דער נביא אַהרון, ער האָט מיך אַרויסבאַגלייט פונעם געצעלט און דאָס האָט זייער געהויבן מיין ווערט אין די אויגן פון מיינע באַגלייטערס. זיי זיינען געגאַנגען שווייגנדיק אַ טריט הינטער מיר און ווען דער עלטסטער האָט געוואָלט מיך עפּעס זאָגן, האָט ער זיך קוים צוגערירט צו מיין קלייד. ער האָט מיר אַ וויַיז געטון מיט דער האַנט אויף דעם נאָענטן בערגל און געזאָגט ניט מער ווי איין וואָרט: משה. דאָרט האָט, באַרג־אַראָפּ, געשפּאַנט אַ הויכער, אין ווייסן צייג איינגעוויקלטער עלטערער מאַן. אַרום די ווייסע האָר פון זיין מעכטיקן קאָפּ, אַרום דעם טונקל־

ברויגעם פּנים, האָבן זונשטראַלן געפלאַכטן אַן אָרעאָל פון שיין. דער הויכער שטערן, די מעכטיקע נאָז מיט די ברייט צעעפנטע, ווי לעבעדיקע, נאָזלעפּעלעך האָבן צוגעגעבן דעם פּנים אַ גרייטקייט צו פליען. עפּעס איז אין דעם מענטשן געווען באַזונדערס, אַ ניט־געוויינטלעכע יום־טובדיקייט, און ביי מיר האָט אַ צאַפּל געטון דאָס האַרץ.

ניט מיר אַליין האָבן דערזען משהן. פון די נאָענטע ביידלעך, פון די ווייטע געצעלטן האָבן זיך אַ לאָז געטון מענטשן. דער עולם האָט אים אָפּגעוואָרט, געהאַלטן זיך אויף אַ געוויסן מהלך, גלייך זיי ווילן ניט שטערן זיינע געדאַנקען.

די בני־זבולון האָבן מיך אויפגענומען ווי אַן אייגענעם. גיך זיינען זיך צונויפגעקומען די עלטערע לייט פונעם שבט. אליהב בן־חלון, דער יינגסטער פון מיינע פעטערס האָט זיך, וואָס אמת, לאַנג איינגעקוקט אין מיר ביז ער האָט מיך דערקענט.

— חגי, זון מיינער! — האָט ער געזאָגט און מיך אַרומגענומען — שטעל דיין געצעלט לעבן מיינעם. אַ לאַנגע צייט האָבן מיר פון דיר ניט געהערט. מיר האָבן געמיינט — דו ביסט אומגעקומען. און ווו איז דיין משפחה, דיינע קינדער, דיינע פרויען?

— אַליין בין איך! איינער אַליין! האָב איך שטיל געענטפערט. גאָט האָט מיר קיין קינדער ניט געגעבן. און אַלע זיינען אויף לאַנג געבליבן זיצן שוויגנדיק.

אין דרויסן האָט קליינוואַרג אַרומגערינגלט מיין אַלטן קנעכט. זיי האָבן באַטראַכט די מאָדנע כּלים וואָס איך האָב מיט זיך געבראַכט. אין זייער לעבן האָבן זיי נאָך אַזוינס ניט געזען.

לאַנג רוען האָב איך ניט געוואָלט. איך בין כּלל ניט געווען מיד. און אויף מאָרגן בין איך געקומען אין דעם גרויסן געצעלט צו אַהרונען.

— מיר האָבן וועגן דיר גערעדט — האָט מיר אהרון געזאָגט — משה וועט קומען וועט ער אַליין מיט דיר שמועסן.

ער האָט מיך אָפּגעפירט אין אַ נאָענטן געצעלט. דאָרט האָבן געוואָרט אויף מיר עטלעכע ברייטמויליקע קריגלען, פול מיט אַלטע אָפּגעריבענע פּאַרמעטן.

— דאָס איז אַלץ וואָס אונדז איז געלונגען דערווייל צונויפקלייבן ביי די שבטים, זיי זיינען פאַרשיידענע און אָפּגעריבן אַזוי, אַז ניט תּמיד איז קלאָר וועגן וואָס זיי דערציילן, — האָט געזאָגט אהרון — דיין אַרבעט איז איבערשרייבן זיי אויף דאָס ניי, נאָר ניט פריער ווי דו וועסט זיי אונדז איבערלייענען. דאָ וועסטו אויך לערנען לייענען און שרייבן עטלעכע אָפּגע־קליבענע ייִנגלעך פון די שבטים, ווי אויך אַלע מיינע פיר זין. דאָ וועט איר וווינען. אַהער וועט מען אייך ברענגען עסן און טרינקען. דאָס אַלץ איז אָפּגערעדט מיט די עלטסטע פון די שבטים.

שטיל און אומבאַמערקט איז אַריינגעקומען משה. פון דער נאָענט האָט ער אויסגעזען נאָך העכער און נאָך שענער. דאָס ווייסע קלייד האָט פריי באַדעקט זיין מעכטיקע פיגור. די ניט געדיכטע, פריי פליענדיקע, ניט גע־פלעגטע באָרד האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן דעם אַלגעמיינעם שווונג פון זיין פּנים. און דאָ האָב איך זיך אָנגעשלאָגן אין זיינע אויגן. אָנגעשטויסן זיך ווי אין אַ פליסיקן פייער. פון די גרויסע לויטערע, ברוינע אויגן האָט געשטראָמט אַ באַזונדערער סודותפולער כּוח. זיי האָבן דיך צוגעצויגן און געהאַלטן פון ווייטן. זיי האָבן דיך באַהערשט. זיי האָבן דיך געזען דורך און דורך, געזען אויך ווייטער און העכער פון דיר!

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פון פריִער צוגעגרייטן שטיין. ניט דעמאָלט און ניט קיין מאָל שפּעטער האָב איך אים ניט געזען זיצן מיט די פיס אונטער זיך.

— דאָס ביסטו חגי, דער געלערנטער פון די בני־זבולון, — האָט ער געפרעגט, — זיץ און דערצייל וואָס ווייסטו און וואָס קענסטו.

איך האָב מיך אָנגענומען מיט מוט און דערציילט. נאָר קוקן אים גלייך אין די אויגן איז געווען איבער מיין כּוח. ער האָט אַפילו אַרויסגענומען און פונאַנדערגעוויקלט איינע פון די מגילות און פּשוט פאַרהערט מיך מיין לייענען און שרייבן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז משה מיט אַהרונען לייענען פליסיק ניט נאָר אונדזער שריפט נאָר אויך די מיצרישע. זיי ווייסן און קענען אַ סך מער ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט.

— רעכן זיך פאַר אונדזער סופר, — האָט משה געזאָגט. — חוץ די

אַרבעטן וואָס אַהרון האָט דיר אויסגערעכנט, און פריער פאַר אַלץ וועלן מיר מיט דיר פאַרשרייבן גאָטס הייליקע געזעצן, וואָס ער באַפעלט זיין אויסגעווײלט פאָלק־ישראל.

אַזוי אַרום בין איך געווען דער ערשטער פון די פשוטע בני־ישראל וואָס האָט געהערט די הייליקע צען געבאָטן. אמת, ניט פון גאָטס מויל, נאָר פון משהן.

אין לאַגער האָט מען זיך געגרייט איבערוואַנדערן נענטער צום באַרג חורב, דאָרט וווּ גאָט האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן פאַר משהן אין ברענענדיקן דאָרן. מען האָט זיך געגרייט צום באַנייען דעם אָפּמאַך צווישן גאָט און די בני־ישראל. מען האָט צופוסנס דעם באַרג אויפגעשטעלט אַ גרויס געצעלט און אויסגעבויט אַ מיזבח. עס האָבן זיך דאָרט צונויפגעזאַמלט ניט נאָר די זיבעציק אָנגעזעענסטע מענטשן פון די שבטים, נאָר צענדליקער טויזנטער מענטשן פונעם פאָלק, די גאַנצע עדה. און גאָט אַליין האָט געלאָזט הערן זיין קול מיט דונערן און בליצן פונעם נעפּל אַרויס, נאָכדעם האָט משה אויסגערעכנט פאַר די פאַרזאַמלטע אַלע וויכטיקסטע געטלעכע געבאָטן און דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיי מיט גרויס התלהבות אויפגענומען. מען האָט מקריב געווען די נייטיקע קרבנות, דורכגעפירט דעם גאַנצן צערעמאָניאַל פון אַן אָפּמאַך צווישן גאָט און זיין אויסדערווײלט פאָלק. דער צערעמאָניאַל האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ רייכער סעודה פאַר די חשובע לייט. די עלטסטע פון די שבטים האָבן געגעסן, געטרונקען און געפרייט זיך. נאָך דעם האָט זיך משה אויפגעהויבן אויפן באַרג, אַריין אין נעפּל און פאַרשוווּנדן.

אַליין בין איך דאָרט ניט געווען. אין יענעם טאָג איז מיר געשטאָרבן מיין איינציקער דינער. נאָר געהערט האָב איך דאָס וואָס מענטשן האָבן דערציילט.

שפּעטער, ווען אין אַ שמועס מיט אַהרונען האָב איך אים געגעבן אָנצוהערן, אַז איך האָב אין מיין לעבן ניט איין מאָל געזען אין די געצן־דינערישע טעמפּלען געדיכטע טומאַנען און געהערט געטער וואָס האָבן גערעדט מיט דונערנדיקע קולות, האָט אַהרון מיך לאַנג באַטראַכט. פון

הינטער זיינע שמייכלענדיקע אויגן האָט אויף מיר אַ בליץ געטון מיט קאַלטן, פרעמדן פייער. נאָר ער האָט זיך גיך באַהערשט.

— חגי, — האָט ער מיר געזאָגט, — פון דעם וואָס גאָט לאָזט הערן זיין קול דורך דונערן און בליצן ווערט זיין געטלעכער אמת אויף קיין האָר ניט געמינערט. עס וואָלט ניט געשאָט דו זאָלסט פאַרשטיין אַז צו יעדן דאַרף מען רעדן אויף דעם לשון וואָס איז אים מער פאַרשטענדלעך.

מער האָבן מיר זיך צו דעם געשפּרעך ניט אומגעקערט.

טעג זיינען געפלאָסן און משה האָט זיך אַלץ ניט אומגעקערט. אויף מיין פראַגע, „ווען וועט ער שוין קומען", האָט מיר אַהרון געענטפערט — „איך ווייס ניט". ביי משהן וועסטו קיין מאָל ניט וויסן ווען ער גייט און ווען ער וועט קומען. ער איז מיר שוין איין מאָל אַזוי אַוועקגעגאַנגען און זיך אומגעקערט אין צענדליקער יאָרן אַרום. אויסגעווען פאַר דער צייט אַ האַלבע וועלט. איין זאַך איז זיכער, ער וועט זיך אומבאַדינגט אומקערן.

און פאַר דעם הויפּט-געצעלט האָבן זיך יעדער טאָג גענומען זאַמלען מענטשן. זיי האָבן זיך באַקלאָגט, ווער אויף ניט גענוג וואַסער, ווער אויף דעם קאַרגן עסן, ווער אויף אַלץ מיט אַלעמען.

— ווו איז אונדזער גאָט ? — האָבן זיי געפרעגט — ווו איז דער גאָט וואָס האָט אונדז אַרויסגעפירט פון מיצרים ? מיר ווילן אים זען ! מיר וועלן אים ברענגען קרבנות, מיר וועלן ביי אים בעטן ער זאָל אונדז העלפן.

פון טאָג צו טאָג איז דער עולם געוואַקסן, זיינע פאָדערונגען זיינען געוואָרן וואָס אַ מאָל שטאַרקער. די מענטשן האָבן אויפגעהערט פאָלגן זייערע עלטסטע. זיי האָבן אַרומגערינגלט אַהרונען:

— משה איז ניטאָ ! — האָבן זיי געשריגן, — גיב אונדז אַ גאָט !

האָט אַהרון מיך אַרויסגערופן און מיר געזאָגט: אָט האָסטו זייער צירונג, זייער גאָלד, מאַך זיי אַ גאָלדענעם געטש !

— אַ געטש ? ! — האָב איך איבערגעפרעגט — און וואָס וועט דערויף זאָגן גאָט ? וואָס וועט זאָגן משה ווען ער וועט זיך אומקערן ? !...

— פאַרשטיי, — האָט מיך אַהרון אויפגעקלערט. — משה איז דערווייל ניטאָ. מיר, איך און משה ווילן, מיט גאָטס הילף, מאַכן פון אָט דעם ערב-רב אַ פאָלק. אַ פאָלק וואָס זאָל דינען דעם איינציקן, דעם אמתן גאָט און לעבן

לויט זיינע גערעכטע געזעצן. נאָר ווי דו זעסט אַליין, לעבן די מענטשן דערוויַיל זייער שווער. אויב מיר וועלן ניט באַווייזן אויפהאַלטן זיי אַלע צוזאַמען ביז משה וועט זיך אומקערן, וועט די נויט זיי צעשפּרייטן איבער דעם מידבר. זיי וועלן געפינען קלענערע און גאָר קליינע אָאַזיסן וווּ עס וועט קלעקן וואַסער און שפּייז אַפילו ניט פאַר קיין גאַנצן שבט נאָר פאַר איין משפחה. זיי וועלן פאַרגעסן אַז זיי זיינען איין פאָלק. זיי וועלן אומקומען אָדער זיך אויסמישן מיט די געצן־דינערס און עס וועט זיין אַ סוף צו אונדזער האָפענונג, צו אונדזער פאָלק, צו אונדזער גלויבן. זיי האָבן ניט איין מאָל געדינט פאַרשיידענע געטשן, וועלן זיי דינען נאָך אַ מאָל. וויכטיק איז, מיר זאָלן זיי האַלטן אַלע צוזאַמען ביז משה וועט זיך אומקערן.

דעם גאָלדענעם קאַלב האָב איך צונויפגעשטוקעוועט פון האָלץ און אים באַדעקט מיט אַ דינער שיכט גאָלד.

— נאָט אייך, ווילדע מענטשן, אַ גאָט, — ווי איר פאַרדינט!

מען האָט אויפגעשטעלט אַ מיזבח. אהרון אַליין האָט געמוזט מקריב זיין די קרבנות. און עס האָט זיך אָנגעהויבן די הילולא. דריי טעג און דריי נעכט האָט מען געפרעסן, געטאַנצט, געשיכורט און געוואַלגערט זיך אין זנות. פאַר דער צייט האָט אהרון אָפּגעקליבן פון זיינע געטרייע לויים אַ מחנה גוט באַוואָפנטע וועכטערס. קיינער האָט ניט געקענט פאַרזען מיט וואָס די וואַקכאַנאַליע קען זיך ענדיקן.

ווען משה האָט זיך אומגעקערט האָט ער נאָך געטראָפן די אָרגיע אין ברען. פאַר כּעס האָט ער אַ וואָרף געטון און צעבראָכן די געבראַכטע לוחות.

די צוגעגרייטע לויים האָבן גיך ליקווידירט די שיכּורע שימחה. ס'איז פאַרגאָסן געוואָרן ניט ווייניק בלוט און אין דער מחנה איז געוואָרן שאַ, שטיל. דעם גאָלדענעם קאַלב האָט מען פאַרברענט. דאָס אַש צעזייט מיטן ווינט. מיך האָבן די לויים ניט געטשעפּעט. אהרון האָט מיך פאַרטיידיקט. נאָר משה האָט נאָך אַ לאַנגע צייט מיר ניט געקענט מוחל זיין מיין טאָט.

נאָך דער געשיכטע מיט דעם גאָלדענעם קאַלב איז סיי משהן און סיי אַהרונען קלאָר געוואָרן די נויטווענדיקייט פון שאַפן אַ זעיקע הייליקייט וואָס זאָל פאַראייניקן אַרום זיך דאָס גאַנצע פאָלק. צי האָט גאָט אַריינגעגעבן משהן דעם ווונדערלעכן געדאַנק אָדער משה אַליין האָט זיך צו אים דער־

טראַכט: אויפשטעלן אַ באַוועגלעכן טעמפּל, אַ משכּן אין וועלכן עס זאָלן זיך אָפּהיטן אין אַ גאָלדענעם אָרון די פון דאָס ניי געמאַכטע לוחות־הברית. ביי דעם משכּן אויפשטעלן אַ באַוועגלעכן מיזבח אויף וועלכן אהרון און זיינע זין זאָלן ברענגען די קרבנות און גאָטס הייליקער, אומזעיקער גייסט וועט שוועבן איבער זיין באַוועגלעכן הויז, דעם הייליקן משכּן.

אויף דעם נייעם געטלעכן באַפעל האָט דאָס פאָלק זיך אָפּגערופן מיט גרויס התלהבות. זאָגט אייך וואָס איר ווילט; מענטשן פילן זיך זיכערער ווען גאָט איז ממש צווישן זיי. אין אַ קורצער צייט האָט מען צונויפגעזאַמלט: גאָלד זילבער, קופּער און אַלע אַנדערע נייטיקע מאַטעריאַלן אַ סך מער פון דעם וואָס עס האָט זיך געפאָדערט. און געפאָדערט האָט זיך ניט ווייניק. עס האָבן זיך אָפּגעזוכט גאָלד־און קופּער־שמעלצערס, בוימייסטערס און וועבערינס. דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך אַ וואָרף געטון מיט גרויס ענטוזיאַזם בויען זיין באַוועגלעכע הייליקייט.

אויף מיך האָט די אַרבעט מיטגעריסן. פון אַלע אַרבעטן האָט מיך געלאָקט נאָר איינע: די פון גאָלד געגאָסענע דעק פון דעם אָרון מיט זיינע צוויי גאָלדענע כּרובים, אויף אויסגיסן מאַסיווע פיגורן בין איך געווען דער איינציקער פאַכמאַן און ס'איז מיר ניט שווער געווען צו פועלן צו ערשט ביי בצלאל בן־אורי, דעם הויפּט־אָנפירער פון דער בויונג, און נאָכדעם ביי אַהרונען, מען זאָל מיר געטרויען דעם טייל פון דער הייליקער אַרבעט.

גאַנצע נעכט בין איך ניט געשלאָפן. איך האָב געזען פאַר מיינע אויגן די כּרובים מיט די אויפגעהויבענע פליגל, ווי זיי קוקן איינער צום אַנדערן. אין זיי האָב איך באַשלאָסן פאַראייביקן, פאַר אַלע דורות, משהס פּנים. דער רעכטער כּרוב זאָל אויסדריקן די הייליקע גוטסקייט און דער לינקער — זיין אייזערנעם, ווייטזעענדיקן ווילן. מיין גאַנצן וויסן, ווי אַ טראָפּן דער־פינדערישקייט, האָב איך אַריינגעלייגט אין דער אַרבעט. מיר, דעם אַלטן, אין די מידבר־באַדינגונגען, איז עס אָנגעקומען זייער שווער. נאָר די אַרבעט איז מיר געלונגען. פון ביידע גאָלדענע כּרובים האָט אויף מיר געקוקט משהס דערהויבן פּנים, אַזאַ פאַרשיידנס און אַזאַ איינציקס.

די פּאַרטיקע אַרבעט האָבן ביי מיר אָפּגענומען בצלאל בן־חורי און

אַליין אַהרון. בצלאלן זיינען די כּרובים געפעלן. זיי זיינען, ווי ברידער, ענלעך צו אונדזער משהן, האָט ער געזאָגט. „צו וועמען דען זאָלן זיי ענלעך זיין, אויב ניט צו אונדזער גרויסן נביא״ — האָב איך אים געענטפערט. אַהרון האָט ניט אַזוי באַטראַכט די כּרובים ווי מיך אַליין. גלייך ער זעט מיך דאָס ערשטע מאָל אין לעבן. מיט עפּעס וואָס איז ער, קענטלעך, ניט געווען צופרידן, נאָר געזאָגט האָט ער גאָרנישט.

און איך, אַן אויסגעמוטשעטער, אַ טויט מידער, בין נאָך קיין מאָל אין מיין לעבן ניט געווען אַזוי גליקלעך. די כּרובים מיינע האָבן געלעבט. איך האָב אין זיי אַריינגעלייגט מיין גאַנצע נשמה, מיין שטרעבונג צו שיינקייט, ווי אַן אויסדרוק פון העכערן גייסט. איך האָב זיך געפילט ווי אַ קריגס־פירער וואָס האָט נאָר וואָס געוווּנען אַ שווערע שלאַכט. אַזוי האָבן זיך מן־הסתם געפילט די בויערס פון די גרויסע פּיראַמידן ווען זיי האָבן געענדיקט זייער אַרבעט. אַזוי גליקלעך האָט זיך, קען זיין, געפילט גאָט אַליין, ערב שבת, ווען ער האָט פאַרענדיקט באַשאַפן די וועלט.

און עס איז געקומען די געגאַרטע שעה. דער משכּן איז שוין אויפגע־שטעלט. די לוחות־הברית ליגן שוין אין אָרון. דער אָרון שטייט שוין אויף זיין אָרט אין דעם אינערלעכן געצעלט, אין דעם קדיש־הקדשים. ביי דער אָנווּוזנקייט פונעם גאַנצן פאָלק גייט די באַנייונג פונעם משכּן. אַהרון און זיינע זין, אויסגעפּוצטע אין די נייע פּראַכטפולע דינסטקליידער, ברענגען די ערשטע קרבּנות, און גאָטס אומזעיקער גייסט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דעם קדשי־קדשים. ערשט דאָ איז צו מיר דערגאַנגען, אַז די בעסטע שאַפונג פון מיין לעבן, די גאָלדענע כּרובים, זיינען פון היינט אָן הייליק. איך קען זיך טאַקע פרייען וואָס איבער זיי שוועבט גאָטס גייסט, נאָר זען וועל איך זיי מער קיין מאָל ניט. ניט איך און ניט קיינער פונעם פּשוטן פאָלק. און עס האָט מיר פאַרקלעמט דאָס האַרץ, גלייך מען האָט ביי מיר צוגענומען מיינע אייגענע קינדער, וואָס איך האָב קיין מאָל ניט געהאַט. עס האָט מיר דערמאָנט די געשיכטע מיט אונדזער אורפאָטער אַברהם, ביי וועמען גאָט האָט געפאָדערט זיין איינציקן זון פאַר אַ קרבּן. יצחקן האָט מען פאָרט ניט מקריב געווען. נאָר מיין שאַפונג האָט גאָט גענומען צו זיך פאַר אַ קרבּן.

עס האָבן געמוזט אַוועקגיין יאָרן און יאָרן... ביז איך האָב אָפּגעשאַצט

די ווערט פונעם וואָרט און די מעגלעכקייט פון שאַפן מיט ווערטער אייביקע ווערטן. און געפינען אין דעם מיין טרייסט.

ווי נאָר די צערעמאָניע פון באַנייען דעם משכן האָט זיך פאַרענדיקט, איז מיט דער גאַנצער שאַרפקייט אויפגעשטאַנען די וויכטיקע פראַגע: ווען וועט מען שוין פאַרלאָזן דעם מידבר? ווען וועט מען זיך לאָזן אין וועג און אָפּנעמען דאָס לאַנד וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט זיין פאָלק? מעגלעך, עמעצער פונעם פאָלק האָט געגלייבט און געהאָפט אויף נסים. געדעכנט אַז גאָט אַליין וועט פירן פאַר זיי די שווערע מלחמה פון איינעמען כנען. נאָר משה איז געווען צו פּראַקטיש אויף צו פאַרלאָזן זיך אויף הוילע נסים. האָט ער באַשלאָסן אַרויסשיקן אַ גרופּע אויסשפּירערס וואָס זאָלן אָפּשאַצן די גרייס און די פעסטקייט פון די שטעט וואָס עס שטייט פאַר איינעמען, די קאָמפּעטיקייט פון די איינוווינערס, ווי אויך די רייכקייט פון דעם צוגע־זאָגטן לאַנד. אויף צו געבן דער גרופּע אַ באַזונדערן אויטאָריטעט האָט ער אין איר איינגעשלאָסן פאָרשטייערס פון יעדער שבט. און אויף אָנפירן מיט דער גרופּע האָט ער געשיקט זיין יונגן געהילף, זיין רעכטע האַנט, יהושע בן־נון.

פערציק טעג און פערציק נעכט האָט דאָס פאָלק אָנגעשטרענגט געוואַרט אויפן אומקער פון די אויסשפּירערס. צו הערן די רעזולטאַטן פונעם אויס־שפּיר זיינען זיך צונויפגעלאָפן קינד־און־קייט, דאָס גאַנצע פאָלק פון אַלע עקן לאַגער.

— רייך און פעט איז דאָס לאַנד. אַ לאַנד פון מילך און האָניק! — האָבן די שליחים דערציילט. — נאָר גרויס און שטאַרק און קריגעריש זיינען די פעלקער וואָס וווינען דאָרט. פעסט און ניט צוטריטלעך זיינען די מויערן פון זייערע שטעט. מעכטיק זיינען זייערע געטער. זיי זיינען ניט צום באַ־זיגן. ניט צום באַהערשן! אַזוי האָט געטענהט די מערהייט פון די שליחים. און טרויער און פאַרצווייפלונג האָט באַהערשט דעם פאַרזאַמלטן עולם. די גאַנצע אומצופרידנקייט וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט פאַר דער צייט, האָט זיך אַרויסגעריסן אויף דער פריי, געשטאַרקט זיך און געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. אַ פאַרצווייפלונג־היסטעריע האָט אַרומגעכאַפּט אַלעמען. פרויען

האָבן געוויינט, געריסן זיך די האָר פונעם קאָפּ, מענער האָבן געקריצט מיט די ציין, געשריגן אויף משהן מיט אַהרונען:

— צוליב וואָס האָט איר אונדז פאַרשלעפּט אַהער? ווו איז דאָס לאַנד וואָס איר האָט אונדז צוגעזאָגט? ווו איז גאָט? מיר ווילן ניט, אונדזערע פרויען און קינדער זאָלן אומקומען! מיר ווילן ניט, אונדזערע ביינער זאָלן זיך וואַלגערן אין זאַמד! מיר׳ן אויסקלייבן אַ נייעם פירער און זיך אומקערן קיין מיצרים!

אומזיסט האָבן צוויי פון די שליחים, כּלב בן־יפונה און יהושע בן־נון, געפּרוּווט איבערצייגן דעם עולם אַז דער שׂונא איז ווייט ניט אַזוי שטאַרק ווי מען מאָלט אים און מיט גאָטס הילף קען מען אים, און מען וועט אים באַזיגן. דער עולם האָט זיי הערן ניט געוואָלט. אין היסטערישער פאַרצווייפלונג האָט מען זיי שיער ניט פאַרשטיינט צום טויט. משה מיט אַהרונען האָבן זיך פאַרלוירן. זיי האָבן הילפלאָז געקוקט אויף דער מאַסן־היסטעריע און ניט געוווּסט וואָס צו טון.

אין יענער גורלדיקער נאַכט איז קיינער ניט געגאַנגען שלאָפן. מען האָט צעלייגט פייערן און אַ גאַנצע נאַכט געזוכט אַ וועג, וואָס צו טון. אַלע האָבן געפילט אַז ווייטער קען אַזוי ניט גיין.

ביסלעכוויז האָט די היסטעריע זיך אויסגעלאָשן. דער אומקער צו דער מיצרישער קנעכטשאַפט האָט מער קיינעם ניט געלאָקט. אַהרון איז ערגעץ פאַרשוווּנדן, נאָר משה איז די גאַנצע נאַכט אָפּגעזעסן ווי פאַרשטיינט, איינער אַליין אויף אַ שטיין, ניט ווייט פון מיין געצעלט.

ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן טאָגן האָט גאָטס גייסט, אין פייער און אין פלאַמען, זיך באַוויזן איבערן משכּן. אַהרון האָט זיך אומגעקערט. דער מידער עולם האָט געוואַרט. און אין משהן האָט אויפגעוואַכט דער פלאַמענדיקער נביא. ניט פריער און ניט שפּעטער האָב איך אַזאַ ביטערע, אַזאַ פלאַמענדיקע רעדע פון אים ניט געהערט.

— ניין! — האָט ער געמאָלדן, — ניט אייך, ווייכהאַרציקע פּחדנים, ניט אייך וועט גאָט פירן באַפרייען דאָס לאַנד פון אונדזערע אָבות!

איר אַלע דאָ, איר וועט אויסשטאַרבן אין דעם מידבר. עס וועט אויפשטיין אַ נייער דור, אַ שטאָלצער און אַ העלדישער, אַ גרייטער צום קאַמף. און זיי

וועט גאָט פירן פון זיג צו זיג! זיי וועט ער געבן דאָס צוגעזאָגט לאַנד! פערציק טעג האָט געדויערט די פאַלשע שליחות און פערציק יאָר וועט איר פאַרבלייבן מיט מיר אין מידבר, ביז דער לעצטער פון אייך וועט פאַר־מאַכן די אויגן! אַזוי זאָגט גאָט!...

איך האָב אויך פריִער געוווּסט ווי ניט אויסגעהאַלטן עס איז די מענטשלע־כע מענגע. ווי לייכט עס בייט זיך איר שטימונג, ווי גרינג זי קען איבערגיין פון איין היסטעריע צו אַ צווייטער. אַ קרענקלעכער קאַמפּסגייסט האָט אָנגעצונדן די גאַנצע עדה. די זעלבע פרויען וואָס האָבן נעכטן געריסן אויף זיך די האָר, זיינען איצט געקראָכן אויף די קני און געבעטן גאָט זאָל זיי מוחל זיין. די מענער האָבן זיך אַ וואָרף געטון נאָכן געווער. זיי האָבן זיך געריסן אין קאַמף. אומזיסט האָט משה געוואָרנט:

— פּרווט ניט! גאָט איז ניט מיט אייך!

קיינער האָט אים הערן ניט געוואָלט. אַ גרויסע, נאָר שלעכט אָרגאַני־זירטע מאַסע האָט זיך געלאָזט באַרג־אַרויף צו דעם לאַנד פון די כנענים.

דער מישכּן איז געבליבן אויפן אָרט. משה מיט אהרונען האָבן דעם אַרויסטריט ניט אונטערגעהאַלטן, און ווי עס איז געווען פאַרצוזען, איז דער קאַמף דורכגעפאַלן. ער האָט געקאָסט ניט ווייניק בלוט. די עדה, ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה, האָט זיך צוריקגעצויגן צו פאַרלעקן די באַקומענע ווונדן און אין לאַגער האָט, אויף אַ צייט, זיך איינגעשטעלט אַן אָנגעשטרענגטע שטילקייט.

אויך פאַר דעם אויפשטעלן פונעם משכּן זיינען אין דער עדה געווען ניט ווייניק רייבונגען. נאָר קענענדיק דעם מידבר מיט זיינע באַזונדערקייטן, האָט זיך משהן, מער אָדער ווייניקער, איינגעגעבן באַרויִקן דעם עולם. ער האָט געפונען וואַסער דאָרט ווו עס האָט זיך געדאַכט, אַז קיין וואַסער איז ניטאָ. וויסנדיק די צייט פונעם פייגל־וואַנדערן האָט ער געקענט פאַרזאָגן דער עדה נויטבאַדאַרפטיקע, אַז אין גיכן וועט זיי גאָט באַשערן פלייש. און ווען אַ טייל פון די מענטשן האָבן זיך איבערגעגעסן מיט דעם פויגלפלייש און געשטאָרבן, איז דאָך אַלעמען קלאָר געווען: דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט פאַר זייער זשעדנעקייט און ניט־גלייבן.

נאָך דעם ניט־געלונגענעם אַרויסשיק פון די אויסשפּירערס, נאָך דעם

ביטערן דורכפאַל פונעם ערשטן פּרווו זיך דורכצורייסן קיין כּנען, ווען אין דער פּערספּעקטיוו זיינען געווען לאַנגע יאָרן פון וואַנדערן אין מידבר, האָט אין די הענט פון אַהרונען און זיינע זין זיך אָנגעהויבן קאָנצענטרירן אַ גרויסע מאַכט, אין אוצר פון דעם משכּן זיינען געוואַקסן די גאָלדרעזערוון. די אַלייניקע רעכט אויף מקריב זיין קרבּנות האָט, חוץ כּבוד, גאַראַנטירט די כּוהנים אַ זאַט און פעט לעבן, זענען אויפגעקומען און אָנגעוואַקסן אומצופרידנקייטן פון אַן אַנדערן כאַראַקטער. ס'איז אַוועק אַ קאַמף פאַר דער מאַכט.

טייל פון די לויים, די בני־קהת, אונטער דער אָנפירונג פון קרח בן־יצהר האָבן געפאָדערט פאַר זיך די זעלבע רעכט אויף דער כּהונה ווי די בני־אהרון. די פראַגע האָט מען איבערגעליפערט אין גאָטס הענט. די בני־קהת האָבן דורכגעפירט אַ פּראָבעדינסט אין משכּן; יעדער פון די פּרעטענדענטן האָט אָנגעצונדן פאַרן מיזבח אַ קופּערנע פאַן מיט קטורת. שווער צו זאָגן פון וואָס פאַר אַ קריטעכצער ס'איז באַשטאַנען די קטורת אויף זייערע פאַנען. אַ פאַקט, אַז גאָט האָט זייער קרבּן ניט אָנגענומען און דאָס האָט אומגעבראַכט אַלע קרבּן־ברענגערס.

אַן ערנסטן בונט האָט אויפגעהויבן אַ גרופּע פון די בני־ראובן, דער בכור פון די בני־יעקב. אין שפּיץ פונעם בונט זיינען געשטאַנען דתן און אַבירם, די זין פון אליהב. אָנגעזעענע מענטשן פון דער עדה.

"ווער זיינען זיי, משה מיט אַהרונען, וואָס מיר זאָלן זיך לאָזן פירן פון זיי? קלאָר, אַז גאָט האָט זיך פון זיי אָפּגעקערט. דורך זיי זיינען מיר געבליבן שטעקן דאָ אין מידבר און זיי האָבן נאָך די העזה ווייטער הערשן איבער אונדז".

"אונדזער שטאַם איז ניט ווייניקער חשוב ביי גאָט ווי זייערער. מיר ווילן זיי מער ניט קענען". — אַרום די מורדים האָבן זיך אָנגעהויבן קלייבן אויך אַנדערע ניט־צופרידענע.

קומען צו משהן האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט. איז משה אין שפּיץ פון די זקני־ישראל אַוועק צו זיי. געפּרווט זיי איבערצייגן אַז אַלץ וואָס עס ווערט געטון איז לויט דעם באַפעל פון גאָט און פאַר דעם אַלגעמיינעם וווילזיין פון פאָלק. נאָר די מורדים האָבן אים אַפילו הערן ניט געוואָלט. האָט ער, אין איינעם מיט די זקני־ישראל באַשלאָסן די בונטאָווטשיקעס איזאָלירן

און איבעררייסן מיט זיי יעדן קאָנטאַקט. די גרופּע אויפשטענדלערס האָט זיך קאָנצענטרירט צופוסנס פון אַ ניט הויכן באַרג. ס׳איז געווען נאָך די שטאַרקע ווינטער־רעגנס, ווען פלוצעם האָט דער באַרג, אונטער וועלכן ס׳איז געווען זייער לאַגער, זיך געריסן פונעם אָרט. אַ גרויסע מאַסע שטיינער און ערד האָט מיט אַ מוראַדיקער שנעלקייט זיך אַראָפּגעגליטשט אין טאָל, פאַרשאָטן און אומגעבראַכט די מורדים. ענלעכע אַראָפּגליטשונגען זענען באַשריבן אין אַלטע אַקאַדישע שריפטן. מיין מיצרישער פּריסטער האָט גערעכנט אַז אַזוינע דערשיינונגען זיינען אַ רעזולטאַט פון די גרויסע רעגנס וואָס האָבן צעווייקט אַן איבערלעכן ווייכן גרונטשיכט און אַרויסגערופן דעם קאַטאַסטראָפאַלן שטיינערפאַל. מעגלעך, אַז אויך אַהרון האָט געהערט אָדער געוווסט פון אַזוינע געשעענישן. נאָר דער פאַקט וואָס דאָס איז געשען אַקוראַט צו דער צייט און געטראָפן אויסשליסלעך די מורדים האָט געמוזט באַטראַכט ווערן נאָר ווי אַ שטראָף פון גאָט.

דער געפערלעכער בונט איז פון זיך אַליין ליקווידירט געוואָרן. דער אויטאָריטעט פון משהן מיט אַהרונען האָט זיך פאַרשטאַרקט. נאָר דער עצם פאַקט וואָס אַזאַ בונט האָט געקענט געשען, האָט שטאַרק צערודערט משהן. ער האָט במשך אַלע זיינע יאָרן קיין מאָל ניט פאַרגעסן די עוולה וואָס דאָס אייגענע פאָלק איז גרייט געווען אים אָפּטון.

ביסלעכווייז האָט דאָס לעבן זיך נאָרמאַליזירט. די שבטים, צעשפּרייטע אויף גרויסע שטחים אַרום דעם צענטראַלן לאַגער, האָבן זיך איינגעלעבט אין די מידבר־באַדינגונגען. אויסגעלערנט זיך אויסנוצן ווי עס געהער צו זיין די אָרעמע מידבר־רעסורסן. דאָ און דאָרט האָבן זיי זיך אַפילו פאַרנומען מיט איינמאַליקן תבואה־פאַרזיי אויף קליינע שטחים. נאָר אויף קיין איין טאָג האָבן זיי ניט פאַרגעסן, — און משה מיט אַהרונען האָבן זיי ניט געלאָזט פאַרגעסן — אַז אין מידבר זיינען זיי צייטווייליק, ווי אַ שטראָף פון גאָט, און מען דאַרף זיין גרייט, ווען די צייט פון שטראָף וועט זיך ענדיקן, גיין און אָפּנעמען דאָס לאַנד פון די אָבות. דעם יונגן דור האָט מען דערצויגן און געגרייט צו די קומענדיקע שלאַכטן.

און די יאָרן זיינען געפלאָסן. מיט דער טאָג־טעגלעכער אָנפירערשאַפט האָבן זיך מערסטנס פאַרנומען די זקני־ישראל, די עלטסטע פון די שבטים.

צו משהן האָט מען זיך געוואָנדן נאָר אין באַזונדערע פאַלן. און משה האָט געהאַט אַ סך מער פרייע צייט. זיין טאָג האָט זיך אָנגעהויבן פאַרן זונאויפגאַנג מיט אַ לאַנגן אַליניקן שפּאַציר אויסער דעם לאַגער. פאַרגעזעצט האָט ער דעם שפּאַציר אין לאַגער, גרייט זיך אָפּשטעלן און שמועסן מיט יעדן ווער עס האָט זיך צו אים געוואָנדן. גערוט האָט ער נאָר אין די גאָר הייסע שעהען פונעם טאָג. ווי נאָר ער האָט זיך באַפרייט פון די לויפנדיקע זאָרגן האָט ער מיך געשיקט רופן. מיין געצעלט איז געשטאַנען ניט ווייט פון זיינעם און שעהען לאַנג פלעגט ער מיר דיקטירן די נייע, די געטלעכע געזעצן, קירצן און שלייפן זיי. דיקטירן זיי אַזוי ווי ער האָט פאַרטראַכט, אָן אַ באַזונדערער אָרדענונג, אָפט מאָל מיט איבערחזרונגען. אַזוי זיינען זיי אויך פאַרשריבן געוואָרן. ער האָט זיך באַמיט אַרומכאַפּן מיט זיי ניט נאָר דאָס לעבן פון אַ וואַנדערפאָלק נאָר אויך, מיט אַ קוק אויף דער צוקונפט, פון אַ פאָלק וואָס וועט זיך פאַרנעמען מיט ערדאַרבעט. די געזעצן האָבן באַוואָרנט גלייכע רעכט פאַר אָרעם און רייך, פאַר יתומים און אַלמנות, פאַר די פרעמדע, די גרים. און אויב אַפילו זיי זיינען ניט תמיד געווען אין גאַנצן ניי, זיי האָבן אָפט נאָר פאַרפעסטיקט די אַלגעמיין באַקענטע מינהגים פון די שמישע פעלקער, זיינען זיי, די נייע, די געטלעכע געזעצן, געווען מענטשלעכער, יושרדיקער און בעסער פון אַלע מיר באַקענטע כשדישע, חיטישע און אַנדערע אַמאָליקע געזעצן.

און מיר איז משה טייערער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. עס האָבן מיך מער ניט געשראָקן זיינע גרויסע אויגן, פאַר מיר האָבן זיי געשיינט מיט העכערן פאַרשטאַנד. גאָט, איינציקער! האָב איך געטראַכט, ווי פאַרשיידן, ווי ניט ענלעך, ווי העכער ער איז פון מיין געוועזענעם לערער, דעם פריסטער, דעם קאַלטן געלערנטן, דעם מיצרי!

אָפט פלעגט צו אונדז אין געצעלט אַריינקומען אויך אַהרון. צייט דעם טראַגישן אומקום פון זיינע עלטערע זין האָט ער זיך שטאַרק געעלטערט. עס איז אים שווער געוואָרן צו אָטעמען. די פּראַקטישע כּוהנים־דינסט אין מישכּן האָט פאַר אים אויסגעפילט זיין זון אלעזר. איתמר, דער איינציקער פון זיינע קינדער וואָס האָט זיך גרינטלעך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן, האָט שוין אַליין געלערנט מיט זיינע און אלעזרס קינדער. ער האָט אויפגעשטעלט

אַ באַזונדערע גרופּע סופרים, פון מיינע שילערס, וועמענס ראָלע איז געווען באַשרייבן די לויפנדיקע געשעענישן אין לאַגער. ער האָט אויסגעאַרבעט און פאַרשריבן דעם ריטואַל פונעם מישכּן־דינסט; ווען, ווער און ווי אַזוי מען דאַרף ברענגען די קרבנות. וועלכע טיילן פון זיי דאַרפן פאַרברענט ווערן אויפן מיזבח, און וועלכע געהערן די כּוהנים.

ווען ניט ווען פלעגט ער די פאַרשריבענע כּללים ברענגען און פאָרלייענען זיי משהן. איך האָב ניט באַמערקט משה זאָל זיך געווען מיט זיי באַזונדערס אינטערעסירן. מיך האָבן זיי אַוודאי ניט אינטערעסירט.

אין די שפּעטע אָוונט־שעהען פלעגן מיר אָפט זיצן און גלאַט שמועסן. אונטער דער וואַקסנדיקער פריינדשאַפט און אפשר אונטער דער ווירקונג פון דער עלטער. עלטערע מענטשן, מעגן זיי זיין אַפילו די גרעסטע נביאים, האָבן ליב דערמאָנען די פאַרגאַנגענהייט. האָט משה אָפט דערציילט און מיר, איך און יהושע בן־נון, האָבן געשלונגען זיינע רייד. ער האָט אָפּגעלייקנט די געשיכטע וואָס איז אומגעגאַנגען אין לאַגער, אַז זעענדוק איין מאָל ווי אַ מיצרישער אויפזעער האָט געשלאָגן אַ קנעכט פון די בני־ישראל האָט ער דעם מיצרי געהרגעט.

— איך האָב אין מיין לעבן קיין מאָל קיינעם ניט געהרגעט. אויף דעם מיצרי האָב איך נאָר שאַרף אַ קוק געטון, איז ער אומגעפאַלן ווי טויט. שפּעטער איז ער געקומען צו זיך. נאָר די אַרבעטנדיקע זיינען שוין דערביי ניט געווען. דעמאָלט האָב איך ערשט דערפילט דעם כּוח וואָס גאָט האָט אַריינגעגעבן אין מיינע אויגן. און אַז שפּעטער האָבן מיר די אייגענע ברידער, פאַר וועלכע איך האָב זיך אָנגענומען, פאָרגעוואָרפן אַז איך האָב אומגעבראַכט אַ מיצרי, האָב איך פאַרשטאַנען ווי ניט פּשוט און ניט גרינג עס וועט זיין זיי צו באַפרייען. מיר האָבן וועגן דעם גערעדט, און ניט איין מאָל גערעדט מיט אַהרונען. אין מיר איז רייף געוואָרן דער ווילן זיך לאָזן אין דער ווייטער וועלט. פאַרשטיין און זוכן דעם וועג ווי אַזוי צו באַפרייען די ברידער אונדזערע ניט נאָר פון פּרעהס קנעכטשאַפט, נאָר פריער פאַר אַלץ — פון דעם קנעכטישן גייסט וואָס זידט אין זיי אַליין. איך דאַרף דיך, חגי, ניט דערציילן מיט וואָס עס האָט מיך באַגעגנט די גרויסע וועלט. דו קענסט זי אַליין. דו האָסט ניט

ווייניקער פון מיר געזען די שלעכטקייט, די ווילדע אומגערעכטיקייט וואָס הערשט אומעטום...

— פון וואָס איך האָב געלעבט? איך האָב געהיילט און געטרייסט קראַנקע מיט דער הילף וואָס גאָט האָט אַריינגעגעבן אין מיינע אויגן. איך האָב געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד. זיך באַקענט מיט אַלערליי גלויבנס. מיט אַלערליי פריסטערס און געטשן. געשווומען צו די ווייטע ים־אינדזלען, געזען ווי עס לעבן און שטאַרבן שקלאַפן, ווי אומגליקלעכע מענטשן פאַרברע־נען די אייגענע קינדער צום מולך, ווי זיי קומען אום פון אומאויפהערלעכע מלחמות און רויבערייען, פון שיכּרות און זנות, געזען דעם גלאַנץ פון די הערשערס און די פאַלשקייט פון די פריסטערס. איך האָב אומעטום געזוכט גערעכטיקייט און ניט געפונען און עס האָט זיך אין מיר געשטאַרקט דער גלייבן אין אונדזער איינציקן אַלמעכטיקן און גערעכטן גאָט. נאָך לאַנגע יאָרן, ווען עס איז מיר נימאָס געוואָרן דאָס וואַנדערן, האָב איך מיך אומגע־קערט אין מידבר. דאָ, צווישן די פּשוטע פאַסטעכער, די מדינים, האָב איך געטראָפן מער גערעכטיקייט, מער געטרייקייט פון מענטש צו מענטש. נאָר אויך דאָ זיינען די גוטע באַציונגען ניט געגאַנגען ווייטער פון דעם אייגענעם שבט. ווייטער איז אַלץ געווען הפקר: הפקר דער מענטש, הפקר זיין פאַרמעגן, הפקר דאָס לעבן. דאָ האָב איך פאַרשטאַנען אַז נאָר גאָט, אונדזער גאָט, וואָס איז געווען פון תּמיד אָן, איז דאָ אין אונדז און וועט אייביק זיין, דער וואָס האָט באַשאַפן די וועלט און פירט מיט איר אָן לויט זיינע אייביקע גערעכטע געזעצן, נאָר ער קען און וועט ראַטעווען אונדזער פאָלק. ער, וואָס אַלע מענטשן זיינען זיינע קינדער. ער, דער אומזעבאַרער! ער וועט אונדז באַפרייען פון קנעכטשאַפט. ער וועט באַפרייען אויך אַלע באַליידיקטע און אונטערדריקטע. ער וועט באַפרייען די גאַנצע וועלט פון איר ווילדקייט און שלעכטקייט, ער וועט איינשטעלן זיינע גערעכטע געזעצן. נאָר דורך פאָלגן זיינע געזעצן וועט קומען שלום און גליק אויף דער וועלט!

אַ ביסעלע אַנגערירט פון זיין הויכריידעריי, האָב איך אים איבערגע־שלאָגן די רייד און אויף מיין אופן געפּרוווט אים אַראָפּלאָזן פון די הויכע הימלען:

— און דעמאָלט, — האָב איך געזאָגט — האָסטו דערהערט גאָטס קול

און דערזען דעם דאָרן וואָס ברענט און ווערט ניט פאַרברענט און ביסט אַפילו ניט צוגעגאַנגען אַ קוק טאָן, וואָס ברענט דאָרטן ?...

— אוי! חגי, — האָט זיך משה אָנגערופן, — אַלע וואַסערן פון אַלע ימען וועלן ניט קלעקן אויף אָרויסשווענקען פון דיר די גיפט פון דיינע ספקות! דו פאַרשטייסט דאָך יאָ, און פאַרשטייסט גוט וואָס איך מיין: גאָט רעדט צו מיר ניט אין בליצן און ניט אין פייער. ער רעדט צו מיר בקול דממה־דקה, אין דער שטילסטער שטילקייט. דער דאָרן וואָס ברענט און ווערט ניט פאַר־ברענט איז אין מיין האַרצן, אינעווייניק, ער רופט און לאָזט ניט רוען. און נאָר גאָט אַליין ווייסט ווי מיר איז שווער. איך בין דאָך ניט מער ווי אַ מענטש.

דאָס האָט גאָט, מיין אינערלעכער גאָט, מיר געהייסן: גיי! קער זיך אום, נעם אַהרונען, נעם די זקני־ישראל, רייד צו זיי אין מיין נאָמען. נוצט אויס דעם מאָמענט ווען מיצרים איז אָפּגעשוואַכט און באַפרייט מיין פאָלק. לערן זיי מיינע געזעצן, מאַך פון זיי אַ פאָלק פון יושר און פיר זיי אָפּ אין לאַנד פון די אָבות. דאָס לאַנד וואָס איך האָב פאַר זיי באַשטימט.

— גוט! — האָב איך געזאָגט. — באַפרייט האָט אונדז גאָט. באַפרייט, געגעבן אונדז זיינע גערעכטע געזעצן. נאָר צו וואָס פירן אונדז אין דעם געדיכט באַפעלקערטן און שטאַרקן כנען. צי זיינען דען ניטאָ קיין אַנדערע גוטע און רייכע געגנטן, ווו מען קען באַזעצן אַזאַ פאָלק ווי אונדזערס? אָט האָבן ניט לאַנג צוריק זיך באַזעצט די מואָבים און די בני־עמון.

— דאָס איז ווידער אַ מאָל, חגי, אַ זאַך וואָס דו און אפשר נאָר דו קענסט פאַרשטיין. דו ביסט דאָך אויסגעוואַנדערט אַ וועלט, מוזסטו וויסן: כנען ליגט אין דער מיט פון דער וועלט. אויפן קרייצוועג פון די גרויסע האַנדלס־און קריגס־וועגן. ניט אומזיסט האָט גאָט געבראַכט אַהער אונדזערע אָבות. אויב מיר ווילן באַקערן די וועלט צו אונדזער גלויבן, אויב מיר ווילן לערנען די מענטשן לעבן לויט אונדזערע גערעכטע געזעצן, איז כנען דאָס איינציקע לאַנד ווו דאָס קען דערגרייכט ווערן. נאָר דאָרט מוז זיך באַזעצן אַ פאָלק וואָס זאָל דינען פאַר אַ ביישפּיל דער וועלט.

אַזוי האָט געטראַכט משה.

— און דו האָסט ניט מורא, — האָב איך אים געפרעגט, — אַז ווייגענדיק

אויפן קרייצוועג פון פעלקער וועט דיין אויסדערוויילט פאָלק זיין אויסגע־שטעלט אויף אומאויפהערלעכע מלחמות און גרויסע סכּנות, און קען סוף־כּל־סוף זיך אויסמישן און צעגיין צווישן די אַנדערע, די שטאַרקערע פון אים פעלקער ? דערמאָן זיך אין גאָלדענעם קאָלב. דאָס רוב פון דעם פּשוטן פאָלק זעט דערוויל גאָט נאָר ווי אַ גאָט פון די בני־ישראל. אויב די אַנדערע, די אַרומיקע פעלקער וועלן זיך אַרויסווייזן שטאַרקער פון זיי, צי וועלן די קומענ־דיקע דורות פון די בני־ישראל ניט פאַרבייטן זייער גאָט, מיט זיינע געבּוג שווערע געזעצן, אויף אַן אַנדערן, אַזוי געראָפּענעם „שטאַרקערן גאָט" ?

צי איך האָב מורא ? אַוודאי האָב איך מורא. נאָר דערמאָן זיך, חגי : הונדערטער יאָרן זיינען מיר געווען קנעכט אין מיצרים, איינע פון די גרעסטע און מעכטיקסטע פון די לענדער, צי האָבן זיך אַ סך פון אונדז אויסגעמישט מיט די מיצרים ? צי האָבן מיר ניט דורכגעטראָגן דורך יאָרהונדערטער אונד־זערע מינהגים, אונדזער גלויבן ? צי איז די האָפענונג אויף באַפרייונג ניט געבליבן ביי אונדז ענג פאַרבונדן מיטן אומקערן זיך אַהיים, אין לאַנד פון די אָבות.

אַ מענטש פלאַנצט אַ בוים אין מידבר, צי האָט ער דען ניט מורא ? ער ווייסט : די מידבר־היץ קען אויסטריקענען דעם זאָמען, אומברענגען די יונגע פלאַנץ, דער מידבר־ווינט קען צעברעכן דעם יונגן בוים, אויסרייסן אים מיט די וואָרצלען. פאַרשיטן אים מיט זאַמד. און דאָך פלאַנצט ער, און באַגיסט אים און צוקטעט דעם יונגן בוים, ווייל ער גלייבט, אין גלויבן, אין האָפענונג און שווערער מי ליגט דער סוד פון דערפאָלג.

אַזוי האָט געטראַכט משה.

און איך, חגי בן־יהורם, פון יאָר צו יאָר ווער איך עלטער און שוואַכער, די פיס מיינע טראָגן מיך קוים. די הענט וואָס האָבן אַ מאָל געהאַקט שטיינער פאָדערן אַן אָנשטרענג כּדי זיי זאָלן ניט ציטערן בשעת איך שרייב די דאָזיקע שורות, נאָר דער קאָפּ מיינער אַרבעט נאָך און איך טראַכט : וויפל פעלקער, וויפל גלויבנס האָב איך קענען געלערנט אין מיין לעבן, וויפל גרויסע מלוכות זיינען אויפגעקומען און פאַרשוווּנדן געוואָרן, וויפל גרויסע שטעט זיינען חרוב געוואָרן און נאָר איינצלנע געדענקשטיינער דערציילן וועגן זייער אַמאָליקער עקסיסטענץ. אַ סך פון זיי האָבן אויך אויפגעשריבן זייערע געזעצן.

וואָס אמת — די געזעצן, אַזוי ווי די געטער זייערע, האָבן זיך ווייניק אונטער־געשיידט איינע פון די אַנדערע. דער ציל זייערער איז געווען העלפן די גייציקע מאַכטהאָבערס אַנראַבעווען, פאַרכאַפּן און הערשן.

אונדזער גאָט, דער אומזעיקער, איז דער גאָט פון גערעכטיקייט. נאָר צי וועלן די כּוהנים, אָדער די קינדער זייערע, דערפילנדיק די זיסקייט פון דער מאַכט, צי וועלן זיי ניט פאַרגעסן אין נאָמען פון וואָס זיי זיינען באַרופן אָנפירן מיטן פאָלק?

צי איז ניט צו גרויס? און צי ווערט זי ניט מיט יעדן יאָר גרעסער, די מאַכט זייערע? צי הייסן זיי זיך ניט געבן וואָס אַ מאָל מער פון דעם וואָס דאָס פאָלק פאַרמאָגט? די רעכט אויף יעדן ערשטלינג, דעם מעשר, די איינקונפטן פון די פאַרשיידענע קרבנות? און ווער ווייסט וואָס נאָך זיי וועלן מיט דער צייט צוטראַכטן? צי וועט זיך ניט שאַפן ביי אונדז אַ קאַסטע פון כּוהנים, אַזאַ ווי די מיצרישע אָדער שומרישע? צי וועלן מיט דער צייט ניט זיי דינען גאָט דעם גערעכטן, נאָר דער אַלמעכטיקער גאָט וועט דינען זייער גייציקייט?

משה איז ערלעך און גרויס. ניטאָ אין אים אַפילו קיין שמץ פון אַן אַליינ־הערשער. נאָר משה, ווי יעדער מענטש, וועט ניט לעבן אייביק. איך האָב געמוזט אים פרעגן וועגן דעם. און איך האָב מיך אָנגענומען מיט מוט און געפרעגט.

— פאַרשטייסט, — האָט מיר משה געענטפערט — נאָר איין גאָט קען שאַפן אַ יש מאַין. מיר, אויב מיר ווילן פאַרפעסטיקן די גערעכטע, די גע־זעצן, אויב מיר ווילן פאַרשפרייטן דעם געטלעכן גלויבן, מוזן מיר האָבן דערצו אַ פאַסיק געצייג. און דאָס פאַסיקסטע געצייג זיינען דערווייל נאָר די כּוהנים. ביז די געטלעכע געזעצן וועלן אַריין אין בלוט און אין האַרצן פון אונדזער פאָלק און פון דאָרט אין די הערצער פון אַלע אַנדערע פעלקער, וועלן דורכגיין הונדערטער און הונדערטער יאָרן. און נאָר די כּוהנים, שטרע־בנדיק אָנצוהאַלטן זייערע פּריווילעגיעס, וועלן זיין פאַראינטערעסירט אין אונטערהאַלטן און פאַרשפרייטן די געטלעכע געזעצן. זיי וועלן די געזעצן שרייבן און איבערשרייבן, ווייל אויף די געזעצן האַלט זיך זייער מאַכט. און אויב עמעצער פון זיי וועט אַראָפּ פונעם וועג, וועט ער אונטערשניידן די

צווייג אויף וועלכער ער זיצט. און געדענק, איך בין ניט דער איינציקער און לעצטער נביא ביי גאָט. עס וועלן אויפשטיין שטאַרקערע און בעסערע פון מיר, און די גערעכטיקייט וועט זיגן.

אַזוי האָט געטראַכט און געלערנט משה.

צוליב דעם זיג פון דער געטלעכער גערעכטיקייט, אויף צו פאַראייביקן די לויטערע געשטאַלט פון משהן, זיין באַזונדערקייט, זיין גרויסקייט און באַשיידנקייט, שרייב איך די דאָזיקע מגילה. קיין שום מאָנומענטן אויסגע־האַקטע פון שטיין קענען ניט פאַרבייטן דאָס געשריבענע וואָרט. מאָנומענטן ווערן צעעסן פונעם ווינט, זיי צעקרישלען זיך און פאַלן אום. נאָר דאָס וואָרט בלייבט אייביק. שרייבנדיק פיל איך מיך נעענטער צום באַשעפער. שרייבנדיק ווייס איך אַז איך בין באַשאַפן בצלם אלהים.

און עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער קאַמפּספּעיקער דור. עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פון טון. עטלעכע יאָר פון אַ באַזונדערער טריקעניש האָבן אונדז געצוווּנגען צו בייטן די געגנט פון אונדזער באַזירונג. מיר האָבן זיך געלאָזט קיין דרום אין אַ געגנט פון ווייניק באַקענטע, טרוקענע סטעפּעס. משה איז ווידער געווען פאַרנומען און אונדזערע געמיטלעכע שמועסן האָבן זיך אויף אַ צייט איבערגעריסן.

מיר זיינען אַרומגעגאַנגען די ערדן פון די בני־אדם, אויסגעמיטן אַ צוזאַמענשטויס מיט די ברידערלעכע שמישע פעלקער עמון און מואָב. אונדזער וועג האָט געפירט צו די רייכע הויכלאַנד־סטעפּעס, אונדזער וועג האָט גע־פירט צום ירדן און פון דאָרט קיין כנען.

אַהרון איז געשטאָרבן אין דער געגנט פון הר ההר, און דרייסיק טעג האָט דאָס גאַנצע פאָלק באַוויינט איינעם פון אירע גרויסע פירערס. משה האָט געזאַלבט אלעזרן פאַר כוהן־גדול און דערמיט אַן איבעריק מאָל פאַר־פעסטיקט דעם ירושה־פּרינציפּ פון דער כהונה. נאָר קיינער האָט אַזוי טיף ניט איבערגעלעבט אַהרונס טויט ווי משה. ער האָט געשוויגן, נאָר איך האָב גוט געזען די טיף איינגעקריצטע טרויערשטריכן אויף זיין פּנים.

אין יענע טרויערטעג, טעג פון חשבון־הנפש, איז פאָרגעקומען איינער פון אונדזערע לעצטע שמועסן. איך געדענק ניט פון וואָס דער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן. עס האָט זיך גערעדט פון קנעכטשאַפט און איך האָב געפרעגט,

צי איז רעכט אַזוי, מאַכן אַן אונטערשייד צווישן דעם אייגענעם און פרעמדן קנעכט. פאַר וואָס קומט נאָר דעם קנעכט פון די בני־ישׂראל מען זאָל אים באַפרייען, און דעם פרעמדן קנעכט ניט? גאָט האָט דאָך באַשאַפן אַלע מענטשן גלייך.

— עס וווּנדערט מיך, חגי — האָט משה געענטפערט. — פאַר וואָס פרעגסטו מיך ניט וואָס אונדזער גרויסער און אַלמעכטיקער גאָט פאַלט אָן אַזוי אָפט און שטאַרק אויף די געטשן און זייערע דינערס? עס באַקומט זיך שיער ניט אַז גאָט איז אייפערזיכטיק און דאָס הייסט דאָך אַ מין אָנערקענונג פאַר די אָפּגעטער... גאָטס רייד, חגי, זיינען געווענדט ניט נאָר צו מיר און דיר און נאָך אַזעלכע ווי מיר. גאָטס רייד זיינען געווענדט צו די פּשוטע מענטשן. מוז מען מיט זיי רעדן אויף דער שפּראַך וואָס איז פאַר זיי פאַרשטענדלעך. וואָס שייך קנעכטשאַפט, ווייסטו דאָך אַליין ווי ווייט די וועלט איז דערווייל געבויט אויף דער אַרבעט פון קנעכט. איינע פון די סיבות פון מלחמות איז דער ווילן און די מעגלעכקייט צו באַקומען וואָס מער אומזיסטע אַרבעטסהענט, וואָס מער קנעכט. — פּרווו, קום, און זאָג: מענטשן, מען דאַרף ניט מער קיין קנעכט. אַלע מענטשן זיינען ביי גאָט גלייך! מיינסט עמעצער וועט דיך פאַרשטיין? עמעצער וועט דיך נאָכפאָלגן? ניין! דערפאַר זיינען גאָטס ווענגן ניט פּשוט.

דערווייל פּרווון מיר אַריינפירן אין מענטשלעכן געדאַנק דעם באַגריף אַז ווייניקסטנס זיין אייגענער ברודער קען ניט און דאַרף ניט זיין קיין אייביקער קנעכט. מען מוז אים באַפרייען. דאָס איז אַ שפּאַן פאָרויס און ניט קיין קליינער.

נעם די עשׂרת־הדיברות. דאָרט איז קלאָר געשריבן „לא תרצח", דו זאָלסט ניט הרגענען. נאָר אָט קלייבן מיר זיך אָנהויבן מלחמות און דעם „לא תרצח" וועט אויסקומען אויף אַ צייט פאַרבייגן. אַזאַ איז זי, די וועלט. און מיט איין מאָל וועסטו זי ניט איבערמאַכן. מיר איז טאַקע קיין מאָל ניט קלאָר געוואָרן וואָס איז געווען די סיבה פון דער אויסראָט־מלחמה, וואָס מיר האָבן אונטערגענומען קעגן די מדינים. מיר האָבן זיך דאָך ניט געקליבן באַזעצן אויף זייערע ערדן. צי האָט דאָ געשפּילט די הויפּטראָלע דער אָנהייב פון אַ מאַסן־אויסמיש? און אפשר איז דאָס געווען אַן אויספּרווו פון די כּוחות פאַר

די קומענדיקע גרויסע שלאַכטן. ווי עס זאָל ניט געווען זיין האָבן אונדזערע יונגע קעמפערס פאַרכאַפּט און פאַרברענט אַלע פינף מדינישע שטעט. אויסגע־שאָכטן די גאַנצע באַפעלקערונג, חוץ די גאָר יונגע מיידלעך, און זיך אומגע־קערט מיט אַ גרויסן רויב.

זיי האָבן אויסגעפירט אַלע באַפעלן פון די כּוהנים: געבליבן די נייטיקע צייט אויסערן לאַגער. גערייניקט זיך און געוואַשן לויט דעם דין, און מיט גערעכטיקייט צעטיילט דעם געבראַכטן רויב. די כּוהנים האָבן דערביי אין זיך אַליין ניט פאַרגעסן. זיי האָבן באַקומען זייער חלק רויב, חוץ דעם גאָלד, זילבער און צירונג וואָס די העלדישע קעמפערס האָבן אָװעקגעשענקט גאָט. דאָס הייסט ווידער די כּוהנים.

משהן האָב איך באַגעגנט ווי נאָר ער האָט זיך אומגעקערט. אַ שווערע מידקייט האָט געררוט אויף אַלע זיינע אברים.

— חגי — האָט ער געזאָגט — איך האָב געזען בערג מיט טויטע. איך האָב געזען שרעק און פאַרצווייפלונג אין די אויגן פון די לעבן־געלאָזטע מיידלקינדער. נאָר ניט דאָס איז דער עיקר וואָס איך קען ניט פאַרגעסן. איך האָב געזען די אויגן פון אונדזערע קעמפערס. איך האָב געזען אין זיי דעם מערדערישן גלאַנץ. קיינעם פון זיי האָט ניט באַאומרויִקט דאָס פאַרגאָסענע בלוט, און איך קען זיי אין דעם ניט באַשולדיקן. ווייל שולדיק אין דעם בין איך און נאָר איך! איך האָב זיי באַפוילן! איך האָב זיי געשיקט הרגענען און וועל זיי ווייטער שיקן! אין נאָמען פון גאָט, וועל איך זיי שיקן! ווייל קיין אַנדער וועג איז ניטאָ. און דאָס, חגי, גלייב מיר, איז אַ סך שווערער ווי אַריבערפירן זיי דעם ים. אַ סך, אַ סך שווערער!...

די קומענדיקע חדשים האָב איך משהן כּמעט ווי ניט געזען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן און געצויגן די דעראָבערונג־מלחמות. מיט די אמורים, מיט עוג דעם קעניג פון בשן. די בני־מנשה האָבן פאַרנומען דעם גלעד. חורבן און טויט האָבן געשפּאַנט פאַר זיי. עס האָט זיך געמערט דער רויב. נאָר אַלע שיינע און איידעלע געזעצן פון דער תּורה האָבן אויף אַ צייט געשוויגן.

זעט אויס אַז משה האָט מער ניט געקענט אָנפירן מיט זיין פאָלק. ער האָט צונויפגערופן די זקנים און באַשטימט אויף זיין אָרט יהושע בן־נון. ער

איז געווען צו אַלט אויף אָנצופירן מיט די אומענדלעכע, זאָל זיין אומפּאַר־מיידלעכע בלוטבעדער.

צו דער מאַכט זיינען געקומען צוויי גלייכבאַרעכטיקטע פירערס: יהושע בן־נון און אלעזר בן־אהרון, דער כּהן. די נייע פירערס האָבן איבערגענומען די מאַכט. זי איז שוין ממילא געווען אין זייערע הענט און ער, משה, דער גרויסער משה, איז געבליבן עלנט און אַליין.

און משה איז געשטאָרבן. קיינער האָט אים ניט באַגלייט אין זיין לעצטן וועג. קיין פאָלקסטרויער האָט מען נאָך אים ניט געמאָלדן.

נאָר איך, חגי בן־יהורם, האָב קיין טרייסט ניט געפונען און וועל ניט געפינען. מיט ציטעריקע הענט שרייב איך אָט די לעצטע שורות וועגן דעם גרויסן, גרעסטן מאַן, וואָס איך האָב ווען באַגעגנט אויף מיין לאַנגן לעבנוועג. איך האָב געלעבט גענוג. ס'איז שוין צייט אויך מיר גיין אַהין פון וואַנען קיינער קערט זיך ניט אום. איך האָב אַ סך געזען. נאָר דער גרעסטער וווּנדער פון מיין לעבן איז געווען משה און זיין אויפטו. ניט אַזוי די באַפרייונג פון מיינע ברידער ווי דאָס איבערגעשטאַלטיקן אונדז אין אַ פאָלק. דאָס פאַרלייגן אין אונדז די גרויסע, די מענטשלעכסטע, די יושרדיקסטע געזעצן.

איך, דער ניט־גלייביקער, גלייב: די פּאַרזייטיע זוימען פון אמת וועלן קיין מאָל ניט אונטערגיין. מיט דער צייט וועלן זיי זיך צעבליען און ברענגען גערעכטיקייט און שלום אויף דער וועלט. פאַר יענער צייט, פאַר יענע קומענ־דיקע דורות שרייב איך די דאָזיקע מגילה. זאָלן די ווייטע קינדער פון מיין פאָלק וויסן ווער עס איז געווען דער גרינדער פון זייער גלויבן. ווי גרויס און דערהויבן ער איז געווען! זאָלן זיי אים פאַרשטיין און ליב האָבן. זאָלן זיי זיך נעמען פון אים אַ ביישפּיל. און אפשר אויך מיך, דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות, דערמאָנען צו גוטן.

עס וואַרט שוין דער ליימענער קרוג. עס וואַרט שוין די אָפּגעקליבענע הייל ווו מיינע געטרייע אוראייניקלעך, די יונגע בני־זבולון וועלן דעם קרוג פאַרגראָבן. זיי וועלן אויך מיינע מידע אויגן פאַרמאַכן און אָפּגעבן מיך דער ערד, פון וואַנען מיר אַלע זיינען געקומען.

סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1987

איין איינציקער זומער

1

אַ גאַנצן טאָג האָט אַ פרילינג־רעגן געגעצט די בעסאַראַבער ערדוועגן. פאַר נאַכט האָט זיך אויסגעלייטערט. נאָר צו דער פאַרטאָגיקער באַן האָט מען געמוזט אַרויספאָרן פאַר פרי, אַרום האַלבער נאַכט.

זאַלמען שמייסער האָט אָנגעשפּינגעוועט אַ פולן פאַעטאָן מיט פּאַסאַ־זשירן. דעם פעטער קאַלמען האָט ער באַזעצט אויבן אָן און אים, ווי אַן אַלטן באַקענטן, האָט ער געמאַכט אַ פּלאַץ לעבן זיך אויף דער קעלניע.

די שיטערע שיין פון דעם שלאָפנדיקן שטעטל איז פאַרשוווּנדן ווי נאָר עס האָט זיך געענדיקט דער באַרג־אַרויף. דער פאַעטאָן האָט זיך געשלעפּט צווישן פלאַכע שוואַרצע פעלדער, פאַרביי פעלד־קרעניצעס, איבער סקריפּענדיקע בריקלעך, די וואַרעמע נאַכט האָט געשמעקט מיט צעפּאַרעטער שוואַרצערד.

גיך איז דעם שמייסער נימאָס געוואָרן דאָס וויאָקען, האָט ער פאַרשטעקט די בייטש אין גאַרטל און געלאָזט די אויסגעהאַרעוועטע פערד סאָפּען און אַליין שלעפן דעם פאַעטאָן אין דער פאַרשלאָפענער פינצטערער נאַכט אַריין. די פּאַסאַזשירן האָבן געדרימלט, נאָר אים, ניומען, האָט דער שלאָף ניט גענומען. ער האָט נאָך אַלץ געפירט מיט זיך דעם לאַנגן חשבון־הנפש.

...האָט ער, הייסט עס, מיט דער היים שוין פאַרענדיקט. געלאָזט הינטער זיך די אומזיסט צעטאַשלעוועטע יאָרן, די קינדערשע פאַנטאַזיעס, דער מאַמעס קבר... נאַקעט שטייט ער פאַר זיין חרובער וועלט און באַשולדיקן קען ער נאָר זיך אַליין. דעם טאַטן געדענקט ער ניט. דער

טאַטע איז אומגעקומען ווען ער איז נאָך קיין דריי יאָר ניט אַלט געווען. נאָר די מאַמע! די מאַמע האָט ער דאָך ליב געהאַט! זי האָט אויף אים קיין קיל ווינטל בלאָזן ניט געלאָזט. זי איז גרייט געווען פאַר אים אַראָפּברענגען דאָס טעלערל פונעם הימל. מיט וואָס האָט ער איר אָפּגע־צאָלט? מען האָט אים איינגערעדט אַז ער איז אַ פעיִק ייִנגל. נאָר וואָס זיינען פעיִקייטן אָן פּליס? לערנען האָט ער זיך געפוילט. מיט צרות געקראָכן פון איין קלאַס אין אַנדערן. ער האָט ליב געהאַט לייענען. געשלונגען ביכער, ווי אַ שיכּור בראָנפן, און פאַרשיכּורט זיך מיט אויס־געטראַכטע וועלטן.

די מאַמע האָט געהאָרעוועט, געזאָרגט, געווישט די טרערן און ער האָט זיך קיין איין מאָל ניט פאַרטראַכט, וואָס וועט זיין פון אים אין לעבן? ער האָט ליב געהאַט מען זאָל אים באַווונדערן. האָט ער זיך צוגעקליבן די געהעריקע קאָמפּאַניע: נארישע גימנאַזיסטקעס, פּשוטע אַרבעטס־ייִנגלעך, שניידער־מיידלעך, שוסטער־געזעלן. זיי האָבן אים, דעם „באַוווסטזיניקן", געקוקט אין מויל אַריין. געשלונגען זיינע פייערדיקע פּוסטע רייד. און אים איז מיט זיי געווען גוט.

— די רעוואָלוציע וועט קומען, וועט מען אויפבויען אַ נייע וועלט! און דערווייל מעג מען גאָרניט טון.

די מאַמע גיט עסן און איז מוחל אַלע זינד.

די גימנאַזיע האָט ער ווי עס איז געענדיקט. נאָר ביי די מאַטורע־עקזאַמענס איז ער דורכגעפאַלן. אַזאַ קלייניקייט האָט ביי אים קיין ראָלע ניט געשפּילט. ער האָט זיך ניט געקליבן אין די אוניווערסיטעטן.

אַ יאָר נייַנצן איז ער שוין דעמאָלט אַלט געווען. אַן אויסגעכאַליעטער, געזונטער יונגאַטש. געהייסן האָט עס — ער העלפט דער מאַמען אין איר גרויסן מאַגאַזין. קיין טראָפּן נוץ האָט די מאַמע, פאַרשטייט זיך, פון אים ניט געהאַט. זי האָט געקוקט אויף איר בן־יחיד און געקרעכצט. אין גיכן וועט ער שוין מוזן גיין דינען. פאַר אַ באַרעכטיקונג האָט אים געדינט זיין, מישטיינס געזאָגט, רעוואָלוציאָנערע אונטערערדישע טעטיקייט. ער איז שוין דעמאָלט געווען אויף דער שוועל פון פאַרשטיין ווי ווייט דאָס אַלץ מיט וואָס זיי פאַרנעמען זיך אין די קליינע שטעטעלעך, איז אַ קיינעם

ניט נייטיקע, געפּערלעכע זעלבסטגאַרעריי. נאָר דערטראַכטן דעם געדאַנק ביזן סוף וואָלט געהייסן זוכן אַן אַנדער באַרעכטיקונג פאַר זיין פוילקייט. דערצו האָט ער זיך גאָר פאַרליבט...

משה קצבס זון, דער אויפגעקומענער שמוישן־הענדלער, חיים סורקעס, האָט אָפּגעקויפט ביי מוניע טאַקאָוס די ירושה־שטוב. זיצט דאָרט אויף דער ווערענדע מיט אַ ביכל אין די הענט זיין בת־יחידה ראָזע. און שיין איז זי, די ראָזע, וואָס שיין הייסט: פייער־רויטע האָר, גרינע אויגן און פרישע וויינשל־ליפּן. אַלץ אין איר רופט און רייצט!

אומזיסט האָט ער זי אָפּגעוואַרט אין ביבליאָטעק. די ביכלעך וואָס זי האָט געליענט האָט זי יעדע וואָך געקויפט ביי דעם צייטונג־פאַרשפּריי־טער; שפּאַנענדיקע גראָשן־ראָמאַנען פון דער וואָלוועלער „הערץ"־סעריע.

אין אָנהייב האָט זי אים גלייך ווי ניט באַמערקט, ווייל אַלע סימפּאַטי־שע יונגע־לייט האָבן זיך ביי איר געטיילט אויף מעגלעכע חתנים און גלאַט יינגלעך. פון די גלאַט יינגלעך האָט זי זיך געהאַלטן פון ווייטן. עס זאָל איר ניט שאַדן צו אַ שידוך. דאָס האָט די מאַמע אירע איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ניומע, כייוועלע קופּערשטיינס בן־יחיד, קען זיין זייער אַ פיינער שידוך. „מען זאָגט ער איז אַ קאָמוניסט?" זאָל זי, ראָזע, מיט איר חן, מיט איר שכל, מאַכן פון אים אַ מענטש.

האָט ראָזע אָנגעהויבן פלייסן זיך. אויסגענוצט איר גאַנצע ווייבערישע אַרטילעריע און ער, דער יאָלד, האָט געאָטעמט מיט איר לופט. געווען אין זיבעטן הימל פון אירס אַ קוש מיט קאַלטע ליפּן. ער איז געוואָרן אַ שטאַטנע „אוכאַזשאָר" און ווידער אָנגעטון דער מאַמען געבערענטע ליידן. ווייל דער מאַמען איז ניט נאָר דער שידוך מיט משה קצבס אייניקל ניט אָנגעשטאַנען, דער מאַמען איז די כלה אַליין ניט געווען צום האַרצן. זי האָט אים קלאָר און דייטלעך געזאָגט: „די פּוסטע קראַסאַוויצע איז ניט פאַר דיר". נאָר ער האָט אַפילו הערן ניט געוואָלט. אין דער אַרמיי האָבן זיי אים ביידע אַרויסבאַגלייט: די מאַמע און ראָזע, די כמעט שוין כלה.

די צוויי בריוולעך וואָס ער האָט פון איר באַקומען: פּלוידעריי מיט פּינטעלעך און אויסרוף־צייכנס. מער האָט זי אים ניט געשריבן.

עס האָט געדויערט זעקס חדשים ביז די מאַמע האָט ביי זיך געפּועלט

אָנשרייבן אים דעם אמת: באַלד נאָך זיין אָוועקפאָרן האָט זיך אין שטעטל אַראָפּגעיאָוועט אַ פריש געבאַקענער מיליאָנער. אַ בחור אַריבער די שלושים איז געקומען זען זיך מיט די עלטערן און פאַר איין וועגס אָפּזוכן זיך אַ היימישע כלה. איז אים ראָזע געפעלן. זי האָט געקענט געפעלן. האָט ער געשיקט אַ שדכן נאָך אַ שדכן, צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן. האָט זיך חיים סורקעס באַרעכנט: איידער אַ פּאַווע אין הימל, איז בעסער אַ פּעטע קאַטשקע אין טאָפּ. מען האָט געשריבן תנאים און באַלד טאַקע געפּראַוועט די חתונה. דאָס יונגע פּאָרל איז אָפּגעפאָרן קיין בראַזיל.

די ליבע, די געטרייע מאַמע! זי איז געווען גערעכט. נאָר פון זאָגן זיך — „באַלוואַן, ווו זיינען געווען דיינע אויגן?!" — ווערט אויפן האַרצן ניט גרינגער.

דער פּאַעטאָן האָט אַ פּאָר געטון גיכער. ווער ווייסט זיי, די פערד, — צי ווייל די רעדער האָבן זיך לייכטער געקייקלט באַרג־אַראָפּ, צי די בלינדע, שלאָפנדיקע שטיבלעך, אויףביידע זייטן וועג, האָבן ביי זיי אַרויסגערופן די האָפענונג אויף גיכן אָפּרו?

אויפן פּאָן פון דעם טונקעלן הימל האָט זיך אָנגעצייכנט אַ דאָרפישער קלויסטער און ווידער האָבן זיך געשפּרייט פּוסטע פעלדער. צו דער באַן איז נאָך ווייט.

...און ער האָט געדינט און געדינט. איין מאָל, אין אַ זונטיק, האָט ער באַגעגנט אין שטאָט אַברהם דעם שערערס זון, חיים עפּעלבוים. חיים איז געווען אַ מאָל אַ חבר אין זיין קאָמסאָמאָל־קעמערל. היינט איז ער אַ דאַמען־פאַבריקמאַכער. אַרבעט שוין דאָס צווייטע יאָר דאָ אין פּלאָיעשט. „אויב ניומע וויל קען ער אים באַקענען מיט די היגע, מיט די פּלאָיעשטער קאָמסאָמאָלקעס". צי ניומע וויל? מישטיינס געזאָגט, זיין פאַרברענגען: אַ מאָל אין אַ זונטיק באַשטעלן אין אַ נאָענטן שענקל אַ גראַטאַר [1] און אויסטרינקען אַ ליטער זויערן וויין מיט זיינע זשלאָבעס די קאַפּראַלן [2], און דאָ לייגט מען אים פאַר קאָמסאָמאָלקעס?

1. פלייש געבראָטן אויף קוילן.

2. דער צווייטער ראַנג נאָך אַ סאָלדאַט.

די קאָמסאָמאָלקעס: צוויי שוועסטערלעך, צוויי שוואַרץ־חנעוודיקע שיקסלעך. אַ ביסל צו פיל געשמירט און געפּודערט. נאָר אין אַלגעמיין — ווילע מיידלעך. זיי האָבן אים פאַרשלעפּט צו זיך אַהיים, באַקענט אים מיט נאָך חברים. מען האָט געקנאַקט קערלעך און באַזאָרגט די וועלט. מיט אים, מיט דעם לינקן סאָלדאַט, האָט מען זיך געגרויסט. מען האָט אים פאַרשלעפּט אויף איין זיצונג, אויף אַ צווייטער, מען האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצווייזן ערודיציע, זיין ערודיציע, זיין אָראַטאָרישן טאַלאַנט. און עס האָט זיך אָנגעהויבן. און עס האָט זיך אָוועקגעקייקלט, און עס האָט זיך איבערגעחזרט די אַלטע געשיכטע.

אַרעסטירט האָט מען אים צוויי וואָכן פאַר ן פאַרענדיקן דעם מיליטער־דינסט. די „גוטע" בשורה האָבן דער מאַמען געבראַכט די זשאַנדאַרן וואָס זיינען געקומען ביי נאַכט דורכפירן דעם אָביסק. זיי האָבן זי קוים אָפּגע־מינטערט פון חלשות. אַפילו זיי האָבן ניט געקענט פועלן ביי זיך איבער־לאָזן זי ביי נאַכט איינע אַליין און האָבן צו איר אַריינגערופן אַ שכנה.

און די שווער געפּרוווטע מאַמע האָט אַרויסגערופן דעם שוואָגער פון זגורע און ביידע האָבן זיך אַ וואָרף געטון אים ראַטעווען.

זיי האָבן געטאָגט און גענעכטיקט ביי די אַדוואָקאַטן. דער אונטער־געשמירטער קריגס־טריבונאַל האָט אים פאַרמישפּט ניט מער ווי אויף צוויי יאָר טורמע. דאָרט טאַקע, ביים לייענען דעם אורטייל, איז די מאַמע ווידער געפאַלן אין חלשות. אַזוי האָט מען אים געזאָגט. אין דער אמתן האָט מען די מאַמען אָפּגעפירט אין שפּיטאָל מיט אַ שווערן אינפאַרקט. דאָס האָט ער, דער בן־יחיד, איר געקירצט די יאָרן.

דאָס ערשטע און איינציקע מאָל איז די מאַמע געקומען צו אים אין טורמע ערשט אין זעקס חדשים אַרום. אַ געעלטערטע ניט צום דערקענען, אַן אויסגעמוטשעטע, האָט זי נאָך געפּרוווט אים טרייסטן. „צוויי יאָר, — האָט זי געזאָגט, — זיינען ניט קיין אייביקייט. אַ האַלב יאָר איז שוין, דאַנקען גאָט, אַריבער, גאָט וועט העלפן און ס'וועט זיין אַן אַמנעסטיע". ער האָט זיך געשעמט אויפהייבן די אויגן. נאָר ער האָט זיך געניים קוקן גלייך אין איר טייערן פּנים אַריין. זען צו וואָס ער האָט זי דערפירט. מער

האָט ער זי ניט געזען. די בריוו האָט פאַר איר געשריבן דער פעטער מיט דעם תירוץ אַז דער מאַמען איז שווער צו שרייבן רומעניש.

דעם צווייטן אינפאַרקט האָט זי באַקומען אין אַ יאָר אַרום. אין טאָג פון זיין געבוירן. מען האָט זי אַפילו ביז דעם שפּיטאָל ניט דערפירט. און ער האָט דערפון ניט געוווּסט. ער האָט געלעבט און געהאַפּט: באַלד ווי עס וועט זיך ענדיקן דאָס אַפּזיצן, וועט ער זיך נעמען צום לערנען. און זאָל מקוים ווערן דער מאַמעס באַגער. זאָל זי האָבן אַ זון אַן אינזשעניר. זאָל ער איר פאַרגיטיקן די שיבעה מדורי גיהנום וואָס זי איז מיט אים אויסגעשטאַנען.

צו דער באַפרייונג האָט מען אים געבראַכט קיין טשערנאָוויץ. דאָרט האָט אויף אים שוין געוואַרט דער פעטער קאַלמען. אויף זיין פראַגע: „ווו איז די מאַמע?" — האָט ער שטיל געענטפערט: — אויפן עולם־האמת איז זי, ניומעלע. זי איז ניפטר געוואָרן באַלד נאָך שבועות.

אַזוי ווי ער איז געשטאַנען גרייט אַרויסגיין אויף דער פריי, אַזוי האָט ער זיך צוריקגעזעצט. וואָס פאַר אַ זין האָט נאָך ערגעץ ווו גיין?!

ביי דעם גבר, ביי דעם פעטער קאַלמען, זיינען די טרערן גערונען איבער ביידע באַקן. שפּעטער, אין דער אַכסניה, האָט ער אויך קוים געהערט וואָס מען רעדט צו אים:

— איך וויל זען דער מאַמעס קבר. איך וויל שוין פאָרן!

איז מען אַ שלאָפלאָזע נאַכט געפאָרן מיט דער באַן. פון דער באַן, מיט אַ געדונגענער בריטשקע, פאַרקערעוועט גלייך צום בית־עלמין.

אַ קאַלטער האַרבסטרעגן האָט געוואַשן די נאַקעטע וועלט. געשווענקט די שוואַרצע, קאַלטע מצבה. די שטוב האָט אים באַגעגנט מיט פאַרקלאַפּטע טיר־און־פענצטער. די האַלב־פינצטערע צימערן האָבן געשמעקט מיט שימל. אויף אַריינגיין אין דער מאַמעס שלאָפצימער האָט אים ניט געקלעקט קיין כּוח. זיי האָבן געגעכטיקט אין קליינעם עסצימער ביי דער קיך. אַ גאַנצע נאַכט האָט דער רעגן געקלאַפּט אין בלעכענעם דאַך. די נאַקעטע פענצטער האָבן געראָנען מיט שטומען געוויין. אין דער פרי זיינען זיי אַוועקגעפאָרן.

ער איז געווען געראַכט, דער פעטער. נאָך דער מאַמעס טויט האָט ער ליקווידירט דעם גרויסן מאַגאַזין. אויספאַרקויפט וואָס און פאַר וויפל

עס האָט זיך געלאָזט. אויך די שטוב מיט דעם גאָרטן וועט אויסקומען פאַרקויפן, ווייל בלייבן ווינען דאָ איינער אַליין קען ער ניט און טאָר ניט. צו גרויס וועט ער דאָ זיין ביי די זשאַנדאַרן אין די אויגן.

— קיין סוחר, ניומעלע, וועסטו סיי ווי סיי ניט זיין. דיין זאַך איז לערנען. וועסטו דערווייל ווינען ביי אונדז אין זגורע. כ׳וועל דיר קריגן אַ פּאָר פּריוואַטע לעקציעס, וועסטו לערנען מיט יענעם און אַליין לערנען.

האָט ער אָפּגעלעבט דעם ווינטער אין זגורע. דעם פעטער, דעם גביר, איז ניט אָנגעשטאַנען זיין פּלימעניק זאָל גיין איבער די גבירישע הייזער. האָט ער אים געדונגען אַ באַזונדערע דירה ביי די בורשטיינס אין הויף. איצט, נאָך פּסח, האָט זיך אָפּגעזוכט אַ פּאַסיקער קונה, זיינען זיי געפאָרן און פאַרקויפט די שטוב מיט דעם גאָרטן.

— פאַר דיין חלק ירושה, — האָט אים דער פעטער געזאָגט — וועל איך דיר צאָלן פראָצענט. געלט האָט ליב חשבון. דו ביסט אַזוי אויך ניט קיין אָרעמאַן, נאָר געלט וועסטו דאַרפן און דאַרפן. עס שטייט דיר נאָך פאָר צו פאָרן קיין אויסלאַנד.

דאָס העצקען פונעם פאַעטאָן האָט אים אויפגעוועקט. דער פאַעטאָן האָט געקלאַפּט מיט די אייזערנע רייפן אויף דעם קורצן שטיקל ברוקירטן שאָסיי, הארט פאַר דער סטאַנציע. ס׳האָט געטאָגט. ס׳איז שוין אייגנטלעך געווען טאָג. דער טומאַן און די פאַרטאָגיקע קעלט האָבן אים דורכגענומען.

2

אין דעם קליינעם וואָרטזאַלעכל זיינען אַלע בענק געווען פאַרנומען. צענדליקער פּויערים זיינען, מיט די פּעקלעך צוקאָפּנס, געשלאָפן אויפן דיל. די לופט — כאָטש שנייד זי מיט אַ מעסער. ביז דעם צוג אויף בעלץ איז נאָך געבליבן אַריבער צוויי שעה. ס׳איז אים נימאָס געוואָרן דאָס זיצן אויף די טשעמאָדאַנען, איז ער אַרויסגעגאַנגען אויף דער פרייער לופט. דער נעפּל האָט געהאַלטן אין אָפּטרעטן, נאָר קנוילנווייז איז ער נאָך געהאַנגען אין יאַר. פון הינטער די גרינע בערגלעך האָט זיך געקליבן אויפגיין די זון.

ער איז אָפּגעגאַנגען ניט מער ווי אַ פּאָר הונדערט מעטער, ווען ער האָט דערפילט אַ באַדערפעניש. ניט ווייט איז געשטאַנען אַ פּוסטע שטאַל מיט אַ האַלב צעפּראַלטן טויער און אַרום קיין לעבעדיקער נפש. האָט ער פאַרקערעוועט אונטער דעם טויער און אָפּגעטון זיין רעכט. ער האָט געהאַל־טן ביים פאַרשפּיליען די קנעפּלעך ווען ער האָט דערהערט אַ קלאַפּ ווי עס זאָל געווען אומפאַלן אַ שווערע זאַך. איינצייטיק האָט זיך אים געדאַכט אַז ער הערט אַ פאַרדומפּענעם געשריי. איז ער אַרומגעגאַנגען דעם האַלבן אָפּענעם טויער און אַ קוק געטון וואָס עס טוט זיך דאָרט אינעווייניק. ער האָט אַריבערגעשפּאַנט איבער אַ לייטער און דערזען: אויף איינער פון די נידעריקע באַלקעס הענגט אַ מענטש.

זעט אויס, דער מענטש האָט זיך נאָר וואָס אויפגעהאַנגען, ווייל דער גוף זיינער האָט זיך נאָך געשאָקלט. קיין צייט צום טראַכטן איז ניט געווען. האָט ער צוגעשטעלט דעם לייטער צו דער באַלקע און שוין קריכנדיק אויף די טרעפּלעך האָט ער באַמערקט אַז ס'הענגט אַ פרוי. קיין מעסער אויף אָפּשניידן דעם שטריק האָט ער ניט געהאַט. האָט ער שטייענדיק אויף דעם לייטער, מיט איין האַנט אונטערגעהויבן די געהאַנגענע און מיט דער צווייטער געפּרוווט לויז מאַכן דעם פאַרצויגענעם שלייף. ס'איז געווען ניט גרינג. נאָר מיט אַ ביסל אָנשטרענגונג האָט ער דאָס ווייבערישע קעפּל באַפרייט, אַראָפּגעטראָגן די געהאַנגענע די פּאָר טרעפּלעך און אַרויסגעטראָגן זי אויף דער פרייער לופט. די ניט דערהאַנגענע האָט געלעבט. זי האָט נאָר שווער געאָטעמט. ביסלעכווייז איז זי געקומען צו זיך. ערשט איצט האָט ער באַמערקט: דאָס דינע קאָפּטל אירס איז איינגעריסן און עס זעען זיך אַרויס צוויי האַרטע העלפאַנטביינערנע בריסטלעך. דאָס ברייטע ציגיינער־קליידל האָט עמעצער איבערגעריסן פון אונטן ביז אַרויף און עס קוקן אַרויס האַלב־נאַקעטע געטאָקטע פיסלעך אין אַראָפּגעלאָזטע שוואַרץ־זיידענע זאָקן.

ווי ער קוקט אַזוי אויף איר, האָט זי אויפגעמאַכט אַ פּאָר גרויסע, שוואַרצע אויגן. איר אַ ביסל פאַרטומלטער בליק האָט אַ בלאָנדזשע געטון אַרום און זיך אָפּגעשטעלט אויף אים.

— ווער האָט דיך געבעטן, ווער?! מענטש איינער! אפילו שטאַרבן

לאָזט מען ניט! — אַ תהום פון אויסזיכטלאָזן ווייטיק האָט געקלונגען אין איר עטוואָס נאָך הייזעריקן קול.

וואָס זאָל ער איר ענטפערן? ער האָט אַ וויז געטון מיט דער האַנט אויף דער אויפגעגאַנגענער זון, אויף דעם שיינענדיקן דרויסן.

— אין אַזאַ טאָג, — האָט ער געענטפערט, — אין אַזאַ טאָג הענגט מען זיך?!

זי האָט ווידער פאַרמאַכט די אויגן און געשוויגן.

ערשט איצט האָט ער זי באַטראַכט ווי עס באַדאַרף צו זיין. אַ שיקסל פון אַ יאָר אַכצן, ניינצן. עמעצער האָט זי, אַ פּנים, פאַרשלעפּט אין דער פוסטער שטאָל, אָפּגעטון מיט איר וואָס ער האָט געוואָלט און זי איבער־געלאָזט.

מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט זי דערפילט אַז מען קוקט אויף איר, האָט זי מיט איין האַנט צונויפגענומען די פאַלעס פונעם צעריסענעם קליידל און מיט דער אַנדערער פאַרשטעלט די האַלב־נאַקעטע בריסטלעך.

— ווי רופט מען דיך? — האָט ער געפרעגט אויף מאָלדאַוויש.

— ס'ניט דיין טאַטנס עסק! — האָט זי געענטפערט אויף אַ ריינעם יידיש.

— דאָרט, אינעווייניק — האָט ער איר געזאָגט אויך אויף יידיש, — דאָרט ליגט אַ קלומעקל, אויב ס'איז דיינע זאַכן, גיי און טו זיך איבער.

האָט זי זיך שווער אויפגעהויבן און פאַרשוווּנדן אין דער האַלב־טונקע־לער שטאָל. ער איז געבליבן זיצן. די זון האָט מחיהדיק געוואַרעמט.

אָט איז נאָך אַ מענטש, האָט ער געטראַכט, אַ מענטש וועמען עס זיינען אונטערגעגאַנגען אַלע שיפן.

באַלד איז זי אַרויסגעקומען מיט דעם קלומעקל אין די הענט. זי האָט אָנגעטון אויף זיך עפּעס אַ ווינטערדיק קליידל מיט לאַנגע אַרבל. זי האָט זיך צוריקגעזעצט לעבן אים.

— ווי זשע פאָרט רופט מען דיך? — האָט ער ווידער געפרעגט.

— לוקעריאַ.

— ביסט אַ ציגיינערטע?

— אַ ציגיינערטע.

— ווו וווינסטו ?

— אין ערגעץ ניט.

— אַ מאַן, קינדער האָסטו ?

— ניין.

אין געדאַנק האָט זי אים ווידער דערזען, דעם טאַטן, דעם שיכור, אַזוי ווי זי האָט ערשט פאַר טאָג געהאַקט מיט די קולאַקעס אין זיין איינגעפאַלענער ברוסט, געריסן די לעצטע האָר פון זיין אויסגעקראַכענעם טשוב...

— ניין ! — האָט זי געזאָגט, — כ׳האָב ניט.

— פון וואַנען קענסטו יידיש ?

— כ׳בין געווען אַ דינסט ביי יידן.

— דו וואָלסט צוגעגאַנגען צו דער סטאַנציע און דערציילט דעם זשאַנדאַרם וואָס מיט דיר איז געשען. — ער האָט אַ וויז געטון מיט דער האַנט ווו עס איז פריִער געווען דאָס צעריסענע קליידל.

— ניין ! — האָט זי אָפּגעשניטן. פונעם הוילן געדאַנק וועגן זשאַנדאַרם איז איר דורך אַ גרויל איבערן לייב.

— ווי קומסטו אַהער ?

— כ׳האָב געוואָלט פאָרן קיין בעלץ זיך שטעלן פאַר אַ דינסט.

— ווי אַזוי זשע ביסטו געקומען אין דער חרובער שטאַל ?

קיין שום ענטפער.

— געלט האָסטו ?

— ניין.

— וואָס זשע קלייבסטו זיך טון ?

— כ׳ווייס ניט.

— דו ! — האָט זי זיך מיט אַ מאָל צעשריגן, — ווער ביסטו אַזוינס וואָס דו פרעגסט מיך אויס ? — וואָס ביסטו מיר ? אַ מאַמע ! ? אַ ברודער ! ? פרעג בעסער מיט וואָס איך פאַרנעם זיך ! פרעג ! אַ גאַסנמויד בין איך ! אַ קורווע ! פאַרשטייסט, צי ניין ! — און טרערן האָבן אַ פלייץ געטון פון אירע אויגן.

איצט איז געקומען זיין צייט פון שווייגן.

„ניומעלע, מיין פריינד, האָט ער אַ טראַכט געטון. אָט זיצט פאַר דיר

אַ מענטש וואָס טרינקט זיך, אַ מענטש ווּעמענס וועלט איז חרוב געוואָרן. דו האָסט זי נאָר וואָס אַרויסגענומען פונעם שטריק. וואָס רעכנסטו ווייטער טון ?"

„וואָס וואָלט אַ שטייגער די מאַמע געטון אויף דיין אָרט ? די מאַמע וואָלט באַשטימט געפּרוּווט איר העלפן. די מאַמע וואָלט זי גענומען צו זיך פאַר אַ דינסט".

„וואָרט ! דו זוכסט דאָך אַ ייִדענע וואָס זאָל דיר קאָכן און ראַמען. מיט וואָס טויג זי דיר ניט פאַר אַ דינסט ?"

„אַ פּראָסטיטוטקע ! אַ קורווע ? !"

„געוועזענער קאָמוניסט. פון ווען אָן איז ביי דיר אַ גאָסנפּרוי קיין מענטש ניט ?"

„דער פּעטער וועט אויפהייבן אַ געוואַלד ?"

„דעם פּעטער קען מען איבעררעדן".

„וואָס וועלן מענטשן זאָגן ?" — פון וואַנען וועלן די מענטשן וויסן ? זי רעדט ייִדיש ווי אַ געבוירענע ייִדישקע. וועט ער זאָגן ס'איז דער מאַמעס געוועזענע דינסט".

— קאָכן קענסטו ? האָסט אַ מאָל געקאָכט עסן ?

— יאָ, איך קען.

— איז נעם, לוקעריאַ, דיין פּעקל, און קום. כ'וועל דיר קויפן אַ בילעט ביז בעלץ. דאָרט בלייבן מיר איין טאָג. דער פּעטער האָט דאָרט געשעפטן. פון דאָרט פאָרן מיר קיין זגורע. האָסט געהערט פון אַזאַ שטעטל ? — ניט געהערט ? — וועסט הערן. איך בין דאָרט אַ לערער, וועסטו זיין ביי מיר אַ דינסט.

האָט זי אויפגעהויבן אויף אים אירע גרויסע שוואַרצע אויגן. ער האָט זי נאָר וואָס אָפּגעשניטן פונעם שטריק. ער נעמט זי צו זיך פאַר אַ דינסט. אַזאַ איז איר גורל. האָט אים ניט געפרעגט ווי ער הייסט, צי האָט ער אַ ווייב און וויפל קינדער האָט ער. ער פירט זי אַרויס פון דאַנען ! זי האָט גענומען דאָס קלומעקל און אַוועקגעשפּאַנט נאָך אים.

דאָס וואָרטזאַלעכל איז שוין געווען פּוסט. דער צוג אויף טשערנאָוויץ איז שוין דורכגעגאַנגען. די געבליבענע פּאַסאַזשירן האָבן געוואַרט אויפן

פּעראָן. דער פּעטער איז נאָך אַלץ געזעסן ביי די טשעמאָדאַנען. דאָס שיקסל האָט ער לכתחילה אַפילו ניט באַמערקט. אויף ניומעס מעשׂה איז ער אויפגעשפּרונגען:

— נאַ דיר גאָר, נאַ! געגאַנגען אַ בחור פּישן און געראַטעוועט אַ שיקסע!

מילא, ער וויל איר קויפן אַ בילעט ביז בעלץ, זאָל זיין אַפילו ביז יאַס. אַ רחמנות אויף אַ מענטשן. נאָר נעמען זי צו זיך פאַר אַ דינסט?! עס פעלן אים צרות? וואָס וועלן מענטשן זאָגן און זי אַליין? ווי אַזוי וועט זי זיך אויפפירן? אפשר איז זי אַ גנבטע? אפשר איז זי קראַנק?

— און אָפּלאָזן זי אַליין אין אַ פרעמדער וועלט מעג מען? און אויב זי וועט נעמען און אַרונטערוואַרפן זיך אונטערן צוג? אויף אַ מענטשן, פּעטער, איז ניט גענוג רחמנות האָבן, אַ מענטשן דאַרף מען העלפן.

דער צוג האָט געהאַלטן ביים אָנקומען, האָט ער איר געקויפט אַ בילעט. ער האָט איר געוויזן מיטן פינגער אויפן פּעטער:

— דאָס איז מיין פּעטער קאַלמען, — האָט ער געזאָגט — און מיך רופט מען ניומע, ניומע קופּערשטיין.

זי איז גלייך אַריין אין דער נייער ראָלע. זי האָט גענומען ביים פּעטער דעם שווערן טשעמאָדאַן.

— אַ דינסט פעלט אים, — האָט דער פּעטער געבורטשעט, — אַן איינפאַל פון אַ פאַנטאַזיאָר! נאָר נישקשה, מיר האָבן נאָך אַ טאָג מיט אַ נאַכט.

אין וואַגאָן האָט זי זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל. איצט, ווען די גרויסע אויפרעגונג איז איבערגעגאַנגען האָט איר געטאָקט פּנימל אויסגעזען באַזונדערס אויסגעמאַטערט. זי האָט געפּרווט זיך דערמאָנען: נעכטן פאַר נאַכט איז זי געקומען מיטן טאַטן אויף דער סטאַנציע. זי האָט זיך געקליבן פאָרן מיט דעם ביינאַכטיקן צוג, כּדי אָנקומען קיין בעלץ אין דער פרי. ביים טאַטן האָבן זיך אָפּגעזוכט גוטע־ברידער, לעביונגען, טרעגערס. דער טאַטע האָט אַלעמען צעפּויקט אַז זי פאָרט אַוועק.

— אַזאַ מויד! אַ קראַסאַוויצע! זי וועט אין ערגעץ ניט פאַרפאַלן ווערן. די טרעגערס, די לעביונגען האָבן זי געקענט. מעגלעך אַז מיט עמעצן

פון זיי איז זי אַפּילו איבערגעשלאָפן. זי האָט די קליענטן אירע ניט געציילט. זי האָט געציילט דאָס געלט. לכּבוד איר אַוועקפאָרן האָט דער חברה זיך פאַרגלוסט אויסטרינקען. האָבן זיי געקויפט אַ פלאַש בראָנפן און אַ רעדל קאַלבעס. נאָר וואָס איז פאַר זיי איין פלאַש בראָנפן? איז מען אַריינגעגאַנגען צו משה־יאָסלען אין שענק. מען האָט איר אָנגעגאָסן אַ גלעזל בראָנפן, האָט זי אויסגעטרונקען. האָט מען איר ווידער אָנגעגאָסן, האָט זי ווידער געטרונקען, געטרונקען און געמוסרט זיך „וואָס טוסטו? לוקעריאַ! דו זעסט דען ניט אַז מען שיכּורט דיך אָן?! קוק ווי עס בלישטשען ביי זיי די אייגעלעך! ווי זיי באַלעקן זיך, ווי די קעץ!" וואָס ווייטער איז געשען געדענקט זי ניט. און אפשר וויל זי ניט געדענקען.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַר טאָג אויף אַ קופּע שטרוי. עמעצנס אַ שווערער קאָפּ איז געלעגן אויף איר ברוסט. זי האָט געפּרוווט אים אַראָפּוואַרפן. דער שיכּורער קאָפּ האָט זיך ניט געלאָזט. מיט אַ מאָל האָט זיך איר אומגעקערט דער זיכּרון: זי האָט זיך דערזען ביים ליכט פון אַ לאַמטערן, צעלייגט אויפן שטרוי און צוויי שיכּורע מאָרדעס שטופּן צו איר אַ דריטן. דער דריטער איז ניט ווייניקער שיכּור. ער ווערט זיך, און איר איז אַלץ איינס. דער דריטער, דער שיכּור, ער ליגט נאָך אַלץ אויף איר. דאָס איז דאָך איר אייגענער טאַטע! ער האָט נאָך אַפילו די הויזן ניט אַרויפגעצויגן! אוי האָט זי אים געשלאָגן! געבריקעוועט מיט די פיס! אויסגעריסן אים די לעצטע האָר פון זיין פליכעוואַטן קאָפּ. געשלאָגן און געוויינט. געוויינט אויך ווען ער האָט זיך אָפּגעטראָגן. געוויינט ווען זי האָט אָנגעטאַפּט אין ווינקל דעם שטריק. די הענט האָבן איר געציטערט. זי האָט קוים אויפגעשטעלט דעם לייטער...

דער וואָגאָן הוידעט. אין קאָפּ איז אַ טומאַן. עס ציט זי אַראָפּ צו דער ערד.

אין האָטעלעכל וווּהין זיי זיינען פאַרפאָרן האָט מען קאַלמען קופּערשטיין גוט געקענט. ער האָט באַשטעלט אַ צימער פאַר צוויי און אַ בעטל פאַר דער שיקסע אין אַן אַנדער צימער, מען האָט געגעסן שווייגנדיק. דעם פעטער האָבן די געשעפטן געפאָדערט אין שטאָט אַריין. ניומען האָט זיך זייער געוואָלט דורכשמועסן מיט דעם שיקסל. נאָר ער האָט ניט געוווּסט

פון וואָס אַנצוהייבן. בייביידע האָבן זיך געקלעפּט די אויגן, איז יעדער אַוועק שלאָפן צו זיך.

דער פּעטער האָט זיך אומגעקערט שפּעט אויף דער נאַכט. ער האָט שוין געוווּסט ביי וועמען דאָס שיקסל האָט געדינט. זיינער אַ באַקענטער מעקלער האָט געוווּסט ביי וועמען דאָס שיקסל האָט געדינט. זיינער אַ באַקענטער מעקלער האָט געוווּסט צו דערציילן:

— געווען אַזאַ דינסטמיידל, אַ ציגיינערטע, ביי די פּייערמאַנס. אַ סברה, דער בן־יחיד זייערער האָט זי באַזאָרגט מיט אַ בייכל. מען זאָגט אַפילו אַז דער אַלטער פּייערמאַן אַליין האָט זיך אויך צו איר אַריינגעכאַפּט. די פּייערמאַנקע האָט, פאַרשטייט זיך, זי אַרויסגעטריבן — ווען דאָס איז געווען? — מיט אַ יאָר, אַ יאָר און אַ האַלבן צוריק.

דער שמועס מיט ניומען האָט זיך דעם פּעטער ניט איינגעגעבן. אויף אַלע זיינע טענות האָט ניומע געהאַט איין ענטפער: „איך גלייב איר. גיי האָב צו טון מיט אַן עקשן אַ קופּערשטיין!" איז געבליבן, אַז דער פּעטער וועט מיט איר גיין איינקויפן איר אַ פּאָר אָנשטענדיקע קליידלעך. פאַר איין וועגס וועט ער מיט איר אַריינגיין צו אַ דאָקטער. דעם געהיטן — היט גאָט! און זאָל דער עקשן טון ווי אים געפעלט. ער וויל האָבן צרות, וועט ער זיי האָבן. שוין ליגנדיק אין בעט האָט קאַלמען קופּערשטיין צו זיך אַליין אַ שמייכל געטון: „וואָס איז? — האָט ער זיך געפרעגט, — די וועלט גייט אונטער? אַ דינסט — זאָל זיין אַ דינסט. נאָך אַלץ בעסער ווי קאָמוניזם. דאָס שיקסל איז בלוט און מילך און דער ווערגעלעץ איז אָפּגעזעסן צוויי יאָר פאַרשפּאַרט. אויב ער וועט מיט איר אַ זינדיק טון, זאָל אים ווויל באַקומען".

און לוקעריע איז געלעגן מיט אָפענע אויגן. זי פאָרט אין אַ פרעמד שטעטל. זי גייט דינען ביי פרעמדע מענטשן. ווער ווייסט זיי? דעם נייעם בעל־הבית האָט זי וועגן זיך גאָרניט דערציילט. ער פרעגט זי אַפילו ניט. נאָר עמעצן מוז זי דאָך אויסדערציילן איר האַרץ, איידער זי גייט אָנהויבן אַ ניי לעבן. ווי אַזוי זשע דערציילט מען און וואָס דערציילט מען אַ ווילד פרעמדן מענטשן?

אין דער פרי האָט דער פּעטער איבערגעקוקט איר אָרעם קלומעקל.

דאָס שיקסל מיט די גרויסע יידישע אויגן איז אים געפעלן. האָט ער זיך געלאָזט קאָסטן. קיין קאַרגע זיינען די קופערשטיינס קיין מאָל ניט געווען. האָט ער איר איינגעקויפט אַ גאַנצן גאַרדעראָב: אַ פּאָר קליידלעך, אַ מאַנטל, שיך און אָנשטענדיקע זאָקן. די שוואַרצע, די זיידענע, זאָל זי אַרויסוואַרפן.

ער האָט זי אָפּגעפירט צו אַ פּרויען־דאָקטער. דער דאָקטער האָט געמיינט, אַז מען אינטערעסירט זיך צי דאָס מיידל טראָגט.

— ניין, — האָט ער געזאָגט, — זי טראָגט ניט און ס׳איז אַ גרויסער ספק צי זי וועט ווען עס איז טראָגן. דאָס האָט זי צו דאַנקען דעם פּאַרטאַטש וואָס האָט איר געמאַכט דעם אַבאָרט.

קיין בולטע סימנים פון ווענערישע שלאַפקייטן האָט ער ניט געפונען. די רעזולטאַטן פון די אַנאַליזן וועט ער צושיקן שפּעטער. און זי, וואָס האָט זיך שוין לאַנג צוגעווינט צו פרעמדע הענט וואָס קריכן איבער איר קערפּער, האָט דאָ, ביי דעם דאָקטער, זיך געגרויטלט ווי אַ נאַיִווע מיידעלע. זי האָט זיך אַרומגעוואַשן, איבערגעטון און אַריינגעקומען אָפּדאַנקען די נייע בעלי־בתים. דאָ ערשט האָט מען דערזען ווי שיין זי איז.

דער פעטער האָט געזאָלט בלייבן אין שטאָט נאָך אויף אַ טאָג צוויי. האָט ניומע זי אָוועקגעזעצט קעגן זיך און צונויפגערעדט זיך מיט איר ווי אַזוי זי וועט זיך דאַרפן פירן אויפן נייעם אָרט. דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל געהערט איר פאַמיליע: מאַליגאַ. לוקעריאַ מאַליגאַ. וועט ער זי רופן לוקאַ. און זאָל זי ניט פאַרגעסן אַז זי איז פון קינדווייז אָן געווען אַ דינסטמיידל ביי זיין מאַמען, ביי כייועלע קופערשטיין אין יעדעליוווקע.

3

קיין זגורע זיינען זיי אָנגעקומען פאַר נאַכט און פאַרפאָרן גלייך צו די בורשטיינס אין הינטערשטיבל. אייגנטלעך איז דאָס ניט געווען קיין הינטערשטיבל נאָר אַ טייל פון דער גרויסער שטוב. די אַלטע בורשטיינס האָבן זיך שוין לאַנג ניט גענייטיקט אין די פינף גרויסע צימערן פון זייער אַ מאָל רייכער שטוב. ביידע זין זיינען נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן

אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע. אין דער דירה־געלט האָט זיך דאָס פּאָרל ניט געניייטיקט, נאָר די גרויסע ליידיקע צימערן האָבן געדריקט אויף זייער געמיט.

האָבן זיי איבערגעטיילט דעם לאַנגן און ברייטן קאָרידאָר און פאַר־דונגען דאָס הינטערשטע צימער מיט דער גרויסער קיך. דער נייער שכן האָט זיך מיט דער קיך כמעט ווי ניט גענוצט. ס'איז נאָך דאָרט געשטאַנען דאָס גרויסע הילצערנע בעט אויף וועלכן ס'איז אַ מאָל געשלאָפן זייער דינסט.

האָט ניומע גענומען פון זיין בעט איינע פון די וואַרעמע דעקן און צוויי קישנס, ער האָט זיי געהאַט פיר שטיק, און אָפּגעטראָגן זיי אין קיך. באַלד האָט ער געבראַכט בעטציַיג, ער האָט ברייט אויפגעמאַכט דאָס קיכפענצטער און אַריינגעלאָזט די פרישע גאָרטנלופט. „דאָ, — האָט ער געזאָגט — וועסטו וווינען".

די גרויסע קיך איז געווען כמעט פוסט. חוץ דעם בעט זיינען דאָרט געשטאַנען אַ טיש מיט צוויי סקריפּענדיקע בענקלעך און אַ לאַנגע, ברייטע באַנק לעבן דעם באַקאויוון. אויף דער באַנק — אַ קערעסינקע, אַ טשייניק, צוויי טעפּלעך און עטלעכע טעלער.

— בעל־הבית, — האָט זי געפרעגט — ווו זשע איז אייער ווייב, די קינדער?

— מיין ווייב? — האָבן אַ בליץ געטון זיינע לאַכנדיקע אויגן. — איך האָב דען געזאָגט אַז איך האָב אַ ווייב? אַ בחור בין איך. אַן אַלטער, פאַרזעסענער בחור. ווו זאָל איך דיר נעמען קינדער? און איצט דאַרף איך מיך מעלדן צו דער מומען. דו ביסט אַוודאי הונגעריק. אין קוישל איז דאָ ברויט און צום ברויט. עס אָפּ און נאָכדעם וועסטו אויספּאַקן דעם טשעמאָדאַן — ער האָט איר אַוועקגעלייגט דעם שליסל פון דער טיר און אַ ביסל געלט. — פון היינט ביסטו דאָ די בעל־הביתטע.

און אויף דער שוועל איז שוין געשטאַנען פערעלע בורשטיין, די הויז־בעל־הביתטע.

— דאָס איז מיין מאַמעס, דאָס הייסט מיין דינסטמיידל, — האָט ער זי פאָרגעשטעלט — לוקאַ רופט מען זי.

ער האָט גענומען די פּעקלעך מיט די מתנות פֿאַר דעם פּעטערס מיידעלעך און איז אַוועקגעגאַנגען און זי איז געבליבן שטיין אין מיטן דער קיך און ניט געוווסט וואָס צו טון מיט די הענט.

פּערעלע בורשטיין האָט באַטראַכט די נייע דינסט. אַ ייִדיש מיידל מיט אַזאַ גוייִשן נאָמען? געזאָגט האָט זי גאַרניט. זי האָט געוויזן דער נייער דינסט ווו מען שליסט איין דאָס ליכט און ווו עס ליגן די שוועבעלעך. געווונטשן איר אַל דאָס בעסטע און אַהיים געגאַנגען דערציילן איר חיימען די נייעס.

ניומע האָט זיך אומגעקערט ווען אין דרויסן איז שוין געווען גאַנץ פֿינצטער. און דאָס ערשטע וואָס ער האָט געטון: ער האָט אַריינגעדרייט אין דער קיכטיר פֿון אינעווייניק אַ קייטעלע, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך.

— וועסט פֿאַרקייטלען אויף ביי נאַכט, — האָט ער געזאָגט, — און קענסט שלאָפֿן רויִק.

איז זי געשלאָפֿן. געשלאָפֿן ווי אַ דערהרגעטע, אָן חלומות. אויפֿגעכאַפּט האָט זי זיך ווען די אינדערפֿרייִקע זון האָט איר אָנגעשיינט אַ פֿולע קיך מיט פֿרישער וואַרעמקייט. זי האָט אַרויסגעקוקט אין גאָרטן און דערזען דעם יונגן בעל־הבית, אַ בחור — אַ ליכט — ווי ער וואַשט זיך אַ האַלב־נאַקעטער ביי דעם בלעכענעם וואַשבעקן, ניט ווייט פֿון דער קרעניצע.

שפּעטער האָט די מאַדאַם בורשטיין זי גערופֿן און זיי זיינען ביידע געגאַנגען אין מאַרק איינקויפֿן. פּערעלע האָט איר געוויזן ווו עס וווינט דער שוחט. זי זאָל וויסן ווו מען קוילעט די הון וואָס זיי האָבן געקויפֿט, און שפּעטער איר געליען דאָס זאַלצברעטל.

ביסלעכווייז האָט דאָס לעבן זיך איינגעאָרדנט. ניומע האָט געלאַכט, נאָר געלט, אויף איינצוקויפֿן מילכיק און פֿליישיק געשיר, האָט ער געגעבן. ער האָט געפּאָדערט זיי זאָלן עסן אין איינעם, ביי איין טישל. נאָר אַזוי ווי ער האָט מער געקוקט אין בלאַט ווי אין טעלער, האָט ער גיך אויפֿגעהערט באַמערקן, אַז אייגנטלעך וואַרט איר אָנבייסן ביז ער עסט אָפּ און קערט זיך אום צו זיינע שילערס. ער האָט איר שטרענג אָנגעזאָגט, זי זאָל

אים רופן פּשוט: ניומע. — „דו האָסט דאָך געדינט ביי מיין מאַמען, וואָס זשע רופסטו מיך בעל־הבית ?״

און טעג האָבן זיך געשנירלט אין וואָכן. און די וואָכן האָבן אַוועק־געשפּאַצירט איינע נאָך דער אַנדערער. דער פּעטער קאַלמען איז שוין צוויי מאָל געווען צו גאַסט. דאָס ערשטע מאָל איז ער ספּעציעל אַריינגעקומען אין קיך. געפרעגט ווי עס לעבט זיך איר. דאָס צווייטע מאָל האָט זי געהערט ווי ניומע לויבט זי. ער דערציילט דעם פּעטער ווי אַזוי זי האָט איינגע־פירט כּשרות: יעדער פרייטיק צו נאַכט באַקום איך געפילטע פיש און פרישע חלה. דאָס טישל איז באַדעקט מיט דעם שבתדיקן טישטעך. עס פעלט נאָר די פלאַש ווייַן אויף קידוש. כ׳וועל זיך ניט וווּנדערן, אויב אין אַ שיינעם טאָג וועט זי קויפן לייכטערס און אָנהייבן בענטשן ליכט.

— ביסט אַ ייִד, — זאָגט זי, — דאַרף ביי דיר זיין ווי ביי ייִדן.

זי האָט זיך פאַרחברט מיט די שכנים. פערעלע האָט איר שוין געוויזן און איבערגעוויזן די בילדער פון אירע זין, שנירן און אייניקלעך. פערעלע לערנט זי באַקן אַלערליי געשמאַקע געבעקסן. די צוקער־פּלעצעלעך, וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט מאַכן צעגייען זיך ממש אין מויל. דעם פּעטער קאַלמענס מיידעלעך, וואָס כאַפּן זיך אַריין שבת פונעם שפּאַציר, לעקן פון זיי די פינגער. נאָר אין ניומע שווייגט. ער עסט זיי גערן, נאָר ער זאָל אַ מאָל זאָגן אַ גוט וואָרט, דאָס ניט. ער רעדט מיט איר זייער ווייניק. מען הערט מער ניט זיין פריילעכן רוף — „לוקאַ!״ „לוק!״ צי האָט ער זיך אויף איר באַליידיקט ? גיכער ניט. ער קען פּשוט ניט פאַרגעסן ווער זי איז. ער זאָל עס זי אַ מאָל אַ פרעג טון וועגן איר פאַרגאַנגענהייט. עס אינטע־רעסירט אים ניט. זי גייט אים ניט אָן. שווערער פון אַלץ איז די פרייע צייט. זי האָט צו פיל פרייע צייט. שווער זיינען די אויפדערנאַכטיקע שעהען. ניומע לערנט. די טיר פון זיין צימער איז אָפן. איבערן קאָרידאָר — אַ פּאַס ליכט. אין קיך איז פינצטער. די הענט אונטערן קאָפּ — ליגט זי אויפן פאַרבעטן בעט. — שטיל אין שטוב, שטיל אין גאַס. זי הערט, דאַכט זיך, ווי עס סקריפּעט זיין פען אויפן פּאַפּיר.

די ערשטע צייט האָט ער זיך באַצויגן צו איר אַ סך וואַרעמער. ניט איין מאָל האָט זי געכאַפּט אויף זיך זיין פאַרשנדיקן בליק. אין גיכן וועט

ער פֿאַרן אָפּגעבן עקזאַמען און זי וועט בלייבן דאָ איינע אַליין. חוץ אים האָט זי דאָך דאָ קיינעם ניט. ליגט זי און שטעלט זיך פֿאָר, ווי ער איז געקומען און זיך צוגעזעצט לעבן איר... זי רוקט זיך אָפּילו אָפּ און מאַכט אים אַ פּלאַץ. דערציילט זי אים און דערציילט:

...די מאַמע איז איר געשטאָרבן ווען זי איז נאָך קיין גאַנצע זיבן יאָר ניט אַלט געווען. באַלד האָט דער טאַטע געבראַכט אַ צווייט ווייב, אַן אויסגעדייווערטע מאַלדאַוואַנקע. די שטיפמאַמע האָט געקינדלט און זי איז געוואָרן אַ ניאַנקע ביי די רעוועבדיקע סמאַרקאַטע ברידערלעך. אַליין אַ שוואַך באַשעפעניש, מיט אַ שטענדיקער נאַגעניש אונטערן לעפעלע, אַ נאַגעניש פון מאַמאַליגאַ מיט זויערע אוגערקעס. די שטיפמאַמע האָט גאַנצע טעג געוואַשן וועש אין פרעמדע שטיבער. דער טאַטע האָט שוין דעמאָלט געשיכּורט.

צו צוועלף יאָר האָט זי די שטיפמאַמע אָפּגעפירט צו די פייערמאַנס. די פייערמאַנקע, אַ ייִדענע ברייטער פון לאַנג, מיט צוויי געשוואָלענע פיס ווי קלעצער, האָט זיך געניייטיקט אין אַ דינסט. און פאַר איר, דער צוועלף־יאָריקער ציגיינערטע, האָט זיך אָנגעהויבן אַ זאַט לעבן. די פייערמאַנקע האָט זי צוגעלאַנטשעט ווי אַן אייגן קינד. דער בן־יחיד אירער האָט געלערנט אין דער פרעמד. דער אַלטער פייערמאַן, תּמיד פאַרטון אין זיינע געשעפטן, האָט ווייניק צייט געהאַט פאַר זיין שווערוואַגיקער ברייגען. האָט זי די גאַנצע פרייע צייט אָפּגעגעבן דער קליינער ציגיינערטע. זי איז געווען איר ערשטע און איינציקע דערציערין. ביי איר האָט זי זיך געלערנט וואָס גוט איז און וואָס שלעכט. דערפאַר איז פאַר איר קיין שום אַרבעט ניט געווען צו שווער. זי איז דער בעל־הביתטע פאַרלאָפן אַלע וועגן. ניט אַזוי פון דעם גוטן עסן, ווי פון דער גוטער באַציונג איז זי געוואַקסן און געוואָרן פון יאָר צו יאָר שענער. אין די לאַנגע ווינטעראָוונטן פלעגן זייביידע, ווי חברטעס, זיצן און זינגען ייִדישע לידלעך. די פייער־מאַנקע האָט געהאַט אַ זיסע שטים און ליב געהאַט זינגען. לידלעך האָט זי געקענט, אָן אַ שיעור.

אַ יאָר פופצן איז זי אַלט געווען, ווען משהלע, דער בן־יחיד זייערער, האָט אין די זומער־קאַניקולן אָנגעהויבן צו איר צושטיין. אַ געזונטער

בחור, אַן איבערגעפּרעסענער, דעם הינקענדיקן פוס זיינעם האָט מען קוים באַמערקט. דאָס לערנען איז ביי אים געגאַנגען מיט אַ סקריפּ. ער האָט געהאַט אַ שווערן קאָפּ, נאָר לאַנגע און פלינקע הענט וואָס האָבן געפּרוווט קריכן צו איר אין בוזעם. צו פופצן יאָר האָט זי אים נאָר געפּאַטשט איבער די הענט. צו זעכצן, פלעגט ער זי פּאַקן אין קיך אָדער אין קאַמער און אָנקושן איר די הייסע ליפּן. פון זיין אַרומנעמען פלעגט איר דאָס גאַנצע בלוט אַריין אין קאָפּ. זי איז שוין געווען אַ גרויסע. זי האָט אָנגעהויבן שלעכט שלאָפן ביי נאַכט.

זומער איז עס געווען: הייסע טעג און דושנע נעכט. ביי נאַכט איז ער אַריין צו איר אין קיך. זיי האָבן זיך געראַנגלט אָן ווערטער. זי האָט מורא געהאַט די בעל־הביתטע זאָל ניט דערהערן. די שרעק און חרטה זיינען געקומען דערנאָך.

פּאָר טאָג האָט זי פּאַרוואַשן דאָס ליילעך. די צווייטע נאַכט איז ער ווידער געקומען. און אַזוי אַלע נעכט. זי האָט געברענט אין שטילן פייער.

אין גיכן איז זי געקומען, די שטראָף. דער אַלטער פייערמאַן האָט פאַרשטאַנען אַז קיין דאָקטער וועט פון זיין יורש ניט אַרויסקומען. די גימנאַזיע האָט ער ווי עס איז געענדיקט. פון מיליטער־דינסט איז ער פריי. איז אויף וואָס וואַרטן? עס האָט זיך אָנגעמערקט אַ גוטער שידוך מיט אַ שיינעם נדן. דער מחותן איז גרייט אַריינעמען דעם קומענדיקן איידעם צו זיך אין געשעפט. האָט מען זיך צונויפגערעדט און געפּאָרן קיין כאָטין שרייבן תּנאים.

צו ווען האָט זי געקענט האָבן טענות? אין טאָג פון זייער אָפּפאָרן האָט זי דאָס ערשטע מאָל געבראָכן. דאָס אַלטע פּאָרל האָט זיך אומגעקערט אין אַ וואָך אַרום. דער חתן איז געבליבן אין כאָטין. און זי האָט אַן אויפהער געבראָכן.

די פייערמאַנקע האָט זיך באַלד אָנגעשטויסן וואָס דאָ האָט זיך פּאַר־קאָכט. זי האָט גוט געוווסט וואָס איר זונדל פלעגט טון יעדע נאַכט אין קיך. אַרויסטרייבן די שיקסע? קען עס דערגיין צו די מחותנים און זיי וועלן אָפּלאָזן דעם שידוך. צו די צרות איז די מויד אַ מינער־יאַריקע. עס וועלן זיך געפינען „גוטע" מענטשן און אויפקלערן דעם טאַטן אירן, דעם שיכּור,

וועט מען האָבן געברענטע צרות. דער בעסטער אויסוועג: שאַ, שטיל, פּטור ווערן פונעם קינד, און וואָס גיכער, ווייל ווער ווייסט, צי עס איז שוין ניט צו שפּעט.

דער בעל־הבית אַליין איז מיט איר געפאָרן. אַ דאָקטער, און אפשר אַ פעלדשער, האָט עס איר געמאַכט. צוריקגעבראַכט האָט מען זי מער טויט ווי לעבעדיק.

אַ גאַנצע וואָך איז זי אָפּגעלעגן אין גרויסער היץ. די שכנים האָט מען געזאָגט — אַ לונגען־אָנצינדונג. די בעל־הביתטע איז פון איר ניט אָפּגעטראָטן ניט ביי טאָג און ניט ביי נאַכט. נאָר זי האָט שוין גוט פאַר־שטאַנען: דאָס איז ניט פאַר געטרייקייט, דאָס איז פאַר מורא זי זאָל ניט שטאַרבן. אַ לאַנגע צייט האָט געדויערט ביז זי איז געקומען צו זיך. מען האָט זי ניט אַרויסגעטריבן, ניט אָפּגעזאָגט. ווו נעמט מען נאָך אַזאַ געטרייע דינסט? נאָר די חברשאַפט מיט דער בעל־הביתטע האָט זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל געענדיקט.

4

ניומע איז געפאָרן אָפּגעבן די סיום־עקזאַמענס. ווען ניט די בורשטיינס,
— כאַטש גיי פון זינען אַראָפּ!

די צייטיקע וויינשל, אין גאָרטן, לאָזן ניט רוען די שכנישע ייִנגלעך. קומען זיי אָן און רייסן. בעט זיי פּערעלע: רייסט, חברה, וויפל איר ווילט, נאָר ברעכט ניט די צווייגן. איז אָבער נאָר די פאַרוועלטע פרוכט זיס. אַז מען זאָגט דיר רייס, פאַלט אָפּ דער חשק צו רייסן. וואָסי? עס פעלן וויינשל אין דער היים? דער מאַרק איז מיט זיי פאַרשאָטן. רייסט לוקאַ אָן איין קעסל וויינשל און אַ צווייטן. מען צעלייגט אַ פייער, ניט ווייט פון דער קרעניצע, און מען פרעגלט בשותפות איינגעמאַכטס, מען פאַרשיט בוטלעס אויף ווישניאַק, מען פאַרדרייט גלעזערנע באַנקעס, זאָל זיין ווינטער אויף פּירעשקעס.

דער אַלטער חיים וואַרעמט זיינע רעוומאַטישע גלידער אויף דער זון.

ער לייענט פּערעלען פון זיין ייִדישער צייטונג וועגן דעם ׳מח־שמוניק, וועגן היטלערן, און וועגן קוזאַן[1] מיט זיינע קוזיסטן. נישקשה, זאָגט ער, מיר האָבן אַ גרויסן גאָט אין הימל, אַלע וועלן זיי האָבן המנס מפּלה. וועגן המנען ווייסט לוקאַ אַז דאָס האָט צו טון מיט פּורים ווען מען באַקט המן־טאַשן און מען שיקט שלח־מנות.

אויף דער נאַכט, ווען די בורשטיינס שלאָפן שוין, זעצט זי זיך אַוועק ביי ניומעס טיש און נעמט מישן זיינע בלעטער: דעם אַדעווערול און די דימיניאַצאַ.[2] עס לייענט זיך איר שווער, נאָר זי לייענט. לייענט וועגן איינעם וואָס האָט דערשטאָכן זיין פרוי ווייל ער האָט זי געכאַפּט מיט דעם שכן. לייענט ווי מען האָט אָפּגעראַבעוועט אַ מאַגאַזין און געקוילעט די קאַסירשע... פונעם לייענען ווערט זי מיד, און אַזוי, ביים טיש זיצנדיק, שלאָפט זי איין און עס חלומען זיך איר די געלייענטע מעשיות: דער גזלן וואָס ראַבעוועט דעם מאַגאַזין איז איר געוועזענער בעל־הבית, שמואל פייערמאַן, און זי איז די אָרעמע קאַסירשע. ער שטייט איבער איר מיט דעם לאַנגן קיכמעסער. זי רייסט זיך פון זיינע הענט און קען זיך ניט אַרויסרייסן. זי כאַפּט זיך אויף פּיטש־נאַס. און דאָך אַזוי נעמט זי, אויף מאָרגן, די פרישע בלעטער צו זיך אין קיך. דאָס לייענען קומט איר אָן ניט גרינג, נאָר זי לייענט. זי האָט קיין מאָל פריִער קיין בלעטער ניט געלייענט.

און ניומע האָט די עקזאַמענס אויסגעהאַלטן. ניומע פאָרט אַהיים. דער וועג אין אוניווערסיטעט איז פאַר אים אָפן. צי איז ער טאַקע מיט אַן אמת אָפן?

אין יאַסער און אין בוקאַרעשטער אוניווערסיטעטן צווינגט מען די ייִדישע סטודענטן זיצן באַזונדער, אויף די הינטערשטע בענק. ניטאָ די וואָך מען זאָל עמעצן פון זיי ניט אָנברעכן די ביינער. אַ כוואַליע פון אַנטי־סעמיטיזם האָט פאַרגאָסן דאָס לאַנד, די וועלט! — פאָרן קיין אויסלאַנד? — וווּהין? פון בערלין אָדער ווין איז ניטאָ וואָס צו רעדן. טשעכיע האָט

1. פירער פון אַן אַנטיסעמיטישער פּאַרטיי.

2. טעגלעכע רומענישע צייטונגען.

שוין היטלער אויך איינגעשלונגען. בלייבט בעלגיע, פֿאַריז. נאָר ס'איז נאָך אַ פֿראַגע צי וועט מען אים אַרויסלאָזן. און אויב יאָ, וואָס וועט זיין מיט לוקאַן? וואָס וועט בכלל זיין מיט לוקאַן? זי חברט זיך מיט די שכנים, דעם פּעטערס מיידעלעך קענען זיך מיט איר ניט אָנלויבן, אַפילו דער פּעטער בורטשעט מער ניט, נאָר ער אַליין... אים איז שווער צו קוקן אין אירע שיינענדיקע אויגן. די פרישע ליפּן אירע, די ווייסע ציין, זעט ער מיט פֿאַרמאַכטע אויגן.

אין שטעטל זיינען דאָ געגנוג יונגע־לייט וואָס גיבן פּריוואַטע לעקציעס. ער האָט געגנוג ניט־פֿאַרגינערס, ווייל ראשית איז ער אַ גוטער לערער און צווייטנס איז ער קאַלמען קופּערשטיינס פּלימעניק. אין שטעטל ווייסט מען אַז ער איז געגנוג רייך און אין די לעקציעס נייטיקט ער זיך ניט. דווקא דערפֿאַר ווילן מענטשן זייערע קינדער זאָלן לערנען ביי אים. מען האַלט אים פֿאַר אַ גדלן. מען רופֿט אים ניט ביים נאָמען. מען רופֿט אים: „דער פּלימעניק".

דאָ ניט לאַנג האָט זיך צו אים אַריינגעשטעלט אַ שדכן. אַ ייִד מיט אַ פֿולן בויך שידוכים.

— וואָס הייסט, איר ווילט ניט חתונה האָבן? — האָט ער געפֿרעגט.

— איר זייט שוין ניט אַזאַ יונג ייִנגעלע. איר ווילט לערנען? האָב איך פֿאַר אייך אַ כּלה, אַ קראַסאַוויצע, וואָס וויל אויך לערנען. וועט איר מיט איר פֿאָרן לערנען על־חשבון אַ שווער. און נאָך האָב איך...

ווי נאָר לוקאַ האָט פֿאַר אים אָוועקגעשטעלט טיי מיט צובייסנס, האָט ער זיך גלייך באַרויִקט און אויפֿגעהערט שיטן מיט שידוכים. ער האָט זי באַטראַכט פֿון קאָפּ ביז די שטאַלטנע פּיס. מער האָט ער גאָרניט געזאָגט. גייט אַזאַ ייִדליק און שטעלט זיך אַוועק אין מיטן מאַרק: „דער ,פּלימעניק', — זאָגט ער, — טראַכט אַפילו ניט פֿון חתונה האָבן. אים איז אַזוי אויך גוט. דאָס דינסטמיידל זיינס האָט איר געזען?..."

די רייד זאָלן כאָטש צו לוקאַן ניט דערגיין.

אַלע יאָרן האָט ער ליב געהאַט זיין צווישן מענטשן. געגלייבט אַז ער האָט זיי וואָס צו זאָגן. היינט ווייסט ער ניט אַפילו וואָס צו זאָגן זיך אַליין. זאָל זיין, דער קאָמוניזם זיינער איז געוועזן ניט מער ווי אַ ייִנגלשע

פאַנטאַזיע, אַן איינרעדעניש. ס'איז דאָך אָבער אַ פאַקט: אַזוי ווי די וועלט פירט זיך, טויג זי ניט. אַזאַ ווי זי איז קריכט זי צוריק אין מיטל-עלטער און נאָך ערגער, צו ווילדקייט, צום אומקום! און ער טריפעט זיך ווי אַלע, וואַרפט זיך אין דער ניט-געזעענער נעץ. עמעצער ציט די שטריק, שלעפט די נעץ. אַלעמען וועט עס אין גיכן אַרויסוואַרפן אויפן לעצטן ברעג, אויף דערשטיקט צו ווערן! אויף אומקום! און קיין אויסוועג איז ניטאָ. אין קאָפּ זשומען ביי אים אַ גאַנצער בינשטאָק בינען. עס ברעכן אים די הענט און די פיס. זעט אויס ער האָט זיך גוט צוגעקילט. און עס וואַרטן נאָך אויף אים גאַנצע אַכצן קילאָמעטערס מיט דער אַקס.

פון דער בריטשקע איז ער קוים אַראָפּגעקראָכן. דעם קורצן וועג פון דעם טויער ביז דער טיר איז ער געגאַנגען ווי אַ בלינדער. לוקאַ האָט אים נאָך קיין מאָל ניט געזען אַזאַ רויט-פאַרפלאַמטן, אַזאַ הילפסלאָזן. זי האָט אים קוים דערפירט צום בעט. אַראָפּגעשלעפּט פון אים דעם וועג-מאַנטל, די שיך, די קליידער. עס האָט אים געוואָרפן אין פיבער. אומזיסט האָט זי געזוכט אין אַלע שופלעדלעך. קיין טערמאָמעטער האָט זי ניט געפונען. דעם טערמאָמעטער האָט געבראַכט די בעל-הביתטע. ער האָט געוויזן ביי די פערציק. מען האָט געדאַרפט אַרויסרופן אַ דאָקטער און צו וויסן טון דעם פעטער קאַלמען.

אין שטעטל זיינען דאָ דריי דאָקטוירים: דער רוסישער דאָקטער, דער אַלטער דאָקטער, — ביידע פאָרן זיי צו די קראַנקע אין אייגענע בריטשקעס, דער נייער דאָקטער גייט נאָך דערוויל צו פוס און וווינט אין גאַנצן מיט געציילטע שטיבער ווייטער. נאָר מען האָט אים אַרויסגערופן צו אַ קראַנקן אין אַנדערן עק שטעטל. ווי נאָר ער וועט זיך אומקערן וועט ער באַלד קומען.

דערוויל האָט פּערעלע בורשטיין געהייסן אויפזידן אַ גרויסן טאָפּ וואַסער און מאַכן דעם חולה אַ הייסע פוסוואַנע, פאַרען אים די פיס, דאָס, זאָגט זי, איז אַ זיכערע רפואה צו אַלערליי בייזע פאַרקילעכצער. האָט לוקאַ געמאַכט אים אַ הייסע פוסוואַנע, אַרומגעווישט אים, ווידער איינגעדעקט אים מיט אַלע דעקן און צודעקכצער. דאָס ציטערניש איז איבערגעגאַנגען, נאָר ער האָט נאָך אַלץ געפלאַמט פון היץ. ער איז געפלויגן, געפאַלן און

ווידער געפלויגן. נאָר פליענדיק און פאַלנדיק האָט ער גוט געפילט דעם צאַרטן באַריר פון אירע פינגער.

דער דאָקטער איז געקומען ווען ס'איז שוין געווען טונקל. אַ הויכער, אַ שוויַיגנדיקער האָט ער דעם חולה אויסגעהערט און אויסגעהערט און אויסגעקלאַפּט, פאַרשריבן צוויי רעצעפּטן און געהייסן לייגן דעם חולה קאַלטע קאָמפּרעסן אויפן קאָפּ. דאָס געצאָלט האָט ער אַראָפּגעלאָזט אין קעשענע ניט געציילט און צוגעזאָגט אַריינקומען מאָרגן נאָך אַ מאָל.

דאָס שכנישע יִינגל האָט דעם פּעטער קאַלמען ניט געטראָפן. ער איז אונטערוועגנס. אפשר וועט ער זיך אומקערן ביי נאַכט — אויף זיין פּלאַץ איז געקומען די דרייצן־יאָריקע סאָניע, דאָס עלטערע שוועסטערקינד. זי האָט געהאָלפן בייטן די קאָמפּרעסן ביז אַרום עלף. אַרום צוועלף איז די היץ אַראָפּגעפאַלן. ער האָט אָנגעהויבן שטאַרק שוויצן. אויפדעקן אים האָט לוקאַ מורא געהאַט, האָט זי אַרונטערגערוקט די האַנט מיט דעם האַנטעך און אַרומגעווישט אים דעם האַלדז, די ברוסט און די פּלייצע.

ס'איז שפּעט. דאָס ליכט אין שטעטל האָט מען שוין לאַנג אויסגעלאָשן. אויפן טיש ברענט דאָס איינגעדרייטע קליינע קעראָסין־לעמפּל. זי זיצט און קוקט אויף זיין אויסגעמאַטערטן, פאַרוואַקסענעם און אַזוי מילדן פּנים. ער שלאָפט. די גאַנצע וועלט שלאָפט, נאָר וואָס איז איר די גאַנצע וועלט? די גאַנצע וועלט איז איר פרעמד און גייט זי ניט אָן. ער, דער איינציקער וואָס איז איר נאָענט, ליגט און הערט זי ניט. ערשט איצט פילט זי ווי שטאַרק זי האָט נאָך אים געבענקט.

— ניומע! ניומעלע! — בעט זי זיך ביי אים אין געדאַנק — הער מיך אויס! פאַרשטיי מיך! — — — ס'איז געווען ווינטערצייט. נאָך חנוכה האָט זיך דער פייערמאַנקע פאַרגלוסט פאָרן צו דער שוועסטער. אַרויסגעפּראַוועט זי, האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט. ביידע האָבן מיר זיך שוין גוט פיינט געהאַט. אין דעם בעל־הבית האָב איך אין גאַנצן פאַרגעסן. אויף דער נאַכט איז ער אַהיים געקומען פריער ווי אַן אַנדער מאָל, לאַנג זיך געוואַרעמט ביי דער הייסער כּרובע, דערנאָך אַן אויפהער געשפּאַנט הין און צוריק איבערן צימער. שפּעט ביי נאַכט, איך בין שוין געשלאָפן, איז ער אַריין, אין הוילן וועש, צו מיר אין קיך און אָן שום רייד זיך אויף מיר אַרויפגעוואָרפן. צו

ערשט האָב איך אַפילו ניט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט פאָר. איך האָב מיך געווערט מיט אַלע כּוחות. ער האָט אַרונטערגעדרייט און געבונדן מיינע הענט. איך האָב געשריען, געפּרוווט בייסן אים, האָט ער מיר פאַרשטאָפּט דאָס מויל. איך האָב געדריגעט מיט די פיס, האָט ער זיי מיר צוגעבונדן, יעדן פוס באַזונדער, צו דעם אייזערנעם בעטל. די שטריקלעך האָט ער געבראַכט מיט זיך. אַריבער די פּופּציק, איז ער נאָך געווען געזונט ווי אַ ביק. איך האָב מיך געדרייט ווי אַ וואָרעם, נאָר אַרויסדרייען זיך פון אונטער אים האָב איך ניט געקענט. ער האָט אָפּגעטון זיינס און איז אַנטלאָפן. אַפילו די הענט מיר ניט אויפגעבונדן.

...מיר איז געלונגען אויסשפּייען די שמאַטע פונעם מויל. נאָר שרייען האָב איך ניט געשריען. צו וועמען שרייען? ווער וועט מיך דערהערן? ווער וועט מיר העלפן? אַזוי ווי איך בין געלעגן, האָב איך געוואָלט שטאַרבן. נאָר פון הוילן וועלן שטאַרבט מען ניט. אין אַ צייט אַרום האָט ער זיך אומגעקערט. ער האָט געבראַכט, מיר געוויזן, און אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ פּאָר געלט־אַסיגנאַציעס. די הענט האָט ער מיר ניט אויפגעבונדן. — „סיי ווי סיי, האָט ער געזאָגט, קיין מיידל ביסטו ניט. אויב דו וועסט זיין אַ גוטע, מיך פאָלגן און שווייגן, וועל איך דיר געבן נאָך און נאָך. וועסט זיך אויספּוצן ווי אַ גראַפיניע. וועסט דיר צונויפלייגן אַ ביסל געלט, וועל איך דיך חתונה מאַכן פאַר דיין גלייכן". כ'האָב געפּרוווט אים אָנשפּייען אין פּנים, נאָר ניט געטראָפן. כ'האָב נאָר געקריצט מיט די ציין. ווען איך קען זיך אַרויסרייסן וואָלט איך אים אַריינגעזעצט דאָס לאַנגע קיכמעסער אין זיין האַריקער ברוסט! כ'וואָלט אים אויפגעטרענט דעם פעטן בויך!...

ער האָט גערעדט און גערעדט. מיט אַ מאָל האָט ער אַ כאַפּ געטון דאָס קישן און מיר פאַרדעקט דאָס מויל און ווידער אַרויף אויף מיר. ער האָט געסאָפּעט ווי אַ פאַראָוואָז און ווידער איז ער אַנטלאָפן צו זיך. דאָס מאָל האָט ער מיר אויפגעבונדן די הענט.

...ניין! כ'האָב ניט געכאַפּט דאָס מעסער און ניט געלאָפן אים קוילען. כ'האָב זיך אַליין אויך ניט איבערגעשניטן דעם האַלדז. כ'האָב צעריבן די פאַרשטאַרצטע הענט, אויפגעבונדן די פיס און זיך באַגאָסן מיט טרערן. אַרום און אַרום בין איך געווען אומריין, פאַרשמירט. אַפילו וואַשן זיך איז מיר

געוועז דערווידער. — וואָס זאָל איך טון? וווהין זאָל איך גיין? אַהיים, צום טאַטן? זיי האָבן דאָרט אַליין ניט וואָס צו עסן.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויער, דורך און דורך געפרוירענער טאָג. דער אַלטער נאָך איז גאַנץ פרי אַוועק צו זיינע געשעפטן. כ'האָב געהערט ווי ער האָט פאַרשלאָסן די פאָדערשטע טיר. אומגעקערט האָט ער זיך שפּעט אין אָוונט. ביי נאַכט איז ער ווידער געקומען. געבראַכט אַ פלאַש וויין און ווידער אַוועקגעלייגט געלט אויפן טישל. דאָרט איז נאָך געלעגן דאָס נעכטיקע. דעם וויין האָט ער געטרונקען אַליין. איך האָב זיך ניט געוועגט. אַלץ איז שוין געווען פאַרפאַלן.

...ער איז געקומען יעדע נאַכט. און איך האָב אים געקאָכט און דערלאַנגט דאָס עסן און ניט אָפּגעסמט, ניט אים און ניט זיך. כ'האָב מיך צוגעוווינט צו זיין שווערלייביקן גוף, און צו זיין סאָפּען. דאָס געלט איז געלעגן ניט גערירט ביז זיין ווייב האָט זיך אומגעקערט. ערשט דעמאָלט האָב איך עס פאַרשטעקט. ערשט ווען איך האָב דערזען די בעל־הביתטע מיט די געשוואָלע־נע פיס, האָב איך דערפילט ווי שטאַרק, ווי טיף איך האָב זיי פיינט ביידע.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז אַ שטיק אין פרילינג. ער האָט מיך אָפּגע־וואַרט אין קאַמער, אין הויף, ווו אין אַ ווינקל. ער האָט זיך אָפּגענוצט. ניט תמיד האָט זיך עס ביי אים באַקומען. מעגלעך די גאַנצע געשיכטע האָט אים שוין באַנג געטון, נאָר אָפּשטעלן זיך האָט ער ניט געקענט. און איך האָב געפאָדערט — באַצאָל. אין מיר איז געוואַקסן דער משוגענער חשק, אַז זי, זיין ברייגע, זאָל אונדז דערטאַפּן. זאָל זי זען ווי דער געטרייער מאַן אירער לעקט מיר אויס יעדן אבר. זאָל זי גרין און געל ווערן פון וויטיק! זאָל זיך איר אָפּרייסן דאָס האַרץ!

...ביז אין אַ פריען פרימאָרגן האָט זי אונדז טאַקע דערטאַפּט אין מיטן דרינען. אים האָט זי גאָרניט געזאָגט. זי האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף מיר: געשלאָגן, געקניפּט, געהאַקט מיט די קולאַקעס, אויסגעריסן מיר גאַנצע זשמוטן האָר. „קורווע! — האָט זי געשריגן, — גאַסנמויד! ציגיינערישע פעל! פאַרנעם זיך פון דאַנען!" פון אויפרעגונג זיינען איר אויסגעגאַנגען די כוחות. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פאָדלאָגע. מיך האָט זי מער

ניט אַנגערירט. זי האָט זיך אַליין געשלאָגן מיטביידע קולאַקעס אין קאָפּ און געוואָיעט, געוואָיעט, און געוואָיעט.

אַוועקגייענדיק האָב איך מיר אַנגעטון אַ לעצט פאַרגעניגן. כ׳האָב אים אַנגעכראַקעט גלייך אין דער אָנגעפּרעסענער מאָרדע אַריין. דאָס מאָל האָב איך געטראָפן.

כ׳בין אַוועק אַהיים. דעם טאַטן האָב איך געפעלט ווי אַ לאָך אין קאָפּ. דער טאַטע האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ מיאוס געשעפט; חברה־לייט האָבן אויפגעריסן אַ פלאָמבירטן וואַגאָן און אַרויסגעפירט אַ גרויסע צאָל זעקלעך צוקער. די גנבים האָט מען געפּאַקט, דעם געגנבעטן צוקער האָט מען ניט געפונען. מיין שלימזל, מיין טאַטע, האָט אויך געמוזט זיין פאַרמישט אין דעם עסק. קיין צוקער האָט ער ניט גענומען. ער איז ביי די גנבים געשטאַנען אויף שמירה. די פּאָר לעי [1] וואָס זיי האָבן אים צוגעוואָרפן האָט ער באַלד פאַרשיכורט. אַ פּאָר טעג האָבן אים די זשאַנדאַרן געהאַלטן ביי זיך אין קעלער. וואָס זיי האָבן מיט אים געטון האָט ער ניט דערציילט. נאָר אַהיים איז ער געקומען שוואַרץ ווי די ערד.

איך האָב אומזיסט געפּרוווט געפינען אַרבעט. קיינער האָט מיך פאַר קיין דינסט ניט געוואָלט. אַלע אויף דער סטאַנציע און אַפילו אין שטעטל האָבן שוין געוווּסט וואָס עס איז געשען ביי דער פייערמאַנקע. דאָס ביסל געלט וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט איז זיך צערונען צווישן די פינגער. פאַר דער שטיפמאַמען בין איך געווען אַן אָנשיקעניש, אַ בושה. פונעם נאָמען קורווע האָט זי מיך ניט אַרויסגעלאָזט, אַפילו די אייגענע ברידערלעך האָבן מיר געשריגן „בליאַד״! [2]

די זשאַנדאַרן האָבן נאָך אַלץ געזוכט דעם פאַרפאַלענעם צוקער. אין אַ טאָג זיינען זיי געקומען און געטראָפן מיך איינע אַליין אין שטוב.

— און דו ווער ביסט? — האָט געפרעגט דער סערזשאַנט. — ווי רופט מען דיך?

1. רומעניש געלט.

2. גאַסנפרוי.

— לוקעריא מאַליגאַ.

— פון וואַנעט האָסטו זיך דאָ גענומען?

— כ'בין דאָ געבוירן.

— ווי אַלט ביסטו?

— אַכצן.

— ווו ביסטו געווען די גאַנצע צייט?

— כ'האָב געדינט ביי די פּייערמאַנס.

די זשאַנדאַרן האָבן זיך איבערגעקוקט און זיך צעשמייכלט:

— דאָס ביסטו די באַרימטע דינסט?

כ'האָב געשוויגן.

— און ווו איז דיין דאָקומענט?

כ'האָב זיי געבראַכט מיין בולעטין.

— און פאַר וואָס איז ער ניט רעגיסטרירט? טו זיך אָן און קום מיט אונדז. אין זשאַנדאַרם־פּאָסט האָט דער סערזשאַנט עפּעס פאַרשריבן אין מיין פּאַפּיר און געשטעלט אַ שטעמפּל. איך האָב מיך אויפגעהויבן און געלאָזט זיך צו דער טיר.

— וואַרט, האָט ער באַפוילן. — זיץ!

— דו ווייסט אַז דיין טאַטע האָט צוגעגנבעט אַ וואַגאָן צוקער. ער וועט ביי אונדז פאַרפוילט ווערן אין טורמע! — וואָס שווייגסטו?! — האָט ער זיך צעשריען, — דו ביסט זיין שוטפטע! ווו איז דער צוקער? וועמען האָט איר אים פאַרקויפט? — ער האָט זיך אויפגעהויבן, אָנגענומען מיט צווי פינגער מיין גאָמבע, פאַרריסן מיר דעם קאָפּ אַרויף — וועסט ענטפערן?! — וועסט זיך מודה זיין?! וועסט זאָגן דעם אמת?!... מיט אַ מאָל האָט ער זיך צעלאַכט און מיר אָפּגעלאָזט די גאָמבע.

— ווילסט ראַטעווען דיין טאַטן? — האָט ער אַ פרעג געטון — אויב דו וועסט זיין אַ ווילע און מיך פאָלגן, אַן פּאַסאַנעט, וועלן מיר דיין טאַטן מער ניט טשעפּען. ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און איבערגעדרייט דעם שליסל, — אויב דו וועסט מאַכן פוילע שטיק, וועסטו נעכטיקן מיט די מייז אין קעלער און העלפן וועט עס דיר ניט העלפן.

אין ווינקל איז געשטאַנען אַ קאַנאַפּע. ער האָט גענומען אָפּשפּיליען דעם

גאַרטל מיט די לעדערנע רימענעס. איך האָב מיך ניט געווערט. עס האָט מיך געפּיבערט, יעדער אבער אין מיר האָט געשריען „גאַסנמויד!“ נאָך אַלעמען, ווען איך האָב געמיינט אַז ער לאָזט מיך שוין אָפּ. האָט ער אויפגעשלאָסן די טיר. דאָרט האָט געוואַרט זיין געהילף. „גיי, — האָט ער אים געזאָגט — איצט איז דיין ריי“, — און איז אַרויסגעגאַנגען. דער זשאַנדאַרם האָט מיר אויסגעוווישט די אויגן. נאָך אַלעמען האָט ער מיך אַפּילו אַ קוש געטון.

אַהיים בין איך געגאַנגען ווי שיכּור. כ'האָב ניט געזוכט קיין קרעניצע, ניט געטראַכט פון טרינקען זיך. נידעריקער פאַלן האָב איך שוין ניט געקענט. גאַר גיך האָט די נויט מיך אַרויסגעטריבן צום וואָקזאַל. בעלנים האָבן זיך געפונען; צופעליקע פּאַסאַזשירן, באַן־אַרבעטערס, אַפּילו גרוי־בערדיקע ייִדן. אַ פויערטע, אַן אַלמנה, האָט מיר פאַרדונגען אַ ווינקל. כ'האָב איר געצאָלט פון יעדן קליענט.

כ'האָב געוואָלט אויפהערן, אַרויסרייסן זיך, אַוועקפאָרן ערגעץ ווו און ווידער זיין אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. זיין אַ דינסט ביי לייטישע מענטשן. קיין אַנדער אַרבעט קען איך דאָך ניט. כ'האָב אָנגעזאַמלט אַ ביסל געלט אויף הוצאות. כ'בין שוין גרייט געווען פאָרן. נאָר די נאַכט אין שטאָל האָט מיך געהרגעט. מער האָב איך לעבן ניט געוואָלט! דו, ניומעלע! דו האָסט מיך אַראָפּגענומען פונעם שטריק. דו האָסט מיך אומגעקערט צום לעבן! צי גלייבסטו מיר, ניומעלע?!...

ניומע איז געשלאָפן. ס'איז צייט געווען איינגעבן אים דעם צווייטן פּראָשעק.

5

ניומע האָט נאָר וואָס געענדיקט פרישטיקן אין בעט, ווען דער פעטער קאַלמען איז געקומען און געבראַכט מיט זיך דעם נעכטיקן דאָקטער. „אָדם כהן — אונדזער פאַמיליען־דאָקטער, — שטעלט ער אים פאָר — מאַכט פון טויט לעבעדיק, אויב עס לאָזט זיך. נאָר די גרעסטע מעלה זיינע איז וואָס ער האָט אַ ווייבעלע — אַן אוצר: שיין און גוט, זינגט און שפּילט און שטאַמט פון ראָמאַנאָווקע“.

דאָס באַטראַכטן דעם חולה געדויערט ניט לאַנג. „ס'איז ניט מער ווי אַ פאַרקילונג — פסקנט דער דאָקטער — אַ טאָג, צוויי אין בעט און אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג".

— לוקאַ! — טוט דער פעטער אַ רוף אין קיך אַריין. דו ווייסט, לוקאַ, אַז איך האָב נאָך הייַנט ניט איבערגעביסן. און דעם דאָקטער האָב איך אַראָפּגעשלעפּט ממש פון דעם בעט. צי וועט זיך ביי דיר ניט געפינען עפּעס צום איבערקייען?

— אויב זיי זיינען גרייט אַ קאַפּעלע וואַרטן, וועט זיין אַ יאַיטשניצע מיט געפּרעגלטע קאַרטאָפל און קאַפּע מיט זעמעלעך.

— וועלן מיר, הייסט עס, איבערכאַפּן, ווייל אַרום און אַרום איז קויטיק: היטלער קריכט שוין צו די פּאָליאַקן. די גאַרדאַ[1] קערט וועלטן. און ייִדן? ייִדן זיינען אומעטום דאָס כפרה־הינדל.

— איז טאַקע ווידער אַ מאָל און נאָך אַ מאָל די איינציקע לייזונג ארץ־ישראל, — זאָגט דער דאָקטער ווי פאַרזעצנדיק זייער פריערדיקן שמועס.

— זאָגט זשע דעם ענגלענדער ער זאָל אַריינלאָזן, אַ רוח אין זיינע ביינער אַריין! ביז מען דערזעט ביי אים די עטלעכע סערטיפיקאַטן קען מען גרוי און אַלט ווערן!

— און ווען ער האָט אַריינגעלאָזט איז מען דען געפאָרן?

— די טעג — זאָגט ניומע — האָב איך זיך באַקענט אין שטאָט מיט אַ בחור וואָס די ענגלענדער האָבן אים אַרויסגעשיקט. זאָלט איר הערן וואָס ער דערציילט! אַ מידבר־לאַנד איז עס, וואָס עסט אויף אירע מענטשן. חלוצים, ענטוזיאַסטן לעבן דאָרט אויף ברויט, ציבעלע מיט מאַראַנצן. מען האָרעוועט ווי די רוחות און מען פלאַנצט פּרדסים פאַר די רייכע קאָלאָניסטן. ווען ניט די מוראַ פאַר די אַראַבער, ווען ניט די נויט צו האַלטן שומרים, וואָלט מען ביי יענע געטרייע ייִדן אַפילו קיין טאָג אַרבעט ניט געקריגן. אַראַבער, זאָגן זיי, קאָסטן ביליקער און אַרבעטן בעסער. און אין שטאָט איז די לאַגע נאָך ערגער. דייטשישע פּליטים, געלערנטע, פּראָפעסאָרן, רייניקן מיסט פון די

---

1. רומענישע פאַשיסטישע פּאַרטיי.

גאַסן! די ענגלענדער, זיי האָבן קיין מאָל ערנסט ניט געמיינט מיט דער באַלפור־דעקלאַראַציע. זיי אינטערעסירט נאָר דער זיכערער וועג קיין אינדיע. וויניקסטנס לגבי דעם לעצטן איז יענער בחור באַשטימט גערעכט.

— דאָס בחורל איז אַ פּוסטער שוויצער — דערווידערט דער דאָקטער. איינער פון די וואָס לייג זיי אַריין די האַנט אין קעשענע און נעם זיי אַרויס אַ וועלט־רעוואָלוציע. כאַפּ־לאַפּ, גיב זיי דעם גן־עדן אויף דער וועלט. ביי אונדז שטייט געשריבן "בזיעת אפך תאכל לחם", און שווייס אַליין איז צו מאָל אויך ווייניק. יאָ, מען לעקט דאָרט ניט קיין האָניק! נאָר עס האַנדלט זיך דאָך וועגן אַ פאָלק פון לופטמענטשן, מנחם־מענדלס, וואָס מען דאַרף זיי איבערשמעלצן, און דאָס איז מעגלעך נאָר דאָרט, אין אונדזער אַלטער היסטאָרישער היים.

— האַלט זיך, ניומע, — לאַכט דער פעטער — אויב דער דאָקטער וועט זיך צו דיר נעמען, מאַכט ער פון דיר אַ ציוניסט.

לוקאַ דערלאַנגט און נעמט אַראָפּ פונעם טיש. איבער וואָס מען שפּאַרט זיך, פאַרשטייט זי ניט. זי וויל נאָר ניומע זאָל אַרויס דער גערעכטער.

— ווי נאָר איר וועט האָבן פרייע צייט, קומט אַריין צו אונדז, לאַדט דער דאָקטער איין ניומען. איך וועל אייך באַקענען מיט מיין פרוי און מיט נאָך וווילע מענטשן. גענוג אייך שוין צו זיין אַ נזיר. און אייך — ווענדט ער זיך צו לוקאַן — אייך אַ דאַנק פאַר דעם געשמאַקן פרישטיק. און זייט אַזוי גוט, מאַכט אויף דאָס פענצטער. אין דרויסן איז זומער. דעם קראַנקן וועט די פרישע לופט באַשטימט ניט שאַטן.

ביי טאָג. אויפן דיל — אַ ציטעריק געפלעכט פון שיַין און גרינע שאָטנס. לוקאַ איז פאַרנומען אין קיך. פון צייט צו צייט קומט זי אַריין פרעגן ווי ער פילט זיך. די דינע ליכטיקע בלוזקע, מיט די קורצע אַרבל, שטרייכן אונטער די וואַרעמע ווייכקייט פון אירע שייגע הענט. דער ברוינער סאַמעט פון איר אָפּענעם האַלדז רופט און ציט. עס העלפט ניט דאָס אָוועקדרייען דעם קאָפּ. זי איז יונג און שיין און ער וויל זי. אפשר איז ער אין איר פאַרליבט? פון וואָס פאַר אַ ליבע קען מען דאָ רעדן? וואָס ווייסט ער פון איר אויסער דעם וואָס עפּעס אַ מעקלער האָט דערציילט. און פרעגן טאָר ער ניט. זי איז אַזאַ פּשוטע, אַזאַ גוטע. זי האָט אים געטרויט און אים ציט צו איר נאָר זיין תאווה.

נעמען און אָפּפירן זי אין שטאָט, זאָל זי דאָרט אַרבעטן ביי וועמען זי וועט וועלן און ביי וואָס זי וועט וועלן? ווייסט ער, אַז אַזוי האַנדלען קען ער ניט. מיט וואָס זשע קען זיך דאָס ענדיקן? מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן? אויב עס וועט צווישן זיי עפּעס פּאַרקומען איז ער דאָך ערגער פון יענעם יונגאַטש! „מאַמע! — זאָגט ער זיך אַליין — קיין נידעריקער מענטש בין איך ניט און וועל ניט זיין!"

זינט די מאַמע איז געשטאָרבן איז זי ביי אים די העכסטע אינסטאַנץ. אין אַלץ וואָס ער טראַכט צו טון באַראָט ער זיך מיט דער מאַמען... וואָס וואָלט די מאַמע געזאָגט, ווי אַזוי וואָלט די מאַמע געהאַנדלט? זי איז ביי אים דער פּוסק אַחרון.

קיין קדיש האָט ער נאָך איר ניט געזאָגט. נאָר צו דער מאַמעס יאָרצייט האָט ער געבראַכט און אָנגעצונדן אַ גרויס וואַקסן ליכט. לוקאַ איז אַרום דעם ליכט געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער. שפּעטער האָט זי ביי דעם אַלטן חיימען אַרויסגעצויגן אַ ביט אין גאַנצן קלאָרע געשיכטע וועגן דער וועלט און יענער וועלט, וועגן גאָט און וועגן דער נשמה וואָס לעבט אייביק.

וועגן גאָט און גאָטס מוטער געדענקט זי נאָר וואָס דער גלח האָט מיט זיי אַ מאָל געלערנט: גאָט האָבן אומגעבראַכט די ייִדן. זיי האָבן אים לעבעדיקערהייט אויפגעקלאָפּט אויפן צלם. נאָר גאָט האָט אויפגעלעבט און וווינט אין הימל. דערפאַר דאַרף מען קושן דעם צלם און בעטן ביי גאָט ער זאָל מוחל זיין די זינד. אַז די ייִדן האָבן אומגעבראַכט גאָט לייגט זיך איר ניט אויפן שׂכל. נאָר פרעגן וועגן דעם ביי די בורשטיינס קען זי ניט. זיי ווייסן דאָך ניט אַז זי איז ניט קיין ייִדישקע.

ווי נאָר ביומע האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, האָט ער אָפּגעשטעקט אַ וויזיט צו די קאַגאַנס. דעם דאָקטער האָט ער ניט געטראָפן אין דער היים. דעם אומגעריכטן גאַסט האָט באַגעגנט אירא, דעם דאָקטערס פרוי. אין סאַלאָן וווּהין זי האָט אים אַריינגעפירט, איז געווען ניט דורכצוגיין. מיט ביכער, צייטונגען, זשורנאַלן און באָטן זיינען געווען פאַרוואָרפן ניט נאָר דער טיש, נאָך אויך דער דיוואַן און אַלע בענקלעך. ביכער זיינען געלעגן אויפן טעפּעך, לעבן דעם ביכערשראַנק. ריין איז געווען, נאָר דאָס ווינקל אַרום דעם קלאַוויר. זעט אויס — קיין אָרדענונג האָט מען דאָ ניט געמאַכט ניט נעכטן און ניט

אייערנעכטן. די מאַדאַם קאַגאַן האָט פּשוט אַראָפּגעשאַרט די צייטונגען פונעם דיוואַן און געמאַכט פאַר אים אַ פּלאַץ.

— זיצט, — האָט זי אים איינגעלאַדן. — אַדאַם האָט מיר וועגן אייך דערציילט. אַליין האָב איך אייך אויך ניט איין מאָל געזען פון דער ווייטנס. — זי האָט ענגער צונויפגענומען די פּאָלעס פונעם שטוב־כאַלאַט און זיך אַנטשולדיקט: — כ׳וועל נאָר אַריינגיין אויף אַ מינוט זיך איבערטון און פאַר איין וועגס צושטעלן טיי. אַדאַם קען יעדער מינוט אָנקומען.

דער קלאַוויר, די נאָטן און די גיטאַרע אויף דעם וואַנט־טעפּעך האָבן קלאָר געוויזן מיט וואָס די בעל־הביתטע פאַרנעמט זיך. באַלד האָט זי זיך אומגעקערט אין אַ לייכט זומערקליידל, אין שיך אויף הויכע קנאַפּל. אָן שום ספק. שיין איז זי. די דינינקע פיגור, די קורץ געשוירענע העל־בלאָנדע האָר, דאָס גלייכע נעזל און די בלויע אויגן גיבן איר צו אַ באַזונדערן רייץ. זי האָט געענדיקט די קעשענעוועער מוזיקשול און לערנט די אָרטיקע „באַרישניעס״ שפּילן קלאַוויר. ליידער זיינען דערויף דאָ וויניק בעלנים.

— אָט העננגט זי, מיין גיטאַרע. מיר׳ן מיט אייך היימישער ווערן, וועל איך אייך אָנטראַלאַלייקען וויפל עס וועט אין אייך אַריין. אַז איך נעם שפּילן, פאַרגעס איך אויפצוהערן. — זי האָט אים געפירט און געוויזן דעם מאַנס באַשיידענעם קאַבינעט. פאַר איין וועגס זיינען זיי אַריין אין קיך, זען צי די טיי זידט שוין. דאָרט האָבן געוואַרט די ניט־געוואַשענע טעלערס פונעם מיטאָג און אפשר אויך פון נעכטן. זי האָט זיך פאַרענטפערט.

— ניט דאָס, — האָט זי געזאָגט — וואָס איך בין אַזוי שטאַרק פאַרנומען. צייט האָב איך גענוג, נאָר דאָס האַרץ ליגט מיר ניט צו די קיכאַרבעטן. ביי מיר איז עס ערגער פון קאַטאָרגע. אַדאַם וועט קומען, וועט ער דאָ מאַכן אָרדענונג. דערויף איז ער אַ ספּעציאַליסט.

באַלד איז דער „ספּעציאַליסט״ געקומען. די טיי האָט ער סערווירט. די פּלעצעלעך צו דעם טיי — האַרט ווי שטיינדעלעך. ביי לוקאַן האָט ער אַזוינע פּלעצעלעך ניט געגעסן. ער איז זיך פאַרזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אין פלאַם פון די דיסקוסיעס האָט ער אַפילו ניט באַמערקט וואָס פאַר אַן אָוונטברויט ער האָט געגעסן. אַן אינטערעסאַנט פּאָרל די קאַגאַנס!

לוקאַ האָט געוואַרט אויף אים זיצנדיק אין דרויסן אויף די טרעפּלעך.

אַזוי, אָנגעשפּאַרט דאָס קעפּל אויף די הענט, זעט זי אויס ווי די כשרסטע יידישע טאָכטער.

— זי האָט אים געוואָלט עפּעס בעטן. צי וואָלט ער ניט געקענט, אין דער פרייער צייט, ווייזן איר דעם יידישן אַלף־בית. זי וויל זייער זיך אויסלערנען לייענען יידיש.

— יידיש ? !

— יאָ. יידיש.

— און ס'וועט דיר ניט זיין צו שווער ?

— איך וועל זיך פלייסן.

ניט נאָר יידיש אינטערעסירט זי. ווו נעמט מען אַזאַ לערער וואָס זאָל איר אויפקלערן : אַ שטייגער, דער יידישער שבת, אַזאַ שטילער, אַזאַ פולער מיט פרייד ! זי דערמאָנט זיך אירע זונטיקן אין דער היים : דער טאַטע כראָפּעט. ער איז נאָך פון נעכטן שיכּור. די שטיפמאַמע, אַ גאַנצע וואָך ווערט זי פאַר־שוואַרצט ביי פרעמדע באַליעס גרעט. קומט דער זונטיק, וואַשט זי און רוימט און פאַרריכט און שעלט, און שלאָגט די קינדער... וועמענס גאָט האָט אַזוי געהייסן ?

6

דער זומער איז אין סאַמע ברען. אין גאָרטן ביי די בורשטיינס, אין שאָטן פון די אַלטע באַרנביימער איז איינגעגראָבן אַ טישל. אויב אַרויס־טראָגן אַהין בענקלעך, אויפהענגען דעם האַמאַק אויפן נוסבוים — מיט וואָס איז עס ניט קיין דאַטשע ?

פאַר נאַכט קומען געסט : די קאַגאַנס, די ביבליאָטעקאַרשע זשעני בוביס. שוין ניט קיין יונגע און אַוודאַי ניט קיין נאַר. זי איז אַ גוטע רעציטאַטאָרין. זי האָט ליב שטיינבאַרגס משלים און נאַדירס קורצע און בייסיקע פעליעטאָנען. איבער אירע ברילן מיט די גראָבע גלעזלעך איז שווער צו וויסן — די אויגן אירע לאַכן אָדער וויינען. דערפאַר טאָקע האָט זי אירא קאַגאַן אַזוי ליב : ווייל עס מאַכט זיך אַז אין מיטן לאַכן

צעווײנט זי זיך, און אין מיטן ווײנען כאַפּט זי אָן אַ געלעכטער. נאָך זשעניען שלעפּט זיך מאיר פישמאַן, דער בוכהאַלטער פון העכטס בוימל־פאַבריק. אַלע דרײ זינגען זײ שײן און האָבן ליב זינגען.

דאָרט ווו עס געפינט זיך זשעני בוביס וועט, פריִער אָדער שפּעטער, זיך באַווײזן אין איר פולער פּראַכט נחום העכטס מיזינקע, די שטעטלשע קראַסאַוויצע נומער אײנס, דיאַנאַ העכט. יעדער אָבער אירער איז אויסגע־טאַקט. די פײערדיק־רויטע, לײכט געשלענגלטע האָר גיבן איר צו אַ באַזונדערן רײץ. זי האָט ליב זינגען. זי האָט ליב דעקלאַמירן. דער עיקר: זי האָט ליב פּאָזירן. אַ מויד — אַ פײער!

דער טאַטע אירער, דער גרעסטער גביר אין שטעטל, האָט פון איר ניט ווייניק צרות. זי איז אַ פליקאַפּ. זי ווייסט אַלײן ניט וואָס זי וויל. צו פופצן יאָר האָט זי זיך פאַרליבט אין אַ שײגעץ. אַ לערער פון גימנאַסטיק אין דער בעלצער גימנאַזיע. קוים מיט צרות האָט מען זי פון דעם שײגעץ אָפּגעריסן, איבערגעפירט זי אין דער סאָראָקער גימנאַזיע. האָט זי זיך אָנגעהויבן חברן ניט מיט איר גלײכן, מיט די האַלעדריגעס, מיט די קאָמוניסטן.

קײן קאָמוניסטקע איז זי ניט געוואָרן. דערויף האָט איר געקלעקט שׂכל, נאָר פאַרליבט האָט זי זיך אין יאָסל געלמאַן, כאַנע שוסטערס זון. אַ שײנער בחור, אַ קלוגער בחור, נאָר ווי קומט ער צו נחום העכט?! די משוגעים האָבן אין אײן צײט זיך אַפילו געקליבן גנבענען די גרענעץ קײן רוסלאַנד. געוועזן אין יענע צײטן אַזאַ מאָדע. מען איז געלאָפן! אַ טײל פון די יאָלדן האָבן די זשאַנדאַרן אומגעבראַכט. און די וואָס זײנען אַריבער די גרענעץ, זײנען ווי אין תּהום אַרײן.

זײ האָבן געענדיקט גימנאַזיע און זיך אומגעקערט אַהײם. ס׳האָט קײן סך ניט געפעלט זײ זאָלן חתונה האָבן. נאָר ניט בײ נחום העכט!

נחום העכט האָט דעם בחור אַראָפּגעבראַכט צו זיך אין קאַנטאָר.

— הער נאָר, דו! — האָט ער אים געזאָגט — ווען דאַ וועלן וואַקסן האָר, — ער האָט אים דערבײ געוויזן די דלאָניע, — וועסטו זײן אַן אײדעם בײ נחום העכט! שלאָג דיר עס אַרויס פונעם קאָפּ! פאַרגעס! און וועסטו ניט פאַרגעסן, וועל איך דיך מאַכן פאַרגעסן. דו ביסט געוועזן פון די

חברה־לייט וואָס האָבן געררופן מענטשן אַריבערלויפן דעם דניעסטער. ווייסט וואָס דיר קומט דערפאַר ? ! און רעד דיר ניט איין אַז דו וועסט מיך איבער־קליגן. אויב זי וועט פון דיר פאַרגיין אין טראַגן, וועל איך איר מאַכן אַן אָבאָרט. נישקשה, מען וועט זי ביי מיר אַזוי אויך פאַרצוקערן. נאָר דו וועסט ביי מיר פוילן אין אָסטראָג. גיב אַ טראַכט: דו האָסט אַן עלטערן ברודער אין באַליוויע, מאַך איך דיר אַ פּאַספּאָרט, קויף דיר אַ שיפסקאַרטע, גיב דיר געלט אויף הוצאות, און טראָג זיך אָפּ.

דער בחור האָט זיך געקווענקלט, נאָר געגומען אָפּטרעטגעלט און איז אַוועקגעפאָרן. די געשיכטע מיט אַלע פּיטשעווקעס האָט דיאַנען דערציילט טאַקע דער טאַטע אַליין. זי האָט זיך עס ניט שטאַרק גענומען צום האַרצן.

דער זומער איז אין סאַמע ברען. די קאָמפּאַניע וואַקסט. מען קומט ווען עס איז נאָך ליכטיק. אויפן טישל וואַרט שוין אַ פולע שיסל פּרוכטן, ערשט פון בוים. שפּילן און זינגען הייבט מען אָן ווי נאָר עס ווערט טונקל. בעסער פון אַלע הערט זיך די גיטאַרע און זשעניעס ניט הויכע שטים. מען טרינקט טיי מיט פרישע בייגל. מען רעדט פון ליטעראַטור, מען שפּאַרט זיך איבער פּאָליטיק, מען דערציילט אַנעקדאָטן און ווידער זינגט מען. קיין פּובליקום פעלט ניט. דער פּלויט איז באַלייגט מיט קליינוואַרג. צו די קינדער קומען צו די מאַמעס. יונגע פּאָרלעך, וואָס קערן זיך אום פון דעם שפּאַציר בלייבן שטיין אויף יענער זייט גאַס. נענטער צוגיין פּאַסט ניט. מען הערט. שפּעטער דערלאַנגט לוקאַ וואַרעמע וווּרשטלעך מיט קאַרטאָפל אין די מונדירן. און נאָך שפּעטער, ווען מען איז שוין בפירוש מיד, טרינקט מען טיי מיט זיסע פּלעצלעך.

די פּרויען, אַלע האָבן זיי אַ „פול מויל” מיט ביומען. צי געדענקט ער די ווערטער, צי קען ער די מעלאָדיע, צי האָט ער שוין געהערט דעם אַנעקדאָט ? אַלע דרייען זיך אַרום איר ביומען. נאָר ווען עמעצער טוט זי אַ פרעג: זאָג נאָר, מיידעלע ? פון וואַנען איז ער דיינער ? וואָלט זי דאָך אַריין אין דער ערד אַריין פאַר בושה.

אַלעמען איז גוט. אַלעמען איז פריילעך. נאָר איר קלעמט דאָס האַרץ. דיאַנאַ רופט ביומען, ער זאָל זי אונטערפירן. זי וווינט ניט ווייט. גייט

ניומע און קומט באַלד צוריק. אויב זי האָט צו דער צייט נאָך ניט געענדיקט איבערוואַשן דאָס געפעס, העלפט ער איר שוויַיגנדיק. נאָר פאַר וואָס שוויַיגט ער? פאַר וואָס זענען ביי אים אומעטיק אַזוי די בלויע אויגן?

ער גייט שלאָפן. און זי זיצט נאָך לאַנג אויף די אויסגעקילטע טרעפּ.

7

אין איינעם אַן אָוונט, אין סאַמע ברען פונעם געזאַנג, האָט זי זיך פאַרטראַכט, און קאָכנדיק די קאַרטאָפל האָט זי, ניט ווילנדיק, אונטערגעכאַפּט די מעלאָדיע, ניט שטילערהייט, ווי ביז איצט, נאָר הויך, אויפן גאַנצן קול.

די ערשטע האָט עס דערהערט אירא. זי איז געקומען צו לויפן מיט דער גיטאַרע.

— אַ נו, — האָט זי געזאָגט, — זינג, זינג ווייטער, לוקאַ דו מייַנע, גאָלדענע! דו האָסט דאָך אַ שטים — אַ פּראַכט!

אויף מאָרגן איז אירא געקומען ביי טאָג און פאַרנומען לוקאַן צו זיך אַהיים אויספּרוּוון איר געהער.

— דו ווייסט — האָט זי געזאָגט ניומען, — די ממזרטע דייַנע האָט אַן אַבסאָלוטן געהער. כ'וועל זי לערנען נאָטן און זינגען לויט די נאָטן. מיר האָבן זיך מיט איר שוין צונויפגערעדט. קיין געלט וועל איך ביי איר ניט נעמען. נאָר צוויי מאָל אין דער וואָך וועט זי מיר העלפן ראַמען.

נו, האָט מען זי אַרייַנגענומען אין דער פרייַלעכער קאָמפּאַניע. איז זי געוואָרן אַ גלייכע צווישן גלייכע. דעם טיש סערווירן די פרויען לויט דער ריי. מען העלפט איר וואַשן דאָס געפעס. די שטים אירע קלינגט העכער און הערט זיך ווייטער פון אַלע אין דער שטילער ביינאַכטיקער גאַס.

די יינגלעך ביים פּלויט קענען זי. זיי אַפּלאַדירן און באַשטעלן ביי איר לידלעך:

— לוקאַ! — שרייַען זיי, לוקאַ! „שרייב דיך שוין איין אין דער

פּאַזשאַרנע קאַמאַנדע"... לוקאַ! עד, „וואָס קלינגט איר קלויסטער־גלאָקן!"
„אַז דער רעבע אלימלך!"... „פּע לינגע פּלאָפּי פער דע סאָף"...[1]

דער דאָקטער קאַגאַן האָט זי פֿאַרצייכנט אין צעטל פֿון די אַרטיסטקעס אויף אַנטייל נעמען אין אָוונט וואָס מען אָרגאַניזירט יעדער ווינטער לטובת דעם ייִדישן שפּיטאָל. אַ גלייכע צווישן גלייכע?! ווען זי נעמט און זעצט זיך אָוועק צווישן זיי, וועגן וואָס וואָלטן זיי מיט איר געשמועסט? וואָס קען זי זיי דערציילן? איר לעבן? דאָס זיינען מענטשן פֿון אַן אַנדער וועלט און זי איז, נאָך אַלעמען, ניט מער ווי אַ דינסט.

ווו איז אַהינגעקומען איר פֿרייע צייט? גאַנץ פֿרי לערנט מיט איר ניומע ייִדיש. חוץ ייִדיש לערנט ער מיט איר אויך אַריפֿמעטיק, געאָגראַפֿיע און עלעמענטאַרע פֿיזיק און כעמיע. זי וויל אַלץ וויסן. און ער קען זיך ניט זאַט אָנקוקן אין אירע שיינענדיקע, אַלץ פֿאַרשטייענדיקע אויגן. מיט אַזאַ שטים, ווען זי איז ניט קיין דינסטמיידל, ווער ווייסט, ווו זי וואָלט געקענט אָנשפּאַרן. נאָך מיטאָג גייט זי צו די קאַגאַנס. איראַ שפּילט אויפֿן קלאַוויר. נאָכדעם זינגט מען, נאָכדעם לערנט מען און נאָכדעם שמועסט מען. אַהיים קומט זי ווען ס'איז שוין טונקל. זי ווייסט פֿאָרויס: ניומען וועט זי ניט טרעפֿן. ער פֿאַרברענגט זיין צייט ווו ער וויל. זי וועט אים דאָך ניט פֿרעגן, ווו ביסטו געווען?

די לעצטע טריט גיבן זיך איר שווער, אַזוי שטאַרק וויל זי, אַז אויפֿמאַכנדיק די טיר זאָל זי דערזען זיינע אויסגעשטרעקטע פֿיס. ער האָט ליב לייענען ליגנדיק אויסגעצויגן אויפֿן שעזלאָנג. פּוסט און אומהיימלעך איז די שטוב ווען ער איז ניטאָ. די הענט לייגן זיך איר ניט צו קיין אַרבעט.

ווו איז ער? צי שפּאַצירט ער מיט פּישמאַנען אָדער מיט אַבראַמאָוויטשן? און אפֿשר איז ער ביי דיאַנאַ העכט? דער דאָקטער האָט וועגן איר געזאָגט: „זאָל זיין זי איז נישט דיאַנאַ נאָר דינאַלע, ווי די באָבע רופֿט זי, צי ווערט זי דען דערפֿון וויניקער שיין? וואָס הערכט, איז מיט העכטקייט שמעקט דאָרט כּלל ניט. אַלץ איז אָנשטעל, פּאָזע". קען דאָך

1. אַ פּאָפּולער ליד פֿון מ. עמינעסקו.

געמאָלט זיין, אַז ניומע שפּאַצירט מיט איר אין יענער זייט קלויסטער. ער קוקט איר אין די גרינע אויגן, נעמט זי אַרום, קושט איר די אָנגערויטלטע ליפּן...

די נעכט זיינען שוין ווייט ניט אַזוינע וואַרעמע. די באַגעגענישן אין גאָרטן האָבן אין גאַנצן אויפגעהערט. מען טרעפט זיך ביי די קאַגאַנס, אין ביבליאָטעק, זעלטענער אויך ביי דיאַנען. לוקאַן האָט קיינער אַהין ניט געלאַדן. לוקאַ פּרעגלט פּאָווידלע, זויערט קרויט און עפּל אויף קוואַסניצעס. לוקאַ גרייט זיך צום ווינטער.

אין אַ פאַרנאַכט איז צו זיי אומגעריכט געקומען זשעני בוביס און געבראַכט מיט זיך אַן אומבאַקענטן בחור. ווער דער בחור איז ווייסטו? האָט זי געפרעגט, ניומע האָט ניט געוווּסט.

— ער זאָגט, דו האָסט מיט אים געוווינט אין איין קאַזיאָנע דירה. אין דער סעקציע „A".[1]

האָט זיך ניומע דערמאָנט: זיי זיינען ווירקלעך געזעסן אין איינעם, נאָר אויף פאַרשיידענע שטאָקן. געזעסן איינער דעם אַנדערן, נאָר פון דער ווייטנס, אין דער צייט פון דעם קורצן שפּאַציר אין הויף. זיי האָבן זיך קיין מאָל פּערזענלעך ניט געטראָפן. ער ווייסט אַפילו ניט ווי מען רופט אים. האָט זיך דער בחור פאָרגעשטעלט: נאָטע רופט מען אים. נאָטע זיגלבוים. דריי יאָר איז ער אָפּגעזעסן אין דאָפּטאַנאַ. אין שטעטל האָט מען אים שוין אָנגעהויבן פאַרגעסן. צוריק מיט צוויי וואָכן האָט מען אים באַפרייט. ניומען האָט ער געזען אין ביבליאָטעק, נאָר ער האָט ניט געוווּסט ווי מען רופט אים. האָט ער געפרעגט זשעניען. זשעני קען דאָס גאַנצע שטעטל. לויט די ביכער וואָס מען נעמט ביי איר. ווייסט זי מיט וואָס יעדער אָטעמט.

דער גאַסט איז אָפּגעזעסן דעם גאַנצן אויפדערנאַכט, אויסגעלייגדיקט אַ פולע וואַזע מיט עפּלעך. אין ברען פון שמועס האָבן זיי ביידע אויפּ־גענעגעסן אַלע קאַלטע קאָטלעטן וואָס זיינען געווען אין שטוב. לוקאַ האָט געהאַט געבוג צייט אויף צוצוקוקן זיך צו אים. ער געפעלט איר ניט. דאָס

1. צענטראַלע רומענישע טורמע פאַר פּאָליטישע אַרעסטאַנטן.

פּנים זיינס איז ווי צונויפגעשטוקעוועט פון פאַרשיידענע, ניט פּאַסיקע טיילן: אַ מאַסיווע, ענערגישע נאָז און אַ שמאַטיק, דין־ליפּיק מויל, גרויסע, ווי צוגעקלעפּטע, אויערן און שאַרפע, ברוגזע אויגן.

ניומע טראַכט, דער נאָטע, ער האָט זיך נאָך ניט אויסגעטשוכעט פון דער טורמע. ער ווייסט ניט וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, בראַווירט ער מיט זיין רעוואָלוציאָנערן אָפּטימיזם: „מיר האָבן, זאָגט ער, דורכגעמאַכט אַ גוטע רעוואָלוציאָנערע שול און וועלן זי אויסנוצן אין דער פּראַקטישער אַרבעט. אויב אין אַזעלע גורלדיקע צייטן טרייסלט זיך ווער אָפּ פון זיין חוב, גרענעצט עס מיט פאַרראַט!"

ניומען איז די פּראָזעאָלאָגיע גוט באַקענט. ער קען זיך ניט דערמאָנען אין וואָס ס׳איז באַשטאַנען די רעוואָלוציאָנערע שול וואָס ער האָט כלומרשט דורכגעמאַכט. דאָס רוב פּאָליטישע אַרעסטירטע זיינען שטאַטישע האַלב־אינטעליגענטן, יידן. מיט רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג שמעקט אַפילו ניט. פאַרקערט: אַרום און אַרום וואַקסט דער שוואַרץ־מאַהדיקער נאַציאָנאַליזם, דער אַנטיסעמיטיזם. און ער, נאָטע, שוועבט נאָך אַלץ אין זיינע אויסגע־טראַכטע הימלען. מעגלעך, ס׳איז ביי אים, פּשוט, די רעאַקציע אויף דריי אומזיסט באַגראָבענע יאָרן. עס געפעלט אים אויך ניט די אויגן מיט וועלכע דער בחור קוקט אויף לוקאַן. די אויגן זיינע האָבן שוין אויסגעטאָפּט יעדער אֵבר אירן. די הענט זיינע זיינען גרייט צו כאַפּן...

ניט מער ווי אין עטלעכע טעג אַרום, אין מיטן העלן טאָג, אַ מידער און אַ ביסל אַ פאַרלוירענער, האָט זיך אַריינגעשטעלט דער פעטער קאַלמען. ער האָט זיך שווער אַוועקגעזעצט, אַזש דאָס בענקל האָט אונטער אים אַ קרעכץ געטון.

— נו, — האָט ער זיך געוואָנדן צו ניומען — וואָס וועסטו זאָגן דערויף, חכם בלילה!

באַלד איז נאָכגעקומען די גאַנצע קאָמפּאַניע. זיי האָבן מיטגעבראַכט אויך נאָטע זיגלבוימען און נאָך עפּעס אַן אומבאַקענטן יונגן־מאַן. זעט אויס זיי האָבן אָפּגעשמועסט דאָ זיך צו טרעפן. דער פרעמדער יונגער־מאַן האָט געהערט די לעצטע נייעס אויף ענגליש. ער האָט שוין צום ווייפלטן מאָל איבערגעחזרט: סטאַלין האָט אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך מיט היטלערן.

— וואָס איז שוין דער חילוק, צי ריבענטראָפּ איז געפאָרן קיין מאָסקווע, אָדער מאָלאָטאָוו — קיין בערלין, מען האָט זיך צונויפגערעדט. געשלאָסן אַן אָפּמאַך פון ניט אָנפאַלן, אַ פאַרברייטערטן האַנדלס־אָפּמאַך און ווער ווייסט וואָס נאָך ?! איצט האָט דער יִמח־שמוניק פרייע הענט. ניטאָ וואָס מקנא זיין פוילן, און פריִער פאַר אַלעמען — אונדז, די יידן.

— ווי אַזוי האָט סטאַלין געקענט אַזוינס אָפּטון ? וואָס וועט ער זאָגן דער וועלט ?!

ניומע ווייסט : מאָטיוון וועט מען צוטראַכטן. מאָטיוון קען מען תמיד געפינען. ווער וועט איצט שטערן היטלערן איינשלינגען פוילן, פאַרכאַפּן רומעניע ?

נאָר איין נאָטע פאַרטיידיקט די סאָוועטן :

— איר פרעגט, ווער האָט זיך געקענט דערוויף ריכטן ? מען האָט געקענט און נאָך ווי אַזוי געקענט. ווער האָט פאַרראַטן די שפּאַנישע רעוואָלוציע ? — פראַנקרייך און ענגלאַנד ! ווער האָט געשוויגן, ווען היטלער האָט פאַרכאַפּט עסטרייך ? ווער האָט פאַרקויפט טשעכאָסלאָוואַקיע ? — ענגלאַנד מיט פראַנקרייך ! זיי ווילן אייך אָוועקגעבן אַ האַלבע וועלט, אַבי אָנרייצן היטלערן אויפן ראַטן־פאַרבאַנד. וואָס זשע איז געבליבן סטאַלינען ? איינער אַליין קעמפן קעגן דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט ?..

מען האָט זיך געשפּאַרט ביז הייזעריק ווערן. אָנגערייכערט און זיך צעגאַנגען מיט גאַרניט. וואָס קענען זיי דען טון, חוץ רעדן ?

8

...און היטלער איז אָנגעפאַלן אויף פוילן. ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן אים טאַקע דערקלערט מלחמה, נאָר טאָן טוען זיי גאָרניט. דער דייטש באָמבירט אָן אויפהער. באָמבירט וואַרשע, לאָדזש און קראָקע. דייטשישע טאַנקען רייסן שטיקער פונעם פוילישן לייב און די וועלט שווייגט.

פון זיך אַליין האָבן די באַגעגענישן זיך איבערגעטראָגן צו דיאַנען.

ביי נחום העכט איז דאָ אַ גוטער ראַדיאָ־אַפּאַראַט. ניומע איז היינט געקומען דער ערשטער. געהערט די לעצטע נייעס. דיאַנען אינטערעסירט ניט קיין פּאָליטיק. זי ליגט אויפן דיוואַן. דער ווידענער כאַלאַט מיט די אויסגענייטע יאַפּאַנישע קווייטן פאַרשטעלט ניט אירע שלאַנקע פיס. נאָר וואָס איז די פּעולה? דער „אידיאָט" קוקט ניט. ער שטעקט מיט דער נאָז אין ראַדיאָ. עס העלפט איר ניט דאָס צוגיין הינטער אים און אָנשפּאַרן זיך מיט די האַלב־נאַקעטע הענט אויף זיינע אַקסלען, כלומרשט זי הערט אויך די נייעסן.

— וואָס איז ער, אַ מאַן צי אַ דובינע? זי בייגט זיך צו און שטעקט אים אָפּ אַ קוש אין אָפּענעם נאַקן, נעמט ער אַראָפּ אירע הענט. ער קוקט זיך אַפילו ניט אום.

— ניטע, — זאָגט ער, — מען דאַרף ניט.

קען מען ניט צעטראַסקעט ווערן פון אַזאַ גולם!

דער „גולם" הערט און זעט מיט פאַרמאַכטע אויגן די טויזנטער ייִדן וואָס לויפן און ראַטעווען זיך פונעם דייטש. ער איז מיט זיי. ער פאַרלאָזט מיט זיי די איינגעזעסענע, די טייערע היים, לויפט מיט זיי קיין מיזרח....

און דער עקסטראַוואַגאַנטער מויד גלוסט זיך גראָד איצט קושן זיך.

ווי נאָר ער איז אַהיים געקומען האָט לוקאַ באַלד באַמערקט דעם סימן פון רויטע ליפּן אויף זיין נאַקן. זי האָט אים געבראַכט זיין האַנטעך, ער זאָל אַליין אויסווישן דעם רויטן פלעק.

...פוילן גייט אָפּ מיט בלוט, און עולם כמינהגו נוהג: ייִדן האָבן אין זין פּרנסה. מען האַנדלט. מען גרייט זיך צו די ימים־נוראים. מען פּראַוועט חתונות. די אויסגעקילטע לאַנקע לאָקט ניט מער די יונגע פּאַרלעך. האָט מען איבערגעטראָגן דעם שפּאַציר אויף דער ברייטער גאַס.

ניומע האָט געבראַכט צוויי פּאַקעטן. איינעם האָט ער אָפּגעטראָגן גלייך אין קיך.

לויט דער פאָרעם, קען אין פּאַקעט זיין אַ בילד. נאָר פאַר אַ בילד איז דער פּאַקעט צו שווער. פון דעם פּאַקעט נעמט ער אַרויס אַ ניט גרויסן וואַנטשפּיגל. פריִער האָט ער ניט באַמערקט אַז אין שטוב, אויסער זיין ראַזיר־שפּיגעלע, איז קיין שפּיגל ניטאָ. דעם שפּיגל הענגט ער אויף אין

קיך. עס גייט צו יום־טוב, אַ יונג מיידל דאַרף זיך אויספּוצן. זאָל זי האָבן אין וואָס צו שפּיגלען זיך. פון דעם צווייטן פּאַקעט נעמט ער אַרויס אַ גרויען ווינטער־מאַנטל מיט אַ פוטערנעם קאָלנער, אַ ניי וואָלן קלייד און אַ פּאָר ווינטער־שטיוועלעך, באָטן.

— דאָס, זאָגט ער, — איז דיר אַ מתּנה אויף יום־טוב.

— ניומע, — פרעגט זי שטיל, גאָר שטיל. — פאַר וואָס קומט עס מיר ?

— ווייל איך האָב דיך ליב ! — האָט ער שיִער ניט אויסגעשריען. נאָר באַצייטנס זיך איינגעהאַלטן. ווייל... — האָט ער געצויגן מיטן ענט־פער, — ווייל דו ביסט אַזאַ גוטע, אַזאַ געטרייע.

שפּעט. ניומע שלאָפט שוין. די קיכטיר האָט זי פאַרקייטלט. נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל מעסט זי אָן דעם מאַנטל. ער איז ווי ספּעציעל אויף איר געניייט. דאָס וואָלענע קלייד איז אַ ביסעלע צו לאַנג. וועט זי עס קירצן. די הויכע שטיוועלעך שיינען ממש. קיין מאָל אין איר לעבן האָט זי נאָך אַזוינע קליידער ניט געהאַט. זי שפּיגלט זיך, דערקעמט די לאַנגע זיידענע האָר. זי באַטראַכט די אייגענע נאַקעטע הענט, די פיס, זי גלעט דעם אייגענעם נאַקעטן קערפּער. זי זעט נאָך אַלץ דעם רויטן פלעק פון פרעמדע פרויען־ליפּן אויף ניומעס נאַקן און פילט ניט די טרערן וואָס רינען איר איבער די באַקן.

אומזיסט האָט זי געקאָכט, געבאַקן און צוגעגרייט אויף יום־טוב. דער פעטער איז געקומען און גענומען ניומען צו זיך. זי איז געבליבן איינע אַליין.

ווי נאָר די בורשטיינס זיינען געקומען פון דער שול איז די אַלטע גלייך געקומען צו לוקאַן.

— קום, טאָכטער, — האָט זי געזאָגט, — וואָס וועסטו דאָ זיצן איינע אַליין ? קום, וועלן מיר יום־טובן אין איינעם. אוי, טאָכטערל, ווי און ביטער איז צו זיין אַליין !

נאָך מיטאָג האָבן די אַלטע זיך צוגעלייגט אָפּרוען. און זי איז געבליבן זיצן אויף די וואַרעמע טרעפּ. וואָס איז שוין דאָ צו רעדן, זי האָט אים ליב. ווען זי קען, ווען זי נעמט זיך אָן מיט העזה ! „ניומעלע ! — וואָלט

זי אים געזאָגט — ווען דו ווייסט ווי איך בענק נאָך דיר! יעדער קעמערל פון מיין גוף רופט דיך! איינציקער מיינער! איך ווער נאָך דיר פאַרקוילט! נאָר ווי קום איך צו דיר? איך בין ניט מער ווי אַ געוועזענע גאַסנמויד! פאַרמיאוסט פון קאָפּ ביז די פּיס. איך בין ניט מער ווי דיין דינסט, נאָר איך קען ניט מער! אפשר איז דער זיגלבוים גערעכט. ערב יום־טוב האָט ער זי אָפּגעשטעלט אין גאַס. — עס ווונדערט אים וואָס זי, אַזאַ באַוווּסט־זיניק מיידל, אַרבעט אַלס דינסט. דער בעל־הבית אירער איז טאַקע אַ ווילער בחור, נאָר פאַרט ניט מער ווי אַ בורזשויטשיק. און וואָס איז עס פאַר אַ תּכלית — זיין אַ דינסט. בעסער וואָלט זי אים איבערגעלאָזט און אַוועקגעפאָרן קיין יאַס אָדער גלייך קיין בוקאַרעשט. דאָרט וועט זי זיך פּראָלעטאַריזירן, אויסלערנען אַ פּראָפעסיע, און ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. זאָל זי געפינען צייט און אַריינקומען אין דער „קולטור־ליגע", וועט ער זי באַקענען מיט פּשוטע אַרבעטס־מיידלעך, איר גלייכן. ווייל וואָס פאַר אַ שייכות קען זיין צווישן איר מיט אַזוינע באַרישניעס ווי נחום העכטס מיזינקע?

נחום העכטס מיזינקע, דיאַנאַ העכט. ניומע איז אין איר פאַרליבט, אָדער ער וועט זיך אין איר פאַרליבן. און וואָס וועט זיין אויב ער וועט מיט איר חתונה האָבן? נאָך אַ מאָל זיך הענגען? איינס איז איר קלאָר: אַרויסרייסן אים פונעם האַרצן קען זי ניט.

ניומען איז נימאָס געוואָרן דאָס יום־טובן ביים פעטער, איז ער דעם צווייטן טאָג אַנטלאָפן אַהיים. „הייַנט, האָט ער געזאָגט, גייען מיר צו איראַן אויף אַ קערמישל. איראַ האָט מיר אָנגעזאָגט איך זאָל דיך אומבאַ־דינגט ברענגען".

אָפּגעשיינט אַ לאַנגן טאָג, איז די זון פאַרקראָכן אויף יענער זייט לאָנקע. דער דרויסן האָט זיך אויסגעקילט. אויס יום־טוב.

ניומע האָט געבראַכט דעם גרויסן קויש און גענומען איינפּאַקעווען אין אים אַלץ וואָס ער האָט געפונען אין קיך: די געפילטע פיש און די געבאַקענע הון, דעם מאַרינירטן הערינג און די געהאַקטע לעבער מיט ציבעלע און די בייגעלעך און די פלעצלעך און דעם ניט אָנגעהויבענעם טאָרט און פון אויבן צוויי פלעשער ווייסן ווייַן.

דעם פולן קויש האָבן די געסט אויפגענומען מיט אַ הוראַ. חוץ די געוויינטלעכע געסט זיינען געווען אויך אַ פּאָר געקומענע אויף יום־טוב, סטודענטן, נאָטע זיגלבוים און דער רויטער פּראָוויזאָר מיט זיין פרוי. די שימחה איז געווען אין סאַמע ברען.

באַלד האָט זיך אויפגעשטעלט חיים פישמאַן, ער מיט זשעניען זיינען געזעסן און געפּלאַמט אויבן אָן.

— מיר, איך מיט דער חברטע זשעני, — האָט ער געמאָלדן, — האָבן באַשלאָסן חתונה האָבן.

אָט צוליב וועמען איז דאָס קערמישל. מען האָט געטרונקען לחיים, עמעצער האָט געפּרווט שרייען „גאָרקאָ!” נאָר אַדאָם האָט אים אָפּגע־שטעלט:

— „גאָרקאָ” — האָט ער געזאָגט, — וועלן מיר שרייען אויף דער חתונה. ביי ייִדן איז אַ מינהג: צו די תּנאים ברעכט מען טעלער — און ער האָט גענומען אַ טעלער און אים אַ זעץ געטאָן אין דער פּאָדלאָגע — מזל־טוב! זאָל זיין מיט מזל! ס'איז אַ גוטער סימן. דאָס נייע יאָר הייבט זיך אָן מיט פרייד!

האָט מען ווידער אויסגעטרונקען. געאַרבעט מיט די ציין, געזונגען, געטאַנצט און ווידער געזונגען. ביז מען איז מיד געוואָרן. די מענער זיינען איבערגעגאַנגען צום דאָקטער אין קאַבינעט און דיאַנען האָט זיך פאַרגלוסט שפּילן אין קאָרטן. זי האָט געזוכט אַ דריטע האַנט אויף אַ פּאַרטיע פּאָקער. האָט זי גערופן לוקאַן. נאָר לוקאַ האָט זיך אָפּגעזאָגט, זי קען ניט די שפּיל.

— זע נאָר, — האָט זיך דיאַנאַ ווי דערפרייט — סוף־סוף, מיידעלע, האָב איך אין דיר געפונען אַ חסרון. שיין ביסטו, חן האָסטו, זינגען קענסטו; סאַמע מעלות. דער איינציקער חסרון: קיין פּאָקער שפּילסטו ניט.

— ניט נאָר איך קען ניט שפּילן, נאָר איך האָב אויך קיין געלט ניט. עס פעלט מיר אויס אַ רייכער טאַטע.

דער שמועס מיט דיאַנען האָט איר באַנג געטאָן. אַ גאַנצן אָוונט האָט יענע קיין אויג ניט אַראָפּגענומען פון ניומען. קאָקעטירט האָט זי מיט זיגלבוימען, נאָר געמאַכט עס אַזוי אַז ניומע זאָל עס באַמערקן. דער זיגלבוים איז אויך גוט! ניט לאַנג האָט ער זי געפרעגט, וואָס פאַר אַ

געמיינזאַמקייט קען זי האָבן מיט נחום העכטס מיזינקע און אַליין גייט ער איר נאָך פוס־טריט.

און ביי די מענער האָט מען שוין געהאַלטן ביי גלייבן אין גאָט. ווער אין וואָס גלייבט, אָדער גלייבט ניט. ניומע פּרוּווט זיך דערמאָנען אין וואָס איז באַשטאַנען דער מאַמעס גלייבן. אויף וויפל ער געדענקט, איז דער מאַמעס גאָט, דער גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב. אַ דערבאַרעמ־דיקער אַלטיטשקער, אַ טרייסטער, אַן אַרויסהעלפער אין אַ נויט. ער האָט זי געלערנט, אויף וויפל זי קען נאָר, זאָל זי העלפן די נויטבאַדערפיקע, טון גוטס, ניט אויפהערנדיק צו זיין אַ רייכע קרעמערקע און דערמיט באַרעכטיקן איר רייכקייט ווי אַ שליחות. באַרויִקן דעם אייגענעם געוויסן.

אַ גרויסן טייל פונעם שמועס האָט ער דורכגעלאָזט. דער לעצטער האָט גערעדט אַדאַם: „מיין באַבע, זכרונה־לברכה, פלעגט זאָגן אויף אַ לייטישן מענטש: ער האָט גאָט אין האַרצן. איך באַמי מיך אויך האָבן גאָט אין האַרצן. מיין אינערלעכער גאָט הייסט מיר: העלף בויען אַ היים פאַר דיין פאָלק. העלף אים איבערגעשטאַלטיקן זיך און ווערן אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך. און מיטן באַנייטן פאָלק שפּאַן פאָרויס צו אַ מער גערעכ־טער וועלט”.

ניומע איז אים מקנא. האָסט, בחור, אָפּגעלעבט אַ דריטל פון דיינע יאָרן און ביסט נאָך אַלץ אַ פאַרלוירענער. ווער איז דיין גאָט אין האַרצן?

9

אַהיים האָט מען זיך אומגעקערט נאָך האַלבער נאַכט. ניומע האָט איר איבערגעגעבן דעם ליידיקן קויש און איז געגאַנגען אונטערפירן דיאַנען. אָוועקגעגאַנגען און פאַרפאַלן געוואָרן. דער זייגער האָט געוויזן איינס, און האַלב צוויי און ער איז נאָך אַלץ ניט געקומען.

דער וועג ביז צו דיאַנען און צוריק פאָדערט העכסטנס אַ מינוט צען. האָט זי אויסגעלאָשן דאָס לעמפּל און געזעסן אין דער פינצטער. זי האָט ניט געוויינט. וויינען קען מען ווען עס טוט וויי אַ פינגער, אַ צאָן, נאָר

ווען עס שטאַרבט אין דיר די לעצטע האָפענונג, ווען עס גייען דיר אויס די כּוחות אין שטומער בענקעניש, קען מען דען וויינען?

ער איז געקומען נאָך צוויי. שטיל פאַרשלאָסן די טיר און אויף די שפּיץ פינגער אַוועק צו זיך שלאָפן. זי איז שוין אַזוי אָפּגעזעסן פאַר־שטיינט ביז אין דער פרי.

און מיט ניומען איז אָט וואָס געשען: דעם קורצן וועג ביז צו דיאַנעס שטוב זיינען זיי געגאַנגען שווייגנדיק. און דיאַנען האָט זיך פאַרגלוסט אָפּרוען. האָט מען זיך אַוועקגעזעצט אויף איינער פון די זייטיקע באַלקאָנ־בענק. זי האָט דערקלערט אַז איר איז קאַלט און אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ צו אים אויפן אַקסל, ער זאָל זי אַרומנעמען. ער איז געזעסן ווי אַ געבונ־דענער, נישט גערירט. געטראַכט האָט ער: מיט עפּעס וואָס דערמאָנט זי זיין אַמאָליקע ראָזע. נאָר דערפון ווערט זי אים ניט לאַקנדיקער און ניט נענטער: זי האָט אויסגעשטרעקט די פיס אויף דער באַנק און אַוועק־געגלייגט זיך צו אים אויף די הענט.

— וואָס שווייגסטו? — האָט זי אים געפרעגט, — דו טראַכסט פון עפּעס, צי ניין?

— איך טראַכט, אַז דיר איז צייט גיין שלאָפן און מיר אַהיים גיין.

— איך בין ניט גענוג שוין פאַר דיר?

— שיין ביסטו — האָט ער אַ טראַכט געטון, נאָר ניט פאַר מיר.

— וואָס ביסטו פאַר אַ קאַלטער מלאך אַזאַ? אפשר ביסטו גאָר אַ האָמאָסעקסואַליסט? וויניקסטנס קומט מיר דאָך דו זאָלסט מיר דערקלערן וואָס דאָ קומט פאָר! קיין האָמאָ ביסטו ניט. אויב איך געפעל דיר ניט, טאָ ווער געפעלט דיר? אפשר ביסטו פאַרליבט אין אירען, אין דער מאַדאַם קאַגאַן?

און אויף ניומען איז אָנגעפאַלן אַ פּלוצעמדיקע אָפּנהאַרציקייט. דער ווילן אויסרעדן זיך פאַר עמעצן האָט שוין לאַנג ביי אים געצייטיקט.

— מיש ניט אַריין איראָטשקע קאַגאַן, — האָט ער געזאָגט — זי האָט ניט דערצו קיין שום שייכות. די וואָס איך האָב ליב, — האָט ער פאַרגעזעצט גלייך ער וואָלט רעדן צו זיך אַליין — די וואָס איך האָב ליב

איז אי גאָענט, אי ווייט, ניט דערגרייכלעך ווייט! לוקאַן האָב איך ליב, מיין לוקאַ!

פון איבערראַשונג האָט דיאַנאַ ניט נאָר זיך אויפגעזעצט, זי איז אויפגעשטאַנען. זי האָט אים באַטראַכט און מיט אַ מאָל אויסגעשאָסן אין אַ היסטערישן געלעכטער: כאַ־כאַ־כאַ! זי האָט זיך אַזש אָנגעכאַפּט ביי די זייטן.

— גאָט אין הימל! ער איז פאַרליבט אין זיין דינסטמיידל! שאַמערס אַ נייער ראָמאַן! דער רייכער, דער שיינער פּרינץ האָט זיך פאַרליבט אין זיין דינסטמיידל! נאָר פאַר וואָס איז זי דיר אַזוי ווייט, אַזוי ניט דערגרייכלעך?! זי שלאָפט דאָך ביי דיר אין קיך שלאָפט זי!

וואָס האָט ער איר געקענט ענטפערן. ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַהיים געגאַנגען. און דעם גאַנצן וועג האָט אים פאַרפאָלגט איר געלעכ־טער... זי שלאָפט דאָך ביי דיר אין קיך! כאַ־כאַ־כאַ!..

דער ביינאַכטיקער שמועס האָט אויך דיאַנען רוען ניט געלאָזט. ניט אַלע טאָג ליידט זי אַזאַ מיאוסן דורכפאַל. זי איז אויפגעשטאַנען פריער ווי יעדער מאָל, קאַפּריזנער ווי תמיד. זי האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען. האָט זי זיך אויסגעפּוצט און אַוועק מיט אַן אינדערפריִיקן באַזוך צו אירען.

נאָכן נעכטיקן אָוונט איז ביי די קאַגאַנס ווי נאָך אַ פּאַגראָם. אָבער דער ניט געריכטער וויזיט אינטריגירט. גלאַט אַזוי וועט דיאַנאַ אַזוי פרי ניט קומען. און דיאַנאַ האָט ניט געלאָזט לאַנג וואַרטן.

— ווייסט, — האָט זי געזאָגט, — כ׳וועל דיר דערציילן אַ נייעס, וועסטו פאַלן אין חלשות!

— וואָס איז געשען?

— נעכטן ביי נאַכט האָט מיך ניומע אונטערגעפירט. דו האָסט אַן אַנונג וואָס פאַר אַ גולם ער איז! כ׳האָב אים געהאַלטן אפשר ביז צוויי ביי נאַכט, און ער זאָל מיר כאָטש געוועזן געבן אַ קוש! כ׳האָב אים געדרייט אַהין און אַהער, כ׳האָב מיך צעלייגט ביי אים אויף די הענט און ער — קאַלט ווי אַ שטיין! ביז ער האָט זיך אויסגעקוועטשט: ער איז פאַרליבט. אַזאַ בחור! עס גייט מיר איבער אַ ציטער איבערן לייב ווען איך ריר זיך

צו אים צו! טרעף אין וועמען איז ער פאַרליבט? אין זיין דינסטמיידל! און נאָך אַ מין פאַרליבט! „זי, זאָגט ער, איז מיר ליב און טייער, נאָר זי איז ניט דערגרייכלעך ווייט!" דו שטעלסט דיר פאָר? זי שלאָפט דאָך ביי אים אין קיך! און איצט מוז איך גיין, איך האָב נאָך טויזנט ענינים צו דער־ליידיקן. — און דיאַנאַ האָט איבערגעלאָזט אירען מיט אַן אָפענעם מויל.

אין דער פרי איז ניומע אַוועק אַן איבערבייסן. ער איז אַפילו אין קיך ניט אַריינגעקומען. נאָר איר באַשלוס איז שוין געווען אָנגענומען. זי איז געגאַנגען זוכן זיגעלבוימען. דאָס מאָל האָט איר דאָס מזל צוגעשפּילט: ניט נאָר זי האָט אים באַגעגנט, ניט נאָר ער האָט געדענקט די עצה וואָס ער האָט איר געגעבן, ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און זי אַוועק־געפירט אין אַ זייטיק געסל צו צוויי שוועסטערלעך, וואָס קלייבן זיך היינט — מאָרגן פאָרן קיין בוקאַרעשט זוכן אַרבעט, דאָרט האָבן פוילישע ייִדן אויפגעמאַכט קליינע וועבער־פאַבריקלעך. מען נעמט דאָרט אויף לערן־מיידלעך. אויב נאָטע רעקאָמענדירט זי, דאַרף מען מער גאָרניט. זאָל זי קומען מאָרגן אין דער פרי, וועט מען אין איינעם באַשטעלן אַ בעל־עגלה אויף איבער מאָרגן. מען דאַרף זיך איילן. ניט תּמיד קריגט מען אין בוקאַרעשט אַרבעט.

בעט זי זיגעלבוימען ער זאָל קיינעם ניט דערציילן, ניט אַז זי קלייבט זיך פאָרן און ניט נאָכדעם, ווּהין זי איז געפאָרן. שמייכלט ער. ער פאַרשטייט זי.

אויך צום מיטאָג איז ניומע ניט געקומען. מעגלעך ער איז געבליבן עסן ביים פעטער. נאָר פאַר וואָס מיידט ער זי אויס? דאָס פאַרשטייט זי ניט. נאָר וואָס קען איר העלפן דאָס פאַרשטיין?

ס'איז דער טאָג פון לערנען און ראַמען ביי די קאַגאַנס. לערנען וועט זי שוין מער ניט. עס זינגט זיך איר ניט. נאָר אויפראַמען איז זי מחויב. זינט די געסט זיינען אַוועק האָט זיך דאָ קיינער צו גאָרניט צוגערירט. מיט פאַרקלעמטע ציין האָט זי זיך אַ נעם געטון ראַמען, ווישן און וואַשן. וואָס אמת איז אמת. איראַ אַרבעט גלייך מיט איר. אַ צימער נאָך אַ צימער און די דירה איז ריין.

— געננוג! וואַש דיך אַרום. צייט צו לערנען, זאָגט איראַ. מער האָט

זי ניט אויסגעהאַלטן. עס האָבן זיך איר פון זיך אַליין אַ גאָס געטון די טרערן.

— וואָס איז מיט דיר? לוקאַ! וואָס פאַר אַ וויינען? ווילסט הײַנט ניט זינגען, דאַרף מען ניט.

לוקאַ פילט אַז אַוועקפאָרן און קיינעם גאָרניט זאָגן, וועט דאָס האַרץ ניט אויסהאַלטן.

— איראַ! טייערע! זייט מיר מוחל, — האָט זי אָנגעהויבן כליפּענדיק, — איך האָב אייך אַלעמען אָפּגענאַרט. איך בין ניט די וואָס איך האָב מיך פאַר אייך פאַרגעשטעלט. איך בין ניט קיין ייִדישקע! אַ ציגײַנערטע בין איך! אַ געוועזענע גאָסנמויד!.. — און עס האָט זיך אַ גאָס געטון פון איר האַרצן אַלץ וואָס זי האָט געוואָלט דערציילן ביומען און ניט געקענט. אַלץ, מיט אַלע פּיטשעווקעס, איר קינדהייט, איר דינען ביי די פּייערמאַנס און ווייטער ביז ביומע האָט זי אַראָפּגענומען פונעם שטריק.

באַלד פון אָנהייב האָט זי איראַ אַ כאַפּ געטון ביי דער האַנט און אַוועקגעשלעפּט זי אין שלאָפצימער. איראַן האָט זיך געדאַכט, אַזוינס טאָר מען ניט דערציילן אין סאַלאָן, אַזאַ ווידוי קען מען הערן נאָר אין אַ באַהאַלטענעם ווינקל.

אַדאַם האָט אויפגעמאַכט די טיר, האָט זי אים פאַרטריבן. „שפּעטער! האָט זי געזאָגט, שפּעטער!״ ביידע זיינען זיי געזעסן און געוויינט.

— ער האָט מיך ניט נאָר אָפּגעראַטעוועט פונעם טויט, — האָט לוקאַ פאַרגעזעצט, — ער האָט מיך, אַ קויטיקע גאַסנפרוי, געמאַכט פאַר אַ מענטשן. געהאָלפן מיר אָנהייבן אַ ניי לעבן. צי האָב איך געקענט אים ניט ליב באַקומען?.. פון אָנהייב אָן מיידט ער מיך אויס. ער באַמיט זיך וויניקער קוקן אין מיין זייט און איך ווער נאָך אים פאַרברענט! נעכטן איז ער, ביז צוויי אַ זייגער, געווען ביי דיאַנען. צי קען איך אים פאַרווערן?! צי קען איך אים שטערן לעבן זיין לעבן? דער איינציקער אויסוועג איז אַוועקפאָרן. פּרוון פאַרגעסן...

איראַ האָט געהערט. איראַ האָט זיך געשלאָגן מיטן געדאַנק, צי דאַרף זי איר אויסזאָגן דעם אמת. צי זאָל זי איר זאָגן אַז ביומע האָט זי ליב און נאָר זיין לייטישקייט לאָזט אים ניט אויסניצן זיין לאַגע. זי האָט געוווּסט,

ניומע וועט זיך קיין מאָל ניט דערלויבן מאַכן פון איר זיין געליבטע. נאָר אויך חתונה האָבן מיט איר קען ער ניט. שוין צו פיל איינגלייבענישן שטייען זיי אין וועג. איז אפשר טאַקע בעסער פאַר ביידן זי זאָל אַוועקפאָרן.

ס'איז שוין געווען שפּעט ווען זי האָט לוקאַן אַרויסבאַגלייט. צום סוף האָט זי ניט אויסגעהאַלטן און איבערגעגעבן איר דעם שמועס מיט דיאַנען. זאָל זי אַליין באַשליסן ווי אַזוי צו האַנדלען.

אַהיים איז לוקאַ געגאַנגען ווי שיכּור. — „ניומע! ניומעלע!" — האָט אין איר געוויינט דאָס האַרץ. צוליב מיר פּלאָגט ער זיך. איך בין פאַר אים ניט קיין פּאָר. איך טאָר זיך אים ניט שטעלן אין וועג. ער וועט קיין מאָל ניט אויפרייסן דאָס קייטעלע צו מיר אין קיך. נאָר איך אַליין מעג עס טון. נאָר איך אַליין וועל עס טון! איין נאַכט, די לעצטע, קומט אונדזביידן.

אין דער פרי האָט זי באַשטעלט דעם בעל-עגלה, געקויפט אַ רענצל, איינגעפּאַקט דאָס ביסל פאַרמעגן און אַוועקגעשטעלט עס הינטער דעם פאַרהאַנג, וווּ עס זענען פריִער געהאַנגען אירע קליידלעך. ניומע האָט אַפילו ניט געטראַכט פון אַריינקומען אין קיך. ער האָט נאָך אַלץ ניט געקענט פאַרגעסן: „זי שלאָפט ביי דיר אין קיך, שלאָפט זי!"...

דער טאָג האָט זיך געצויגן און געצויגן. זי איז געזעסן אַ ביסעלע ביי די בורשטיינס, זי האָט אַ בלאָנדזשע געטון איבערן גאָרטן, געזעגנט זיך מיט די ביימער. זיי שטייען נאָך גרינע און רויִקע. נאָר די פאַלנדיקע בלעטער דערמאָנען: דער זומער איז שוין אויס. עס גייען שווערע צייטן.

פאַר נאַכט האָט זי זיך גרינטלעך אַרומגעוואַשן, אָנגעטון אַ ריין נאַכטהעמד, אויסגעלאָשן דאָס ליכט און אַוועקגעלייגט זיך וואַרטן. ניומע איז געקומען אַרום צען — און גלייך געלייגט זיך שלאָפן. איר איז געבליבן וואַרטן ביז ער וועט איינשלאָפן.

— מאַמעניו! האַרציקע! — האָט זי אַ טראַכט געטון. — העלף מיר, מאַמע! דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן גיי איך צו מיין ליבן פונעם אייגענעם ווילן.

אויף די שפּיץ באָרוועסע פינגער איז זי צוגעגאַנגען צו זיין בעט. זיך איינגעבויגן און אַ קוש געטון אים אין שטערן. מער האָט זי ניט אויסגעהאַלטן. זי האָט אַ שלעפּ געטון די גרינגע דעק מיט וועלכער ער איז געווען

צוגעדעקט און מיטן גאַנצן קערפּער זיך צוגעטוליעט צו אים. קושנדיק אים די פאַרשלאָפענע אויגן, די באַקן, די ליפּן... און אים האָט זיך צו ערשט געדאַכט אַז עס איז אַ חלום. שוין אַ באַפרייטער פון שלאָף, האָט ער געפּרוווט עפּעס זאָגן, נאָר זי האָט אים פאַרשטעלט דאָס מויל. מער האָבן זיי ניט גערעדט. לאַנג און טיף איז געווען דאָס פאַרגעניגן. קיין מאָל האָט זי נאָך אַזוינס ניט געפילט. זיי האָבן ניט געוווּסט פון קיין גרענעץ. ניט געוווּסט פון מידקייט, זיי האָבן זיך ניט געקענט אָפּרייסן איינס פונעם אַנדערן. ערשט פאַר טאָג האָט זי באַהערשט דער אומרו: און וואָס וועט זיין אויב ער וועט ניט איינשלאָפן און זי וועט פאַרשפּעטיקן דעם בעל־עגלה? נאָר ער איז פּלוצעם און טיף איינגעשלאָפן. האָט זי נאָך אַ מאָל טיף אַריינגעאָטעמט אין זיך זיין באַזונדערן ריח און שטילערהייט זיך אַרויסגעגליטשט פונעם בעט.

ס'האָט שאַריִעט אויף טאָג. גרויע כמאַרעס זיינען פויל געקראָכן איבערן נידעריקן הימל. דער בעל־עגלה האָט אַ טרייב געטון די פערד באַרג־אַרויף, אין גרויען מאָרגן אַריין. די הענט אירע האָבן נאָך אַלץ געשמעקט מיט ניומען.

און ניומע האָט זיך אויפגעכאַפּט שפּעט. אין קיך אויפן טיש האָט אויף אים געוואַרט אַ קורץ בריוול:

„זוך מיך ניט. איך וועל מיך ניט אומקערן. אַזוי איז בעסער".

ער האָט געזוכט. און נאָך ווי אַזוי געזוכט. דורך דעם בעל־עגלה האָט ער זיך דערקליבן צו די עלטערן פון די מיידלעך. זיי האָבן ניט געוווּסט דעם אַדרעס. בוקאַרעשט איז גרויס. צוויי וואָכן האָט ער גענישטערט און געבלאָנדזשעט איבער דודעשטי און וואַקאַרעשט [1]. גיי זוך אַ נאָדל אין אַ סטויג שטרוי! ער האָט זיך אומגעקערט מיט גאָרניט.

1. שטאָטקוואַרטאַלן אין בוקאַרעשט.

לעצטער אַקאָרד

אָנהייב אויגוסט 1944 האָט אַ רוסישער אַרטילעריע־פּאָלק אויפֿן וועג צום יאַסער פראָנט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער האַלב־חרובער בוהושער טעקסטיל־פאַבריק.

דער שטאַב האָט אויסגעטיילט איינעם אַ קאַפּיטאַן פאַר אַ צייטווייליקן קאָמענדאַנט פון דער פאַבריק.

דער פּאָלק האָט געהאַלטן ביים אָפּפאָרן, ווען צו דעם נייעם קאָמענדאַנט האָט זיך געמאָלדן אַ דעלעגאַציע פון דריי אַרבעטאָרינס. קיין רוסיש האָבן די דעלעגאַטקעס ניט געקענט. איינע, די ייִנגסטע פון זיי, האָט עפּעס שעבעטשעט אויף אוקראַיִניש, נאָר דער קאָמענדאַנט האָט זי ניט פאַרשטאַנען. האָט ער זיך דערמאָנט אַז דער קאָמאַנדיר פון דער צווייטער באַטעריע, דער לייטענאַנט קופּערשטיין, איז אַ בעסאַראַבער און מוז קענען רומעניש. דער פּאָלק האָט זיך געאיילט אויפֿן פראָנט, נאָר דער לייטענאַנט קופּערשטיין האָט זיך געמאָלדן.

לוקאַן האָט ער דערקענט פונעם ערשטן בליק. זי אים האָט ניט דערקענט. די שטרויענע וואָנצעס זיינע האָבן געענדערט זיין געעלטערטן אויסזען.

ער האָט אויסגעהערט די דעלעגאַציע און איבערגעזעצט דעם קאָמענדאַנט זייער ביטע. זיי האָבן געבעטן דער קאָמענדאַנט זאָל אָננעמען מיטלען, מען זאָל אויפהערן צעטאַשלעווען דאָס פאַבריק־פאַרמעגן. פאַר דער מלחמה האָט די פאַבריק געשפּייזט אַריבער זיבן טויזנט אַרבעטערס. און זאָל מען זיי דערלויבן צוטרעטן רעמאָנטירן דאָס וויניקע וואָס זיי קענען רעמאָנטירן מיט די אייגענע כּוחות. און נאָך האָט לוקאַ געבעטן, מען זאָל אויסטיילן אַ וואָך צו באַשיצן די מיידלשע צוזאַמענוווינונגען, ווייל ביי נאַכט האָבן שיכּורע סאָלדאַטן געפּרוווט אויפרייסן די טירן.

דער קאָמענדאַנט האָט צוגעזאָגט, וואָס ער האָט צוגעזאָגט. און נאָר ווען די דעלעגאַציע האָט זיך געלאָזט צו דער טיר, האָט ניומע זי אַ רוף געטון — לוקאַ! זי האָט זיך אומגעקוקט און האָט אים דערקענט. ער האָט

זי אויפגעהויבן, געקושט אירע אויסגעדאַרטע, ליבע באַקן. „לוקאַ! — האָט ער געשעפּטשעט — ווי אַזוי לעבסטו, לוקאַ?"

זי האָט ניט געקענט רעדן, עס האָבן זי געוואָרגן די טרערן.

ביי דער טיר איז געשטאַנען זיין אַדיוטאַנט.

— לייטענאַנט, — האָט ער געזאָגט, — די באַטעריע איז גרייט צום מאַרש. מען וואַרט אויף אייך.

זי האָט אים באַגלייט ביז דעם אויטאָ, זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען ווען די קאָלאָנע, אָן איינגעוויקלטע אין געדיכטן שטויב, איז שוין געווען ווייט.

יוסף מגן

ישראל דינעס קאַלקער און זײַן דור

ישראל דינעס קאַלקער איז געבוירן געוואָרן אין סאָראָקע, בעסאַראַביע, אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין יעדינעץ, דרום־בעסאַראַביע, אין אַן עכט ייִדישער סביבה.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען די בעסאַראַבער ייִדן אָפּגעריסן געוואָרן פון ייִדישן דרום־רוסלאַנד, מיט וועלכן זיי זענען געווען פאַרבונדן סײַ עקאָנאָמיש, סײַ קולטורעל. די רומענישע שפּראַך און די קולטור־טראַדיציעס פון אַלטרומעניע, בוקאָווינע און טראַנסילוואַניע זענען ניט געווען בכוח צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון די איינגעפונדעוועטע ייִדישע קולטור־טראַדיציעס.

אין יענער צײַט האָבן שוין אונדזערע זיידעס געהאַט פאַרגעסן דעם קאַמף צווישן חסידות און השכלה און אונדזערע טאַטעס האָבן שוין דורכגעמאַכט דעם געראַנגל צווישן רעליגיע און וועלטלעכקייט, האָבן זיך שוין געהאַט דערווייטערט פון דער דיסקוסיע „אַרגענטינע אָדער פּאַלעס־טינע”, אַפילו דאָס „פּינפּטע יאָר” האָט פאַרלוירן זײַן השפּעה און גלאַנץ.

אונדזער דור, די אייניקלעך און זין, איז שוין כמעט ניט געגאַנגען אין די חדרים און און ניט ממשיך געווען דאָס „קנעלן” אין די געציילטע ישיבות. מיר האָבן אָנגעהויבן לערנען אין פּריוואַטע בתי־ספר אָדער תלמוד־תורהס ווו מען האָט געלערנט תנך, דיקדוק, ייִדישע געשיכטע און העברעיִשע ליטעראַטור. אַלץ — אין העברעיִש. דאָס רוב לערערס זענען געקומען פון יענער זייט נעסטער און אַפילו פון דער ווייטער ליטע. גאָר גיך איז אין בעסאַראַביע אויפגעקומען אַ נעץ פון העברעיִשע מיטלשולן און ביבליאָ־טעקן, ווו מען האָט געקענט באַקומען אַלע, אָן אויסנאַם, ביכער פון די אָדעסער, וואַרשעווער, בערלינער און ניו־יאָרקער פאַרלאַגן.

שולן אויף יידיש זענען בכלל ניט געווען אין בעסאראַביע, און ביכער אויף יידיש האָבן מיר אָנגעהויבן לייענען נאָך דעם ווי מיר האָבן שוין געקענט מאַפּוס היסטאָרישע ראָמאַנען, פּרץ סמאָלענסקיס כּתבים און ביאַליקס שירים. ערגעץ ווו איז אַנטשטאַנען אַ „קולטור־ליגע" וואָס האָט פאַרשפּרייט יידישיסטישע געדאַנקען און צו ביסלעך האָט זיך אַנטוויקלט דער וויכּוח „העברעיִש אָדער יידיש". העברעיִש האָט געהאַט איר פּערי־פּעריע: ציוניזם, ארץ־ישראל, „החלוץ". יידיש האָט מען אידענטיפיצירט מיט דער נייער אידעע וואָס איז געקומען פון איבערן טייך נעסטער.

די העברעיִשע דערציִונג־אילוזיע האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. כּמעט אַלע, מיט אַ קליינעם אויסנאַם, העברעיִשע שולן זענען רומעניזירט געוואָרן און פאַרשוווּנדן פון דער אייבערפלאַך. די יידישע יוגנט האָט אָנגעהויבן מאַסנווייז פאַרלאָזן די בעסאַראַבער שטעט און שטעטלעך. אַ טייל איז אַוועק אַרבעטן אין די טעקסטיל־פאַבריקן פון די נייע אינדוסטריעלע צענטערס פון בוקאָווינע און אַלטרומעניע, אַ טייל האָט אויסגעוואַנדערט קיין דרום־אַמעריקע און אַ טייל איז אָנגעקומען לערנען אין די אוניווערסיטעטן אָדער אין העברעיִשען לערער־סעמינאַר „שפה עבריה" אין טשערנאָוויץ. דער וויכּוח צווישן דער ציוניסטישער יוגנט און די מאַסן יוגנטלעכע פון אונדזער דור, וועלכע זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער באַפרייונג־אידעע, איז געוואָרן אַלץ טיפער און שאַרפער. דער קאָמוניזם האָט צוגע־זאָגט אַ באַלדיקע אויסלייזונג פון אַלע וועלט־פּורעניות און, פאַרשטייט זיך, פון אַלע יידישע צרות. די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין בעסאַראַביע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ יידישער מערהייט איז אַכזריותדיק פאַרפאָלגט געוואָרן דורך דער רומענישער רעגירונג.

אָנהייב צווייטער וועלט־מלחמה האָט סאָוועט־רוסלאַנד פאַרנומען בעסאַראַביע. די יידישע באַפעלקערונג האָט מיט ענטוזיאַזם און פרייד אויפגענומען די סאָוועטישע אַרמיי. יידישע יוגנטלעכע האָבן באַלעסטיקט און באַשפּיגן די אָפּטרעטנדיקע רומענער און באַוואָרפן מיט בלומען די רוסישע סאָלדאַטן. יידישע יוגנטלעכע האָבן זיך אומגעקערט פון אַלע „גלותן" אין באַפרייטן בעסאַראַביע. אַפילו פון ארץ־ישראל זענען צוריקגע־קומען אַנטוישטע חלוצים.

אין די יוני־טעג פון 1941 האָבן די רומענער ווידער פאַרנומען בעסאַ־ראַביע. זיי האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט די ייִדן פאַר די באַליידיקונגען וואָס זיי זענען אויסגעשטאַנען בעת זייער אָפּטרעטן מיט א יאָר צוריק. אַלע גויִישע קאָמוניסטן האָבן זיך דאָס מאָל באַטייליקט אין די פּאָגראָמען און מאַסן־שחיטות קעגן ייִדן. שפּעטער זענען די רומענישע לעבן־געבליבענע ייִדן דעפּאָרטירט געוואָרן אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער פון טראַנסניסטריע. פון דריי הונדערט טויזנט פאַרשיקטע זענען לעבן געבליבן 70 טויזנט. ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט אין 1944 פאַרנומען בעסאַראַביע איז דאָס לאַנד געווען ריין פון ייִדן. עטלעכע טויזנט לעבן־געבליבענע האָבן זיך צוריק־געקערט קיין בעסאַראַביע, אָבער אויפשטעלן צוריק אַ ייִדיש קולטור־לעבן איז שוין ניט געווען מעגלעך.

ישראל דינעס קאַלקער, און דער מחבר פון אָט די שורות, האָבן געהערט צו דעם דור וועלכער איז אויפגעוואַקסן און שפּעריש רייף געוואָרן אין דער אויבן דערמאָנטער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער ווירקלעכקייט. אָט דער דור האָט אַרויסגעגעבן דאָס רוב, אויב ניט אַלע, ייִדישע שרייבערס, פּאָעטן און זשורנאַליסטן פון בעסאַראַביע. דער „נאָכ־ווּקס", וואָס איז געבוירן געוואָרן אין די צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט און איז רייף געוואָרן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה איז שוין געווען דערווייטערט פון דער ייִדישער סביבה, איז דערצויגן געוואָרן אין רומעניש און ביסלעכווייז זיך אָפּגעריסן פון די שורשים.

אין זיין וואָרט ביים באַקומען דעם גאַרבי־פּרייז פאַר זיין ערשטן בוך („געציילטע טעג", פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָביב 1985, 108 זז׳) דערציילט קאַלקער באריכות וועגן זיך, וועגן דער יעדינעצער קולטור־סביבה און וועגן אונדזערע בשותּפותדיקע ליטעראַרישע פּרוּווּנגען. וועל איך צוגעבן נאָר אייניקע פּרטים.

ביידע האָבן מיר געלערנט אין בית־ספר פון באַרימטן לערער הלל דובראָוו, אַ יעדינעצער איידעם, און אונדזער צווייטער לערער איז געווען דער דיכטער י. ל. יאַגאָלניצער. פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע זענען מיר אַריבער צו פּועלי־ציון. קאַלקער האָט געלערנט אין טשערנאָוויצער העברעיִשען לערער־סעמינאַר און איך אין טשערנאָוויצער

אוניווערסיטעט. שפּעטער איז קאַלקער אַריבער צו די „לינקע” און אונדזערע קאָנטאַקטן זענען איבערגעריסן געוואָרן — ער איז געכאַפּט געוואָרן און פֿאַרשפּאַרט אויף אייניקע יאָרן אין דער רומענישער תּפֿיסה, און איך האָב עולה געווען אין 1938.

קאַלקער האָט דורכגעמאַכט דעם סאָוועטישן „פֿרילינג” און איז אַוועק אויף מיזרח נאָכן אָנפֿאַל פֿון די דייטשן אויף ראַטן־פֿאַרבאַנד.

בעת אונדזער באַגעגעניש נאָך דעם ווי ער איז עולה געווען, האָט ער מיר דערציילט וועגן זיינע יאָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד בעת דער מלחמה און נאָך דעם ניצחון איבער נאַצי־דייטשלאַנד; וועגן בלינדן גלויבן, וועגן האָפֿענונגען און אַנטוישונגען. „שטעל דיך פֿאָר — האָט ער מיר דערציילט — ווען סטאַלין איז געשטאָרבן האָב איך געוויינט...”

ער איז געווען קראַנק אויפֿן האַרצן. איין האַרצאַטאַק האָט ער דורכגעמאַכט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, אַ צווייטן דאָ אין ישׂראל. מיר האָבן געוווּסט אַז זיין לעבן הענגט אויף אַ האָר. די לעצטע חדשים האָט ער געאַרבעט אויף דעם צווייטן בוך, „מיט דער באַבעס אויגן”. געהאָפֿט אַז ער וועט דערלעבן צו זען דאָס בוך אָנגעטאָן אין טאָוולען. אויפֿן טיש ביי זיין שפּיטאָלבעט זענען געבליבן ניט־אַרויסגעשיקטע בריוו צו פֿאַרשיידענע קול־טור־אינסטיטוציעס, ביי וועלכע ער בעט שטיצע אויף אַרויסצוגעבן זיינע דערציילונגען.

ער איז ניפֿטר געוואָרן דעם 31סטן יאַנואַר 1988.

זאָל דאָס דאָזיקע בוך זיין אַ ליטעראַרישע מצבֿה לזכר דעם עלטסטן אָנפֿאַנגער אין דער יידישער ליטעראַטור, הגם דער אָנהייב איז, לכל־הדעות, געווען פֿון אַ רייפֿן פּראָזאַיקער. כּבֿוד זיין אָנדענק!

אינהאַלט

אַזוי בין איך געוואָרן אַ שרייבער ביי ייִדן 7

מיט דער באָבעס אויגן 11

מדרש חגי 90

איין איינציקער זומער 123

יוסף מגן — ישראל דינעס קאָלקער און זיין דור 178